STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03607

MAME ERD

M. Ghitzis

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]:
"[illegible]" (1926)
"[illegible]" (1932)
"[illegible]" (1938)
"[illegible]" (1939)
"[illegible]" (1941)
"[illegible]" (1947)

"LITERARISHE ZAMLUNGEN"
M. GHITZIS
3705 FLOURNOY
CHICAGO 24, ILL.
1947
PRINTED IN U. S. A.

PRINTED BY
INTERNATIONAL PRINTING COMPANY
937 W. VAN BUREN ST.
CHICAGO 7, ILLINOIS
584

[illegible]
נחמן מייזל
[illegible]
מ. גיציס

מ. גיציס

דאָס בוך איז פון דער
איקוף ביבליאָטעק
אין ניו יאָרק

מאמע ערד

פאַרלאַג
„ליטעראַרישע זאַמלונגען"
שיקאַגע

אינהאַלט:

מאַמע ערד

טראָס פֿון אַלמעכטיקער

אַלי קאַלצאַלר

פֿער בורר

אָמניבוס וויטאַן

אַגלוווע

מוסטער לעהן

פֿאַטוז נאָסטאַלג

דאס בוך איז פון דער
איקוף ביבליאטעק
אין ניו יארק

מ. גיציס

מאמע ערד

דער טיף־הארבסטיקער טאג האט שוין געהאלטן באם פארגייען. די וואלקנס האבן געהאנגען איבער דער ערד מיט גרויער טריבקייט. בערג איז געווען באזארגט. וואָרן אין דעם שטילן פארנאכט האט די ראדיא גע־בראכט א בשורה, וואס האט אים ווי מיט קאלטע פינגער א כאפ געטאן באם הארצן.

ביולא איז געשלאפן. זי איז געלעגן אנגעטאן, א פארדעקטע מיט א גרויסן ווארעמען שאל. בערג איז געזעסן אין ווייכן שטול באם טיש. דער לאמפ אונטערן אבאזשור האט געלויכטן מיט רויטלעכער שיין. ער האט זיך צוגעהערט צו דער איינגעשטילטער שטימע וואס איז געקומען פון דער ראדיא מיט מאנאטאנעם נאראטיוו . . .

א כוואליע פון פארצווייפלונג און שרעק שפרייט זיך איבערן לאנד.. דער קראך אין ״וואל־סטריט״ וועט אפהילכן איבער דער וועלט, פון איין עק ביזן צווייטן... די באנקען געשלאסן.. די פאניק צווישן דער באפעלקערונג וואקסט.. וואקסט. דער פרעזידענט הואווער . . .

בערג האט זיך צוגעהערט א פארטראגענער צו אומהיימלעכע געדאנקען. אט איז דאס ענדלעך געקומען דאס, וועגן וואס די געשיכטע און דער היסטארישער מאטעריאליזם לערנט.. דער אנגעזאמל־טער שמוץ, גנאי, שוויס, בלוט און מאטעריע האט ענדלעך אנגעריסן מיט טויזנטער בלאטערס אויף דעם פעטן, אנגעפרעסענעם קערפער, און די בלאטערס האבן ענדלעך געפלאצט.. איצט... איצט... איצט..

די געדאנקען האבן אים א טראג געטאן צוריק צו די יארן פון דער רעוואלוציע, צו די טעג און נעכט אין וויטן רוסלאנד פון וואנען דער אב־זאג פון די דאזיקע אנקומענדיקע טעג האבן ארויסגערופן בייזן, פארסאמטן האס און שרעק, שרעק פאר דעם אנקומענדיקן קראך.

בערג האט פארמאכט די ראדיא. עס האט זיך אים געוואלט צוזאמענ־קלייבן זיינע געדאנקען און אריינדרינגען אין דעם אנקומענדיקן כאאס און באטראכטן ווי אזוי ער קאן באפעסטיקן און פארהיטן דעם בנין — די קא־לאניע, פארהיטן זי, פון אנקומענדיקן שטורם און מבול, וואס קאן אוועק־טראגן און אפווישן די גאנצע מי, די גאנצע ארבעט און דערגרייכונגען פון די קאלאניסטן.

I

לעאָן בערג איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליינעם שטעטל אין אוקראַי־נע. דער פאָטער זיינער, אַ תבואה־הענדלער און משכיל האָט זיך באַמיט צו געבן לעאָנען אַ יידישע און אַלגעמיינע דערציאונג און בילדונג. דער יינגערער דור אין דעם שטעטל איז אין יענע ערשטע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט געווען ציוניסטיש געשטימט. אויך לעאָן, אַ פאַרכאַפּטער פון דעם אידעאַל האָט געטרוימט צו באַזעצן זיך אין ארץ ישראל און ווערן אַן ערד־אַרבעטער. דער פאָטער, וועלכער האָט אַלע זיינע יאָרן געוואָלט באַ־זעצן זיך אין אַ דאָרף און האָבן אַ שטיקל פאָסעסיע פאַר זיך, האָט ניט ענטמוטיקט לעאָנען אין זיינע שטרעבונגען. פאַרקערט, ער האָט זיך אפילו באַמיט אַריינצוגעבן לעאָנען אין אַן אַגראָנאָמישער שול, כדי צוצוגרייטן אים צו דעמדאָזיקן באַרוף, צי דאָס וועט זיין אין אַ דאָרף אין אוקראַינע, צי אין ארץ ישראל. אָבער מיט דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז לעאָן מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער צוגענומען געוואָרן אין דער אַרמיי, באַטייליקט זיך דערנאָך אין די שלאַכטן, פאַרוואונדעט געוואָרן אין אַ פוס און איז ענדלעך באַפרייט געוואָרן.

דערנאָך, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, איז ער פאַר־כאַפּט געוואָרן פון דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט און ער האָט דערזען דאָס לאַנד און דאָס לעבן, ווי ער האָט עס נאָך ביז דעמאָלט קיינמאָל ניט געזען. די נשמה פון דעם אויפגעוואַכטן און דעם באַפרייטן פאָלק, דער גייסט פון דעם שטייגנדיקן אינטערנאַציאָנאַל, די פּראָפּאַגאַנדע און די לעקציעס אין יעדן ווינקעלע פון גרויסן רוסישן לאַנד, די אָפּפערוויליקייט פון די אַרבע־טער און פירער, דער לעצטער קאַמף מיט די רעשטלעך פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע און דער גלויבן אין אַ נייער גערעכטער וועלט, — דאָס אַלעס האָט געעפנט אין לעאָנס נשמה קוואַלן פון נייע עמאָציעס און נייע געדאַנ־קען, פון אַ נייעם זין און ווערט פון לעבן.

דער פאָטער אָבער, אַן עלטערער מענטש שוין, אַן אַרויסגעשטויסע־נער פון דעם גלייכגעוויכטיקן באַלעבאַטישן לעבן זיינעם, האָט ניט גע־קאָנט באַנעמען די נייע בליקן און נייע וועגן פון לעאָנען. ער האָט ניט גע־קאָנט פאַרשטיין צוליב וואָס לעאָן טראָגט זיך פון איין שטעטל צום צווייטן, טראָגט זיך ווי אַ באַפליגלטער מיט געדאַנקען און מיט ווערטער און רעדט אין די פאַבריקן, אין די קלובן, און עסט ניט און שלאָפט ניט, און ווערט בלייכער פון טאָג צו טאָג, און בלויז די אויגן זיינע וואָס ברענען ביי אים, ווי אָנגעצונדענע מיט רויטע פונקען און דער צושויבערטער קאָפּ, און די נערוועזע פינגער זיינען עדות פון זיין צעשרויפטן און פיבערישן צו־

שטאַנד. און ווען דער הונגער און דער טיפוס האָבן אָנגעהויבן אומרחמנות־דיק שניידן דאָס לאַנד, איז אויך לעאָן קראַנק געוואָרן, אָפּגעלעגן עטלעכע וואָכן אין הויכן פיבער און ווען ער איז געקומען צו זיך, האָבן שוין סיי דער פאָטער און סיי די מוטער אָפּגעמאַכט באַ זיך, אַז דאָס אונטערטרעגלעכע לעבן איז ניט פאַר לעאָנען און ניט פאַר זיי. זיי האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד.

דאָרט אין דער ווייטער אַמעריקע האָט געלעבט דעם פאָטערס אַ ברודער, אַן אַלטער בחור, אָבער אַ רייכער, ווי מ'האָט זיי אַמאָל איבערגע־געבן און ווי דער ברודער האָט אַליין אַ פּאָר מאָל געגעבן אָנצוהערן. און אָט צו דעמדאָזיקן רייכן ברודער דאַרף מען זיך דערשלאָגן.

לעאָן האָט ניט געוואָלט הערן פון דעם. דאָס רעוואָלוציאָנערע לעבן איז אים שוין אַריין אין בלוט. זיי קאָנען פאָרן אויב זיי ווילן, האָט ער זיי געזאָגט, ער אָבער וועט ניט פאַרלאָזן רוסלאַנד. עס האָט אים אָבער ניט געהאָלפן. דאָס געוויין און דאָס קלאָגן, און די שלאָפלאָזע נעכט פון די עלטערן, און די פאַרשידענע און אָפטע פיזישע און גייסטיקע מאַטערנישן און איבערלעבענישן, האָבן אָנגעהויבן צו ווירקן אויף אים און האָבן אונ־טערגעבראָכן זיין גוף און זיין גייסט. דער רויטער אָרעאָל אַרום דעם גלויבן אין דער נייער גערעכטער וועלט האָט זיך אָפט אָפּגעשפּיגלט אין רויטע טייכן בלוט; דער טרוים און גלויבן אין דעם קומענדיקן האָט זיך אָפט גע־טראָגן איבער שווארצע שאָטנס פון טויט, אין גערעכטן און אומגערעכטן מאָרד, געטראָגן זיך אין די טאָלן פון געוויין, אין אויסגעריסנקייט און אין הונגער, געטראָגן זיך אָפט איבער צעטראָטענע און פאַרשוועכטע מענטשלע־כע רעכט. די צייט האָט געפאָדערט צעשטערונג און געפאָדערט בלוט און לעאָן, אַ געטראָגענער אין שטראָם פון קאַמף, האָט מיטגעהאָלפן מיט זיין וואָרט און מיט זיין ענערגיע אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

אָט דער דאָזיקער צושטאַנד זיינער און דער טיפער געראַנגל האָט סוף כל סוף געפירט צו זיין צושטימונג צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. ער האָט אָבער ניט געוואָלט מישן זיך אין דעם פאָטערס צוגרייטונגען — ער וועט פאָרן ווי אַ בלינדער, ווי אַ געפירטער, זיי, די עלטערן, קאָנען טון ווי זיי ווילן — ער וועט ברענגען דעם קרבן. די דאָזיקע אונטערוואַרפונג צום ווילן פון די עלטערן האָט פון דעמאָלט אָן נאָך מער פאַרשטאַרקט אין אים דעם אַנטאַגאָניזם צו אַרויפגעצוואונגענע בעציהונגען צווישן מענטש און מענטש און האָט אין אַ געוויסן זין געווירקט אויף דעם גאַנצן גאַנג פון זיין פער־זענלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ער האָט צוזאַמען מיט די עלטערן געגנבעט די גרעניץ קיין רומעניע און חדשים לאַנג געוואַרט אין בוקאַרעשט אויף די וויזעס, ביז זיי האָבן זיך דערוואַרט און זיינען ענדלעך אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע.

עס איז ניט געווען לייכט פאַר בערגן איינצושטילן זיין געמיט און זיין ענטוישונג אין דעם נייעם לאַנד. אַלעס האָט אים אויסגעוויזן צו זיין פרעמד און פיינטלעך צו אים. אפילו זיין אָנקל סעמיועל בערג איז אים די ערשטע צייט געווען אָפּשטויסנד מיט זיין פלאַכקייט, מיט זיינע וויצן און מיט זיין איין און איינציקן אינטערעס צו פירן געשעפטן און צו מאַכן וואָס מער געלט. ווען ער האָט זיך אָבער צוגעוואוינט צו אים און גענומען צוהערן זיך צו זיינע פּראָסטע און אָפנהערציקע רייד וועגן זיך, און וועגן מענטשן, און וועגן לאַנד, אין אַלגעמיין, האָט ער אָנגעהויבן צו געפינען אין דעם אָנקל סעמיועל בערג אַזעלכע שטריכן, וואָס האָבן מיטאַמאָל גענומען אַרויסשיינען מיט פאָלקסטימליכן און מענטשלעכן הומאָר און האָבן אַנטפּלעקט פאַר אים די אינערלעכע גוטסקייט זיינע, וואָס איז געלעגן אונטער אַ באַרג פון ענגע, קליינלעכע און איין און איינציקע זאָרגן וועגן זיינע פונאַנדערגעוואַקסענע ריל־עסטייט ביזנעס.

דערנאָך, ווען בערג האָט אָנגעהויבן צו באַהערשן די שפּראַך און זיינע פאַרדינסטן אין דעם פוטער־שאַפּ וואו ער האָט געאַרבעט זיינען געוואָרן גרעסער און ווען ער האָט מיטאַמאָל ענדעקט אַ ברויזנדיקע יידישע אַרבעטער באַוועגונג, אַ באַוועגונג, וואָס האָט טיילווייז געאָטעמט און פּולסירט מיט דעם גייסט פון סאָוועטישן רוסלאַנד, — ווען ער האָט געזען ווי עס וואַקסט און ווי עס פאָרמירט זיך פאַר זיינע אויגן דער פּראָצעס פון רעוואָלוציאָנערער אויפוואַכונג און ער האָט דערפילט, אַז אויך דאָ הייבט אָן זיין געפּענטעט יידיש וואָרט צוווירקן, הייבט אָן פאַרוואַנדלט צו ווערן אין טאַט, האָט זיין לעבן ווידער באַקומען אַן אינהאַלט. ווי אַ גרויסער גס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אים די רייכקייט פון דער יידישער שפּראַך, פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור. די טויזנטקעפּיקע פאַרזאַמלונגען, וואו מ׳האָט גערעדט יידיש, די גרויסע רייכע צייטונגען, די מעכטיקע יוניאָנס, די פאַרבאַנדן, די שרייבער, די ביכער, און טעאַטערס—דאָס אַלעס האָט מיט אַמאָל אַרויסגערופן אין אים דעם ווילן אַרויסצוקומען אין דעם אַוואַנגאַרד פון דעם שאַפּענדן סאָציאַל־עקאָנאָמישן און קולטורעלן יידישן לעבן פון אַמעריקע. און זיין ווילן און זיין שטרעבונג האָט געפונען דעם דאַנקבאַרן באָדן. ער איז געוואָרן טעטיק אין דער יוניע און האָט פאַרעפענטלעכט אַ רייע פובליציסטישע אַרטיקלען אין די אַרבעטער פובליקאַציעס.

ער האָט אָבער אָנגעהויבן צו באַמערקן און די אַרבעטער אַליין האָבן אים געגעבן צו וויסן און צו פילן, אַז ערגעץ וואו אין זיינע רייד און אין זיינע אַרטיקלען איז פאַראַן אַזאַ צומיש, וואָס שטימט ניט מיט די אָנגענומענע פאָרמולעס און קרעדאָס פון דער יוניע. און אָפט באַ זיינע אַרויסטרעטונגען באַ די מיטינגען האָט ער געזען און געהערט ווי עס שאַפן זיך שטערונגען און אָבסטרוקציעס צו זיינע פאָרשלאָגן. ער איז אָפט איבער־

געריסן געוואָרן און אָפּט אַפֿילו פֿאַרשריגן געוואָרן פֿון אייניקע אַרבעטער און די דאָזיקע פּאַרטייאישע און אַרבעטער צעשפּאָלטענקייט האָט אים געוואונדערט און אין דערזעלבער צייט געהאַלטן דעם פֿלאַם פֿון זיין גייסט ווי פֿאַרטונקלט אין דעם רויך און טשאַד פֿון ברענענדיקע קאָנפֿליקטן. עס האָט זיך אים געוואָלט, אַז דאָ אין אַמעריקע, וואו דער וועג צו גערעכטיקייט האָט ניט געפֿאָדערט אַזאַ בלוטיקע רעוואָלוציע און בירגער קריג, וואו דער גייסט פֿון סאָציאַלע רעפֿאָרמען איז מער וויניקער פֿאַרוואָרצלט אין די אַרבעטער שיכטן, דאָ, האָט ער געטראַכט, וואָלט מען בעדאַרפֿט אויסמיידן די בלוטיקע אָפּעראַציעס און לאָזן די אַרבעטער דורכגיין דעם וועג צו סאָציאַליזם דורך די שוין עקזיסטירנדע, סאָציאַל־באַוואוסטזיניקע יוניאָנס. מ'האָט אים פֿאַרשריגן מיט זיינע עטיש־סאָציאַלע און רעוואָלוציאָנערע אידייען. פֿאַר די לינקע אולטראַ־רעוואָלוציאָנערע גרופּעס איז ער געווען אַ רעכטער, — פֿאַר די רעכטע גרופּעס איז ער פֿאָרט פֿאַרבליבן אַ לינקער, ווייל ווי אויפֿריכטיק און ווי נייטראַל ער האָט ניט פּרובירט צו זיין אין זיין אויפֿפֿאַסונג פֿון סאָציאַלע און רעוואָלוציאָנערע רעפֿאָרמען, איז ער דאָך געווען פֿאַרבונדן מיטדעם לינקן פֿליגל פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט און בלויז צו זיי האָט ער געטראָגן זיין וואָרט און זיין. גלויבן אין אַגעמיינשאַפֿטלעכער, קאָאָרדינירטער און פֿריינטלעכער צוזאַמענאַרבעטונג אויף דעם וועג צו אַ גערעכטער סאָציאַלער געזעלשאַפֿט און סאָציאַלן זיג.

צווישן זיינע פֿריינט האָט בערג אַממערסטן געשעצט דעם פֿאַריער מענדל קרופּקין. מענדל קרופּקין איז געווען אַ ברייטפּלייציקער מאַן, אַ געשטופּלטער, מיט קלוגע גרויע אויגן, מיט אַ גוטן, אָבער ענערגישן אויסדריק אויף זיין פּנים. ער איז אַלט געווען פֿיר און דרייסיק יאָר, אָבער אַ בחור נאָך. געבוירן געוואָרן איז ער אין וויניצע פּאָדאָליע, —האָט ער דערציילט בערגן, — באַ אַן אָרעמען פֿאָטער, אַ באַלעגאָלע. באַקומען אַביסל בילדונג אין דער פֿירקלאַסיקער שטאָט־שול, אַנטייל גענומען אין דער מלחמה, געווען אַ שטיק צייט אַ געפֿאַנגענער ביי די דייטשן און ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד און די ווייס־אַרמייער האָבן פֿאַרנומען די שטאָט, איז ער אַנטלאָפֿן קיין רומעניע און פֿון דאָרט קיין אַמעריקע, אָט כמעט מיט דעם זעלבן מאַרשרוט ווי בערג. ער איז אָנגעקומען קיין ניו יאָרק, געוואָרן אַ פֿאַריער און אַ טעטיקער מיטגליד אין דעם לינקן פֿליגל פֿון דער יוניע. אָט, אין דער יוניע, טאַקע, האָט זיך בערג באַקאַנט מיט אים און האָט אים ליב באַקומען פֿאַר זיין אָפֿענעם בליק, פֿאַר זיין אָפֿענעם שמייכל, פֿאַר זיינע אָפֿענע, אמתע און אין דערזעלבער צייט טאַקטישע רייד. זיי פֿלעגן זיך טרעפֿן באַ מיטינגען און ווען בערג האָט אים איינמאָל געפֿרעגט פֿאַרוואָס ער, בערג, שלאָגט זיך אָן אויף אַזאַ שטאַרקער אָבסטרוקציע, האָט אים קרופּקין געזאָגט:

— איר ווילט זיין אידעאַלער, ווי עס איז מעגלעך צו זיין אונטער די אומשטענדן, חבר בערג. ווען איינער קומט אייך אַנטקעגן מיט אַ מעסער, קאַנט איר אים ניט באַקעמפן מיט אַ פען אָדער מיט אַ וואָרט.

— אַמאָל קאָן מען. — האָט אים בערג געענטפערט.

— אַמאָל האָט מען שוין פּרובירט און מ'האָט זיך שוין איבערצייגט, אַז מ'קען ניט. — האָט קרופקין געשמייכלט.

— וואָס זשע דאַרף מען טאָן אין אַזאַ פאַל, אויב איך גלייב ניט מער אין אַזאַ מיליטאַנטישער טאַקטיק, וואָס שרעקט אָפּ מיט בלוט? — האָט בערג געפרעגט.

— מ'טוט גאָרניט. — האָט אים קרופקין געענטפערט. — איר זענט אין דער מינדערהייט דאַרפט איר שווייגן.

— אָבער, אַז איך קאָן ניט שווייגן?

— טויג ניט. — האָט קרופקין רואיק געענטפערט. — ווען איר ווערט ווערן אַ קאָמוניסט, וועט איר עס פאַרשטיין.

— אָבער איר רייסט זיך אין אַן אָפענער טיר, חבר קרופקין, — האָט בערג געלאַכט. — זעט איר דען ניט, אַז איך בין אַ קאָמוניסט. איך קום דאָך . . .

— איר זענט, אָבער עפּעס פעלט אייך צום... קאָמוניסט. — האָט אים קרופקין איבערגעשלאָגן.

— וואָס פעלט מיר? — האָט זיך בערג פאַראינטערעסירט, נאָך אַלץ שמייכלענדיק.

— עס פעלט אייך די פונדאַמענטאַלע גרינטלעכע איבערצייגונג אין דער מענטשלעכקייט פון דעם קאַמף, וואָלט איך געזאָגט. און פאַרשטייט מיך ניט שלעכט, חבר בערג. איך ווייס, אַז איר ווייסט, אַז קאָמוניזם איז די אידייע פון אַ סיסטעם, וואָס קעמפט פאַר מענטשלעכער גלייכבאַרעכטי־קונג, — איך ווייס אָבער אויך, אַז אייער גלויבן אין דער מענטשלעכקייט גייט טיפער און ווייטער פון דעם קאָמוניזם. אייער קאָנצעפּציע וועגן אַ פרייער מענטשהייט איז מער אַ פילאָזאָפישע, דאַכט זיך מיר; אַ קאָנצעפּציע וואָס וויל ניט וויסן פון סטראַטעגיק, פון רעוואָלוציע און די אַלע אומפאַר־מיידלעכע פּראָצעסן און עקסצעסן, וואָס קאַמף פאָדערט. מיט איין וואָרט — איר זענט אַ קאָמוניסט, אָבער ניט אַ לעניניסטישער באָלשעוויק.

— און איך דאַרף דאָס אויסהערן... — האָט בערג געשמייכלט, — איך, וואָס קומט פון רוסלאַנד פון דער לאַבאָראַטאָריע פון קאָמוניזם, איך מוז דאָס אויסהערן פון אַן אַמעריקאַנעם קאָמוניסט, וואָס האָט נאָך קיין ברעקל קאָמוניזם ניט אָנגעזען אין זיינע אויגן.

— איר האָט דאָך אָבער יאָ געזען, חבר בערג, — האָט אויך קרופ־קין געשמייכלט, — טאָ פאַרוואָס ווילט איר גראָדע דאָ אין אַמעריקע אַן

עכט־ראַפינירטן אידעאַליזם?

— טאַקע דערפאַר, ווייל איך האָב דאָרטן געלערנט, — האָט בערג געענטפערט. ער האָט אָבער אויך צוגעגעבן מיט אייניקע רעזערוואַציעס, אַז קרופקין איז דאָ און דאָרט גערעכט. אָבער אַט אַזאַ מענטש איז ער און אַט אַזאַ איז איצט זיין קאָנצעפּציע וועגן רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

אַט אַזוי, אין די דאָזיקע דורכפאַלן, דעבאַטן, אַפּטע ענטוישונגען און אָפטע מיספאַרשטענדענישן האָט אין בערגס מח אָנגעהויבן צו פאַר־מירן זיך געוויסע אימפּרעסיעס און איבערצייגונגען, וועלכע זיינען געווען פאַר אים פּאָליטיש — שעדלעך, ער האָט עס געוואוסט. אָבער אין די מינוטן פון טיפערן אַנאַליז פון זיינע אייגענע טאַטן און רייד, איז ער שטענ־דיק געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אויב קרופקין און די איבעריקע זענען גערעכט, איז ער אָבער אויך ניט אומגערעכט. ווארן אַפילו אין קרופקינס פאַרטיידיקונג פון דער אָנגענומענער מיליטאַנטישער טאַקטיק, פילט ער דאָ און דאָרט שפּאַרונקעלעך דורך וועלכע עס בליצט קרופקינס אינעווייניקסטער און שטילער פּראָטעסט — דער פּראָטעסט געגן גוואַלד־טאַטן אין אַלגעמיין. ער איז אָבער אַ דיסציפּלינירטער מענטש, קרופקין — שווייגט ער.

די צייט איז געגאַנגען מיט זיגן און דורכפאַלן. בערג האָט פּרובירט ווי אויף סענסיטיווע וואָגשאָלן באַלאַנסירן זיינע אנשויאונגען און שטימונגען. ער האָט ניט געוואָלט אַרויספאַלן פון דעם געזעלשאַפטליכן, אויב נישט פּאַרטייאישן קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשאַרפן און אַרויסשפּרייטן זיך פון די פּאַרטייאישע בּרעגן. ער האָט אָבער אָנגעהויבן צו פאַרלירן דעם ענטוזיאַזם.

ער האָט אַלץ אָפטער און אָפטער אָנגעהויבן צו באַמערקען, אַז די געזעלשאַפטלעכקייט וואָס האָט געקאָנט ווירקן אויף די פּאַרטייאישע קאַמפן, די געזעלשאַפטליכקייט אַליין, אונטער דער ווירקונג פון דער ביז בלוט פאַראינטערעסירטער פּאַרטייאישער פרעסע, ווערט אַלץ מער און מער פאַר־פירט פון פערזאָנען, וועמען עס גייט זייער ווייניק אָן דער אידעאַל פון אייניקייט. ער האָט דערזען, אַז אין דער שפּיץ פון די געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע באַוועגונגען שטייען אָפּט קאַריעריסטן — דעמאַגאָגן און דאָס פערזענלעכע קליינלעכע אין זיי האָט אים שאָקירט און אויפגעבראַכט ביז בייזן בלוט, ביז פאַראַכטונג.

ער האָט דערזען, ווי דאָ און דאָרט שפּאָלט זיך און עס קראַכט דער גאַנצער יסוד פון דער יידישער אייניקייט און דער תהום צווישן די פּאַר־טייען, די צעריסנקייט און כאַאָטישקייט אין דעם קולטור־לעבן, דאָס אַלעס האָט אים אָנגעהויבן אָנצעפילן מיט עפּעס אַ צווייפל און אָפט אַפילו מיט פאַרצווייפלונג. ער האָט דערזען, אַז אויף יעדן שריט און טריט ליגט אַ

טיפקייט, וועלכע ס'איז שווער אויסצומיידן און שווער איבערצושפּאַנען. דאָס יידישע לעבן, האָט ער דערזען ווערט צעטיילט אויף לאַגערן אויף מחנות, צווישן וועלכע עס איז שוין געווען שווער צו דערקאָנען דאָס פּנים פון קולטור. קולטור, אין אַלע אירע דערשיינונגען און מאַניפעסטאַציעס איז געוואָרן די באַדינערן פון די פּאַרטייען. יעדע פּאַרטיי, מיט איר אייגענעם געהאַרכזאַמען קולטור־אַפּאַראַט, וואָס האָט זיך גענערט מיט די פּאַסירונגען, געשעענישן און געשרייען פון טאָג. די שפּאַלטונגען די אידייאישע קריג און גענגסטערישע מעטאָדן אין די יוניעס האָבן נאָך צום איבעריקן פאַרשאַרפט זיין ענטוישונג און ווען זיין פאָטער איז פּלוצים געשטאָרבן און די מוטער, אַ קראַנקע, האָט געמוזט אויפגעבן דאָס הויז און בעמען פאַר זיך אַ צימער באַ אַ שכנה, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט, אַז עפּעס רייסט זיך אין אים באַפרייט צו ווערן, אויסגעלייזט צו ווערן פון דעם צערודערטן, צעשפּליטערטן יידישן לעבן. ער האָט אויפגעגעבן דעם דזשאָב אין שאַפּ און האָט זיך דערווייטערט פון דער יוניע, פון באַקאַנטע און פון פריינט.

בערג האָט געפונען פאַר זיך אַ צימער אין אַ ווייטן געגנט אין די בראָנקס. ער האָט זיך איינגעשלאָסן אין זיין אייגענעם לעבן, אָפּגעגעבן זיך צום לייענען, און צום שרייבן. דאָס אינדיווידועל־ראָמאַנטישע אין זיך האָט ער פאַרבאַהאַלטן טיף אין האַרצן, ווי אַ באַזונדערן, אומבאַרירבאַרן טייל פון דער נשמה, וואָס וועט זיך אַנטפּלעקן מיט ספּאָנטאַנער, פּלוצימדיקן אינהאַלט, אַן אינהאַלט, וואָס איז אים געווען פרעמד. וואָרן, ווען עס האָבן זיך אַפילו געטראָפן אויף זיין וועג פריינט און פרויען, וואָס האָבן אים מאָמענטענווייז פאַרכאַפּט מיט פערזענלעכן רייץ און חן, מיט אויפריכטיקער איבערגעגעבנער חברשאַפט און געטריישאַפט, זיינען זיי אָבער אין שטראָם פון אַרבעט, און טאָג־טעגלעכע שרייענדיקע און רופנדיקע אינטערעסן, פאַרטראָגן געוואָרן צו די ווייטערע ווינקלען פון זיין מח און זיינען געבליבן דאָרט, ווי עס בלייבן הענגען בילדער אין אַ צימער, בילדער מיט אויסדרוק און מיט שטימונג, וועלכע מ'באַמערקט שוין ניט מער.

דאָס צימער וואָס ער האָט גענומען איז געווען באַ אַן אַלמנה, די פרוי פון אַ פאַרשטאָרבענעם יידישן אַקטיאָר. איר מאַן איז געווען פון דעם בעסערן קלאַס אַקטיאָרן. ער איז געווען געבילדעט, געקומען פון דער רוסישער בינע און געטרוימט אויסצולעבן זיך צווישן די בעסערע און ערנסטערע קינסטלער אין יידישן טעאַטער. ער האָט ליב געהאַט דעם יידישן טעאַטער און ער האָט ליב געהאַט די יידישע ליטעראַטור. זיינע טרוימען זיינען אָבער צערונען געוואָרן. ער האָט זיך ניט געקאָנט דערהייבן צו זיין טרוים, ווייל אויך דער יידישער טעאַטער האָט זיך ניט געקאָנט דערהייבן. ער האָט פיינט געהאַט שונד און ניט געוואָלט שפּילן אין

די שונד פּיעסן. האָט זי, די פרוי זיינע, געמוזט אַרבעטן — שטענדיק אַר־בעטן. זיי האָבן אָבער ביידע, סיי ער און סיי זיין פרוי אָפּגעגעבן זייערע גאַנצע מיה און אויפמערקזאַמקייט צו זייער טאָכטער ביולאַ. זיי האָבן גע־טרוימט, אַז זי וועט ווערן אַ טענצערן — די קונסט, וואָס פאָדערט ניט דאָס וואָרט, די שפּראַך. זיי האָבן אָבער ניט פאַרנאַכלעסיקט איר בילדונג סיי אין ענגליש און סיי אין יידיש.

דאָס אַלעס איז ער געוואויר געוואָרן פון דער אַלמנה. זי האָט אים אַלץ דערציילט ווען ער איז געקומען דינגען דאָס צימער; און דערציילט דאָס אַלעס האָט זי אים, ווייל זי האָט געהערט וועגן אים און געוואוסט ווער ער איז.

בערג האָט געזען, אַז זי איז אַ קלוגע פרוי. לויט אירע רייד האָט זי געמוזט זיין אין די פערציקער. דאָס לעבן אָבער, וואָס האָט אַרויפגעוואָרפן דעם יאָך פון אַרבעט אויף אירע אַקסלען, האָט פאַרוואַנדלט זי אין אַן עג־טוישטער פרוי .די אויגן אירע זיינען געווען טונקל, און טרויעריק, אָבער דער שמייכל אירער איז געווען אַן אַנגענעמענער, פול מיט צוציענדן חן.

איר טאָכטער ביולאַ האָט אימפּאָנירט מיט איר ווירדיקער האַלטונג, שוין צו ווירדיק פאַר אירע יאָרן. זי איז געווען הויך און דין, אָבער גוט ענטוויקלט און פול מיט פרויעשן, ראַפינירטן חן.

בערג איז שוין געווען ניט דער ערשטער קוואַרטיראַנט בא זיי, ער איז אָבער געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיי, סיי די מוטער און סיי די טאָכטער, פאַראינטערעסירט סיי מיט זיין אויסזען און סיי מיט זיין איג־טעלעקטואַלקייט.

בערג איז די ערשטע צייט פון זיין וואוינען ביי זיי כמעט קיינמאָל ניט אַרויסגעגאַנגען פון די גרענעצן פון זיין צימער. דאָס הויז איז באַ־שטאַנען פון אַן עס־צימער, צוויי שלאָף־צימערן און פון אַ קיך צי־מערל. זיין צימער האָט אַרויסגעקוקט צו אַ קליין פּאַרקל אין וועלכן עס האָבן ווי פאַרשטיינערטע גיגאַנטן אַרויסגעשטאַרצט גרויע סקאַלעס. ער האָט ליב געהאַט אַרויסצוקוקן פון דעם צימער און זוכן געדאַנקען, אי־דייען און אָפט טרוימערישע אילוזיעס. אין עס־צימער איז געשטאַנען אַן אַלטע פּיאַנע און אַ שראַנק מיט ביכער — ענגלישע און יידישע. און ווייל ער האָט שוין געוואוסט, אַז ביולאַ רעדט און לייענט יידיש (ווי די מוטער האָט אים מיט שטאָלץ דערציילט) האָט ער אַ פּאָר מאָל פּאַרפּירט מיט איר געשפּרעכן אויף יידיש. און דער פאַקט, וואָס אַ מיידל אַ טענצערן, אַ מיידל וואָס האָט אויסגעזען אין זיינע אויגן מער קריסטלעך ווי יידיש און האָט דאָך געקראָגן אַזאַ גוטע יידישע דערציהונג פון איר אינטעליגענטן און אי־דעאַליסטישן פאָטער, דערדאָזיקער פאַקט האָט מיט עפּעס אַ באַזונדערן איב־האַלט און צויבער געווירקט אויף אים.

ביולא פלעגט דריי מאָל אין וואָך באַזוכן די טאַנץ־שול און אַמאָל פלעגט זי אויך אַנגאַזשירט ווערן צו טאַנצן אין אַ טעאַטער, ווען עס האָט זיך געפאָדערט אַ גרעסערער באַלעט. דאָס פלעגט האַלטן זי אַ געשפּאַנטע אין דער ספערע פון קונסט און עס פלעגט איר געבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרדינען און מיט דעם געלט אַרויסהעלפן דער מוטער און קליידן זיך ווי זי האָט געוואָלט און געמוזט.

ביולא פלעגט אָפט שפּילן אויף דער פּיאַנאָ קורצע קאָמפּאָזיציעס פון שאָפּען, בעטהאָווען, מאָצאַרט און פון מענדעלסאָן, אָבער אָפטער פלעגט זי זיך פאַרשטופּן אין אַ ווינקל אויף דער קאַנאַפּע, פאַרנעמען די פיס הינ־טער זיך, זיצן אַזוי שטונדנלאַנג און לייענען און צוהערן זיך צו דער שטילער מוזיק פון דער ראַדיאָ. ניט איינמאָל האָט שוין בערג געטראָפן זי אין דערדאָזיקער פּאָזע און יעדעס מאָל, איבערהויפּט אין די אָוונטן, פאַר־כאַפּט געוואָרן פון דעם בילד, ווי זי זיצט מיטן בוך אויף די קני, אויף דער נידעריקער קאַנאַפּע, אונטער דער רויטלעכער שיין פון דעם אַבאַזשור, און ווי זי באַגעגנט אים מיט אַ פאַרשעמדן, אומבאַוועגלעכן בליק אין וועלכן עס איז געלעגן עפּעס אַ סוד.

זיי האָבן זעלטן גערעדט. אָבער ווען ער פלעגט אַהיים קומען, פלעגט ער זאָגן אַ "גוטן אָוונט" אין יידיש, און זי פלעגט ענטפערן "אַ גוטן אָוונט" אויך אין יידיש, ענטפערן מיט אַ קוים באַמערקבאַרן שמייכל. ער האָט אָבער ניט געוואוסט, צי דער שמייכל איז דער געוויינלעכער שמייכל פון העפלעכקייט, צי דער שמייכל איז די רעפלעקסיע פון דעם יידישן "גוטן אָוונט", וואָס האָט אפשר געקלונגען אביסל קאָמיש צו אַן אַמערי־קאַנער מיידל, אפילו אַזאַ מיידל, וואָס רעדט גוט יידיש.

אָבער ביסלעכווייז איז די צוריקגעהאַלטנקייט און פרעמדקייט צעגאַנ־גען געוואָרן ווי רויך. די מוטער האָט מיט איר חוש, מיט איר קלוגער ראַ־פינירטקייט דערשפּירט דאָס מענטשלעכע און דאָס אידעאַלע. אַליין האָט זי שוין רעזיגנירט און האָט שלום געמאַכט מיט איר לעבן. אַזוי דאַרף עס שוין בלייבן מיט איר— אין שאָפּ, אין דער היים — ביז די עלטער וועט קומען. און אַז די עלטער וועט קומען, זאָל זיך גאָט זאָרגן. זי האָט שוין אָבער געטראַכט וועגן ביולאַס צוקונפט. אַכטצן יאָר איז ניט, ווער ווייסט, וואָס פאַר אַן עלטער. אָבער אַז מ'האָט ניט אינזינען, אַז מ'פאַרנאַכלעסיקט, — גייט אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר, ביז עס ווערט אָפּט צו שפּעט אויסצוקלייבן זיך דעם מאַן, ווי עס ווילט זיך. זי האָט געוואוסט, אַז בערג איז, זיכער, מיט צען, אָדער מיט צוועלף יאָר עלטער פון ביולאַן, אָבער געדאַנקען קריכן אין קאָפּ אַריין: עפּעס אַזאַ אינטערעסאַנטער מענטש איז ער, און געהערט האָט זי שוין וועגן אים אַזוי פיל גוטס, און אַ שטילער איז ער — דאָס קאָן זי זען, און קיין פרויען־פריינט, אויף וויפל זי האָט געהערט, האָט ער ניט...

איז... ווער ווייסט . . .

זי האָט אים אָנגעהויבן איינצולאַדן אָפט צו אַ גלאָז־טיי, אַמאָל צו אַ צובייס, ווען ביולאַ איז געווען אינדערהיים. און אין ביולאַס אָפּוועזנהייט באַמיט זיך אַרויסצושטעלן זי אין דעם שענסטן ליכט, ווי זי האָט נאָר געקאָנט, זי האָט זיך אָבער ניט באַדאַרפט באַמיען צופיל, ווייל בערג האָט געזען, אַז ביולאַ איז אינטערעסאַנט, ווי עס קאָן זיין אינטערעסאַנט אַ יונגע מיידל, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס בעסטע פון אירע אינטעליגענטע און פאַרגעשריטענע עלטערן, דאָס שענסטע פון דער קינסטלער סביבה און דאָס באַלערנדסטע פון די ביכער, וועלכע זי האָט געלייענט אָן אַ שיער.

בערג האָט אָנגעהויבן אַרומטראַגן זיך מיט כאַאָטישע פּראָיעקטן. אין זיין געוואוינהייט צו אַרבעט, צו פּאָרשריט, צו געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, האָט ער ניט געקאָנט אויפגעבן דעם טיף איינגעוואָרצלטן דראַנג צו אַ העכערן גייסטיקן און סאָציאַלן לעבן. ער האָט אַ סך געלייענט, אַ סך געשריבן און געזוכט אין זיך די ענטפערס אויף די פּראָבלעמען, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר אים אין זיין וועג. מיט איין זאַך איז ער איצט געווען זיכער אין זיך: ער וועט זיך ניט פאַרבינדן מיט קיין שום פון די עקזיסטירענדע פּאַרטייען, ווארן אַ יעדע פּאַרטיי, האָט ער שוין געזען און געוואוסט, לאָזט ניט זיין בויגיק, לאָזט ניט זיין קאָמפּראָמיספול, אינדיווידועל און עכט־עטיש אויסגעהאַלטן, אָט אַזוי ווי עס האָט אים אונטערגעזאָגט זיין אייגענער פילאָזאָפישער קוק אויף דעם לעבן. ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט גיין מיט די לאַבירינטיש־סאָציאַלע וועגן פון לעבן צו אַן אייגענעם ווינקל, מיטנעמענדיק מיט זיך, מיט זיין פּריי־הייטלעכן סאָציאַליזם אַזוי פיל באַכפּאָלגער, וויפל עס וועלן זיך געפינען און וויפל עס וועט זיך לאָזן כדי אויסצולעבן זיך אין דער באַשרענקטער אָבער פרייער געזעלשטפט, ווי אַ פרייער מענטש, ווי אַ פרייער עטישער ייד.

ער האָט אָבער גוט געוואוסט און אפילו חוזק געמכט פון זיך אַליין, פאַרשטייענדיק, אַז די דאָזיקע קרעדאָס און באַשלוסן זיינען דערווייל בלויז גוטע וואונשן אין זיין הארץ און אין זיין מח. ער האָט געוואוסט, אַז עס איז בא אים דערווייל בלויז אַ טרוים אַזאַ, וועגן וועלכן ער קאָן רעדן און פּראָפּאַגאַנדירן, — צו פּראַקטישע און פאַקטישע טאַטן וועט עס ניט קו־מען, ווייל ער האָט ניט געזען קיין איין וועג אפילו וואָס וואָלט געפירט צו דעם. דאָך האָט ער גענומען אָפט ריידן .וועגן דעם צו זיינע בעקאַנטע, פּרו־בירט פאָרמולירן זיין באַשרענקטע אידייע אין לעקציעס און אין פּאַמ־פלעטן. ער האָט אָבער דערזען, אַז אויך איצט ווען ער איז געגאַנגען אַליין,

אַן אַ פּאַרטיי, און מיט זיין אינדיווידועלן פּרייהייטלעכן געדאַנקען־וועג, האָט ער זיך אויך אָנגעשטויסן אויף אַבסטרוקציעס און פאַרצוימונגען, ווי אויף שטעכיקע דראָטן. דאָ און דאָרט האָט מען אים אויסגעלאַכט און חוזק געמאַכט פון אים און דאָרט וואו מענטשן האָבן זיך צוגעהערט צו אים מיט מער פאַרשטענדעניש און טאָלעראַנץ, האָט מען אויך געפאָדערט פון אים אַן אָפענע דערקלערונג, דעם קלאָרן אָפּנעם שטעמפּל אויף זיין שטערן: וואָס ביזטו און מיט וועמען גייסטו? ביזט אַ סאָציאַליסט? אַ ציוניסט? אַ קאָמוניסט? אַן אַנאַרכיסט? און אויף די דאָזיקע פראַגן האָט ער זיך אָנגעשטויסן אומעטום, ווען ער איז געקומען מיט זיין מינדלעכן, צי שריפטלעכן וואָרט. ער איז געוואָרן דער מאַן אַן אַ גייסטיקער און אַן אַ געזעלשאַפטלעכער פּלאַטפאָרמע.

אָט אין די דאָזיקע טעג פון צעשויבערטע און בייזוויכטיקע געדאַנקען און געפילן האָט ער דאָך געהאַלטן אייניקע לעקציעס בײַ די אַנאַרכיסטיש געשטימטע גרופּעס. און איינמאָל אין אַ אָוונט האָט ער איינגעלאַדן ביולאַן מיטצוגיין מיט אים. זי האָט זיין איינלאַדונג אָנגענומען מיט גרויס פריידי. די טעמע פון דער לעקציע איז געווען פון זיינע דערפאָלגרייכסטע און באַליבסטע טעמעס. ווי ער האָט דערוואַרטעט, איז קיין גרויסער עולם ניט געקומען. די לעקציע האָט זיך אָנגעהויבן שפּעט און ווען ער האָט גערעדט, האָט ער זיך געווענדט כמעט די גאַנצע צייט צו ביולאַן. אין איר אויפמערקזאַמקייט און אין איר בליק האָט ער דאָס מאָל געפונען עפּעס אַ באַזונדערע אינספּיראַציע. ער האָט גערעדט, אַליין אַ פאַרכאַפּטער פון די אַנגעלאָפענע געדאַנקען און אימאַזשן, גערעדט ווי אייגער. פאַר וועמען עס האָט זיך ענדלעך, אַנטפּלעקט אַ ברייטער ליכטיקער וועג נאָך אַ לאַנגען בלאָנדזשען אין אַ טונקלען וואַלד. אַזוי האָט ער געזאָגט ביולאַן נאָכדעם ווי זיי זיינען אַרויס פון האַלל, אַוועק פון עולם און בעקאַנטע און גענומען דעם סאָבוויי אַהיים צו פאָרן.

ווען זיי זיינען אַהיימגעקומען, איז שוין געווען גאַנץ שפּעט. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע און די סקאַלעס אין דעם פּאַרק האָבן אויסגעקוקט אויסטערליש־פאַנטאַסטיש.

איר ווילט שפּאַצירן אַביסל ביולאַ? — האָט ער זי געפרעגט, ווען זיי זיינען שוין געשטאַנען באַם הויז.

— איך וויל. — האָט זי געזאָגט.

זיי זיינען געגאַנגען שוייגענדיקע און ביולאַ האָט געקוקט אויף בערגס שאָטן וואָס האָט אויסגעקוקט גיגאַנטיש און פאַנטאַסטיש.

— ווי גרויס אייער שאָטן איז. — האָט זי געזאָגט.

— יעדע זאַך, און יעדער וואָרט, און יעדער געדאַנק אַפילו האָט אַ שאָטן... אז מ׳וויל זיך אַרייַנטראַכטן. — האָט ער געענטפערט. — מיר

איבערטרייבן אַפּט אַזוי פיל אונדזערע געפילן און אונדזערע געדאַנקען, אַט ווי איך האָב דאַכט זיך היינט געטאָן אין מיין רעדע.

— און איך דענק, אַז איר רעדט זייער שיין. — האָט זי געזאָגט. — איך האָב געשלונגען יעדעס וואָרט פון אייער לעקציע.

— יאָ, דאָס זאָג איך דאָך... — האָט ער געשמייכלט — אין לעקציעס און אין רייד קומט אַלעס אַרויס אַ סך שענער און לאָגישער אַפילו ווי עס איז אין דער ווירקלעכקייט, אין לעבן. איך מיין ניט מיט מיינע ווערטער איצט אָפּלייקענען דאָס, וועגן וואָס איך האָב גערעדט אין מיין לעקציע. עס איז אָבער שטענדיק בעסער צו שטיין מיט די פיס אויף דער ערד, אַפילו ווען דער קאָפּ איז אין הימל.

— איר האָט גערעדט ווי אַ פּראָפעסאָר און איך האָב אַ סך געלערנט היינט.

— כ'האָב גערעדט ווי אַ פּראָפעסאָר אַ טרוימער. וואָרן, ווען איך וואָלט ניט געווען קיין טרוימער און קיין אידעאַליסט ווי מ'רופט דעם מין מענטשן, וואָלט איך זיך ניט אַרומגעטראָגן מיט אַזעלכע אוטאָפּישע קאָנצעפּציעס וועגן עטיק, וועגן מאָראַל, און פרייהייט און וועגן לעבן אין אַלגיימיין. טאָקע דערפאַר ווייל איך בין אַ טרוימער, לאָז איך זיך אויף אַזעלכע פּראָבלעמאַטישע אידעאַל־אוטאָפּיעס. און אפשר בין איך ניט דער איינציקער. מיר דאַכט זיך אַז אַלע גרויסע סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָרס און רע־וואָלוציאָנערן און אַפילו וויסענשאַפטסלייט האָבען געמוזט זיין אַט אַזעלכע טרוימער... און ווי איר זעט איצט, האָב איך אַ גאַנץ הויכע מיינונג וועגן זיך. — האָט ער זיך צעלאַכט

— פון היינט אָן וועל איך באַזוכן אַלע אייערע לעקציעס, ווען איך וועל נאָר האָבן אַ געלעגענהייט. — האָט זי געזאָגט.

— פון היינט אָן — האָט ער אויף איר אַ קוק געטאָן און ניט באַמערקנ־דיק אַליין ווי אַזוי, אנגענומען איר האַנט און דערפילנדיק איר וואָרימקייט גלייך אָפּגעלאָזט אירע דינע פינגער.

זיי האָבן שפּאַצירט אַ ווייַלע אין פּאַרקל, און זי האָט מיט אַ שטילער, נאַטירלעכער שטים געגומען ריידן וועגן איר פאָטער, ווי דאַנקבאַר זי איז אים וואָס ער האָט זי ניט דערצויגן ווי אַ פרעמדע צו דער יידישער שפּראַך, צו דער יידישער קונסט און יידישע פּראָבלעמען. אָה, איר פאָטער וואָלט מיט אים, מיט בערגן, געהאַט אַ סך געמיינשאַפטלעכעס וועגן וואָס צו רעדן... וואָרן פונקט ווי ער בערג, איז איר פאָטער אויך געווען אַ טרוימער, און אידעאַליסט... איצט, ווען בערג וואוינט בײַ זיי, דערמאָנט ר' נאָך מיט מער אַכטונג דעם פאָטער... און ס'איז אַזוי גוט, וואָס ער וואוינט ביי זיי, בערג... ער איז איצט דערדאָזיקער, וואָס האָט זי ווידער אַרויפגעפירט אויף דעם וועג פון יידישער קולטור... וואָרן... עס האָט שוין באַלד געקאָנט

האַלטן דערביי, אַז זי זאָל פּונקט ווי די איבעריקע, אַט אַזעלכע ווי זי, אָפּ־געריסן ווערן סיי פון דער שפּראַך און סיי פון דעם יידישן לעבן. אַז מ׳רייסט זיך אָפּ, — איז שווער צוריק צוקומען... כאַ־כאַ־כאַ! האָט זי זיך פּלוצים צעלאַכט און צוגעגעבן: עס ווערט איר אַזוי גוט אויפן האַרצן, ווען ער קומט אַריין און זאָגט "אַ גוטן אָוונט".

— אָה, ס׳איז שוין אַזוי שפּעט, — האָט זי זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן. — קומט, שוין צייט אַריינצוגיין . . .

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צום הויז.

אין דער דאָזיקער נאַכט האָט ביולאַ ניט געקאָנט איינשלאָפן און בערג איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער און האָט זיך צוגעהערט צום ווייטן מיסטעריעזן ברום, וואָס איז געקומען פון דער באַנאַכטיקער שטאָט.

בערג האָט אָנגעהויבן אָפט צו טראַכטן וועגן ביולאַן. זי האָט אים אָנגעהויבן אויסצופעלן. די טעג זיינען ביי אים געוואָרן אומגעדולדיקע, די אָוונטן — וואַרעמע און אָנגענעמענע. די טיר פון זיין צימער האָט ער אָנגעהויבן צו לאָזן אָפן און, זיצנדיק ביים טיש האָט אים געצויגן צו קוקן צו דער קאַנאַפּע, וואו ביולאַ פלעגט זיצן און ער האָט געזוכט אירע אויגן, וואָס האָבן אַלץ מער און מער גערעדט צו אים מיט וואַרעמע בליקן.

בערג איז געווען אַ שפּאָרעוודיקער. דאָס געלט וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון זיין אַרבעט, האָט ער אויסגעגעבן מיט זין און מיט אויסרעכענונג. געגעבן דער מוטער יעדע וואָך אַ באַשטימטע סומע און פאַר זיך אַליין געלאָזט בלויז פאַר דעם נויטיקן. ער האָט געזען ווי פון זיין אָפּגעשפּאָרטן געלט ווערט אַלץ וויניקער און וויניקער. עס האָט זיך אים אָבער ניט געגלוסט צו גיין צוריק אין שאַפּ אַריין אַרבעטן, ווידער שניידן פעלכלעך, ווידער איינשפּאַנען זיך אין די באַשטימטע שטונדן, מיט באַשטימטער אַרבעט, מיט אַ באַשטימטן געהאַלט; די לעקציעס האָבן כמעט גאָרניט אַריינגעבראַכט און דערצו האָט אים אָנגעהויבן צו באַאומרואיקן די צוגעבונדנקייט צו ביולאַן, ווייל אין געדאַנק און אין זיינע טרוימען איז ער נאָך ניט געווען גרייט צו אַזאַ צוגעבונדנקייט.

זיין אַמאָליקער טרוים צו באַשעפטיקן זיך מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט, האָט, ווידער אויפגעוואַכט אין אים. און געשען איז דאָס צוליב אַ צופעליקער באַגעגעניש מיט אַ יידישן פאַרמער.

דער פאַרמער איז געקומען פון ניו דזשורזי קיין ניו יאָרק אַ קוק צו טאָן אויף אַמעריקע, ווי ער האָט געזאָגט. אין ניו יאָרק איז ער געווען נאָך מיט אַ פינף יאָר צוריק, איז וויפל איז דער שיער צו ליגן אויף אַ פאַרם און ניט זען די וועלט? האָט ער באַשלאָסן פאַר דעם שניט אַראָפּצוכאַפּן זיך קיין ניו יאָרק, אַ קוק טאָן אויף דער גרויסער יידישער שטאָט, וועגן וועל־

כער ער לייענט אַזוי פיל אין דער יידישער צייטונג, וואָס ער קריגט רעגל־מעסיק יאָר איין, יאָר אויס.

באַגעגנט האָט זיך בערג מיטן פאַרמער נאַוואַק (נאַוואַקאָווסקי, פון דער אַלטער היים, האָט זיך דער פאַרמער מודה געווען) אין אַ יידישן רעס־טאָראַן אויף דער פערצנטער גאַס און זיי האָבן שוין אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט צוזאַמען. דער פאַרמער איז גראַד געווען אַ באַרעדעוודיקער און בערג האָט זיך צוגעהערט צו זיינע מיינונגען און מעשות וועגן פאַרמערישן לעבן, אי־בערהויפּט וועגן דעם יידישן פאַרמערישן לעבן. דער פאַרמער נאַוואַק, ווי בערג האָט פאַרשטאַנען, איז געווען גוט באַקאַנט מיטן צושטאַנד פון יידי־שער פאַרמעריי און מאַלנדיק פאַר בערגן די גוטע און שלעכטע זייטן פון אַמעריקאַנעם פאַרמערישן לעבן, האָט ער אַ סך גערעט וועגן אייגענעם פאַרם און אויך דערציילט וועגן זיינע צוויי זין, וואָס זיינען ניט בלויז אַט אַזוי זיך יידישע פאַרמער בחורים, — ניין, זיי זיינען באַ אים געלערנטע, גאַנצע פּראָפעסאָרן און פאַרנעמען זיך מיט אַן אַ שיער עקספּערימענטן דאָרט אויף זיין פאַרם.

דער סוף איז געווען אַז בערג האָט פאַרבראַכט מיט נאַוואַקן גאַנצע דריי טעג, געפירט אים אומעטום, געוויזן אים וואָס עס האָט זיך אים גע־גלוסט צו זען אין דער "קאַפּאַרדרייערישער" שטאָט ניו־יאָרק און באַם געזעגענען זיך האָבן זיי אָפּגעמאַכט, אַז בערג מוז אַמאָל אַריבערכאַפּן זיך צו אים, צו נאַוואַקס פאַרם און אויב ער, בערג, האָט דעם חשק צו ווערן אַ פאַרמער, קאָן ער דאָרט פאַרבלייבן באַ אים; ער וועט אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט — וואָס עס וועט זיך לאָזן און וואָס עס וועט זיך מאַכן צו טאָן, צום ערשטן אויף אַ קליינעם געהאַלט און דערנאָך, אַז ער וועט ווערן אַ גוטע האַנט און ער וועט באַשליסן צו פאַרבלייבן דאָרט, וועט אים שוין ניט באַנג טאָן. מ'וועט שוין אויסקומען.

באַם באַן שוין האָט בערג פּלוצים דערמאָנט זיך אַ פרעג צו טאָן:

— האָט איר נאָך קינדער אין דער פאַמיליע... חוץ די צוויי זין, מיס־טער נאַוואַק.

— שרעקט זיך ניט, קיין טעכטער האָב איך ניט — האָט נאַוואַק אַ שמייכל געטאָן און אַ פינטל געטאָן מיטן אויג.

אין דעם אָוונט, ווען נאַוואַק איז אַוועקגעפאָרן, איז בערג אַהיימגעע־קומען אַ פאַרטראַכטער און אין דערזעלבער צייט אַ באַרואיקטער מיט דעם באַשלוס, וואָס ער האָט שוין ביי זיך אָנגענומען. ער האָט שוין געוואוסט, אַז דער נייער באַשלוס זיינער וועט אים אפשר שטעלן די ערשטע צייט צו אַ שווערער פּראָבע — עס איז שוין אָבער געווען אַ באַשלוס.

אין דעמזעלבן אָוונט האָט ער געזאָגט ביילאַס מוטער, אַז אין אַ וואָך אַרום פאַרלאָזט ער דאָס צימער און... ס'טוט אים זייער לייד. זי האָט אַ קוק

געטאָן אויף אים מיט אַ טריבן, ענטוישטן, אָבער פֿאַרשטענדלעכן בליק און האָט געזאָגט:

— נו, מסתמא דאַרפֿט איר דאָך.

ביולאַ אָבער, ווען זי האָט דאָס דערהערט, האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ צעטומלטן בליק און אירע ליפּן האָבן אַ ציטער געטאָן. זי האָט זיך אָבער גלייך באַהערשט און מער אין דעם אָוונט ניט געקוקט אויף אים.

בערג איז געזעסן אין זיין צימער און פּרובירט צו לייענען, עס איז אים אָבער ניט געלונגען. עס איז אים אויך ניט געלונגען צו כאַפּן קיין בליק פֿון ביולאַן.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט בערג באַזוכט זיין מוטער און דער־ציילט איר וועגן זיין באַשלוס צו באַזעצן זיך אויף אַ פֿאַרם. האָט זי גע־שוויגן, ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. זי איז שוין צוגעוואוינט צו איר צי־מער, האָט זי געזאָגט, און ס'איז איר גוט בײַ אירע נייע פֿריינט. דאָס געלט, וואָס ער, לעאָן, גיט איר און אויך וואָס דער אָנקל גיט איר, איז גאַנץ גע־נוג פֿאַר איר. בערג האָט זיך געזעגנט מיט איר און צוגעזאָגט צו שרייבן.

ווען עס איז געקומען דער לעצטער טאָג, איז ער אַרומגעפֿאָרן צו זען זיך מיט אייניקע פֿון זיינע פֿריינט. קראָפּקין, וועמען ער האָט שוין אַ לאַנגע צייט ניט געזען, האָט זיך דערפֿרייט מיט אים און דערפֿרייט זיך אויך מיט בערגס פּלאַן, ווען ער האָט דערהערט, אַז ער פֿאָרט אַוועק באַזעצן זיך אויף אַ פֿאַרם.

— איך בין אייך מקנא בערג, — האָט ער אים געזאָגט, — דעם אמת זאָגנדיק, וואָלט איך אויך געוואָלט אַוועק ערגעץ. איך בין שוין אויך מיד פֿון דער בלוט־פֿאַרגיסונג, אפֿילו ווען קיין בלוט רינט ניט.

— נו, האָט בערג געזאָגט אַן ערנסטער, — אַז איר וועט האָלטן דער־ביי, וועל איך אייך האָבן אין זינען.

— אַ דאַנק, איך וועל וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דער דערליי־זונג, — האָט קראָפּקין געשפּאַסט. — אָך, ברודערל, ווען איר קאָנט עס דאָרט פֿאַרזייען אויף דעם באָדן, עפּעס אַזעלכעס, פֿון וואָס עס זאָל אויפֿ־גיין די אויסלייזונג ווי קאָרן, וואָלט איך געווען דער ערשטער צו קומען שניידן.

— צו האָבן וואָס צו שניידן, מוז מען פֿריער אָקערן און פֿאַרזייען. קומען שניידן איז ניט גענוג. — האָט אים בערג אַ קיבעץ געטאָן און שוין ערנסטער צוגעגעבן: דער באָדן איז שטענדיק פֿאַראַן און די זריעה דאַכט זיך מיר, ליגט אָט דאָ און דאָ... — האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם האַרץ און אויף דעם מח.

אין דעם זעלבן אָוונט, נאָך דעם ווי ער האָט איינגעפּאַקט זיינע זאַכן, און נאָך דעם פֿריינטלעכן אָבער ניט קלעפּנדיקן געשפּרעך מיט ביולאַס

מוטער, האָט ער דערפילט אַ באַגער צו בלייבן מיט ביולאַן אַליין.

— וועט איר אפשר גיין אויף אַ שפּאַציר, ביולאַ? — האָט ער זי אַ פרעג געטאָן.

— איך וועל גיין. — האָט זי געזאָגט און אַוועקלייגענדיק דעם בוך, אויפגעהויבן זיך, גרייט צו גיין.

די נאַכט איז געווען אַ פּאַרוואָלקנטע און אַ ווינטיקע. זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צום פּאַרק. און סיי דער ווינט און סיי די געגאַרטע נאָענטקייט האָט זיי געהאַלטן צוזאַמען, צוגעטוליעט מיט דעם געפיל פון עפּעס אַ פאַר־בינדונג. זיי האָבן געשפּאַצירט אַ ווײַלע און דערנאָך זיך אָפּגעשטעלט היג־טער אַ סקאַלע, וואו דער ווינט האָט ניט געבלאָזן. ער האָט אָבער נאָך אַלץ געהאַלטן איר אָרעם צוגעטוליעט נאָענט צו זיך און געשוויגן, ווי צוהערנ־דיק זיך צו דער וואַרעמקייט, צו דעם געפיל, וואָס האָט ווי געכוואַליעט פון איר צו אים.

— פאַרוואָס פאָרט איר אַוועק, בערג... און דערצו נאָך אויף אַ פאַרם?

— האָט ביולאַ געפרעגט.

— ס'איז דאַכט זיך שווער צו געבן אַ קלאָרן ענטפער אויף דעם. — האָט ער געקוקט אויף די שוועבנדע וואָלקנס. — איך קאָן בלויז זאָגן, אַז מיר דאַכט זיך... איך ווער געיאָגט פון מיינע שטרעבונגען, ווי די כמאַ־רעס ווערן דאָרט געיאָגט אויבן אין הימל. אָפט דאַכט זיך מיר, אַז אויך אין מיין יאָגעניש נאָך דעם ערלעך־מענטשלעכן, איז ניטאָ קיין זין, כאָטש ווער ווייסט, אפשר איז יאָ פאַראַן אַ זין, אפילו דאָרט אין דער זילבערנער וואַנדערונג פון די כמאַרעס.

— וואָלט דען ניט בעסער געווען צו בלייבן דאָ אין ניו יאָרק און קלאָר מאַכן בײַ זיך אַלעס וואָס איר ווילט און צו וואָס איר שטרעבט?

דאָ איז נאָך שווערער. — האָט ער געענטפערט. — ערשט דאָ, צווישן די מיליאָנען מענטשן און צווישן די טויזנטער פּראָבלעמען פיל איך מיין אומקלאָרקייט טיפער. אפשר דאָרט, אויף דעם שויס פון דער נאַטור, ווי מ'זאָגט, אינדערמיט פון ברייטע האָריזאָנטן, אפשר וועל איך דאָרט געפינען זיך און דעם וועג וואָס איך זוך.

— איר וועט ניט בענקען נאָך... ניו יאָרק?.

— איך ווייס ניט. און חוץ דעם איז די פאַרם ניט אַזוי ווייט פון ניו־יאָרק.

— און איך וועל בענקען נאָך אייך. — האָט זי שטיל געזאָגט. — איך וועל בענקען נאָך אייער בליק... ווי איר קוקט אויף מיר, ווען איך זיץ און לייען, אָדער ווען איך שפּיל. איך האָב באַמערקט אייער בליק. אַ סאַך מאָל באַמערקט.

ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך און ניט געענטפערט. געשטאַנען אַזוי

מיט איר און געשוויגן.

— ווען פֿאָרט איר? — האָט זי געפֿרעגט.

— מאָרגן אינדערפֿרי.

זי האָט זיך לייכט איינגעגראָבן מיט די נעגל אין זיין האַנט, און אין דעם מאָמענט האָט בערג דערפֿילט אין איר די פֿרוי, די דערוואַקסענע פֿרוי, וואָס פֿאָדערט אַ ליידנדע עפּעס אַ רעכט, וואָס די נאַטור באַווייליקט און באַרעכטיקט אין איר.

זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטיין און בערג האָט גענומען ריידן צו איר, ווי זוכנדיק די געלעגנהייט צו עפֿענען דעם קוואַל פֿון געדאַנקען, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט אין זיין מח. גערעדט וועגן זיך און וועגן די פֿאַרשיידענע באַוועגונגען און וועגן מענטשלעכע אידעאַלן אין אַלגעמיין; גערעדט וועגן זיין באַשלוס צו באַזעצן זיך אויף אַ פֿאַרם, ווי וועגן דעם ערשטן טראָט זיינעם, דעם ערשטן טראָט צו דעם באָדן, וואו ער דאַרף זיך, יאָ, צום ערשטן זיך זעלבסט צעאַקערן, פֿאַרזייען מיט זריעות און וואַרטן... ביז די צייט וועט קומען. און די צייט וועט קומען, יאָ, זי מעג איצט וויסן: אַ יידישע קאָלאָניע פֿאַר זיך און אָט אַזעלכע ווי ער איז איצט זיין טרוים. ער ווייסט, ער איז ניט דער ערשטער בעל חלומות דאָ אין ניו יאָרק; עס זיינען שוין דאָ געווען אַזעלכע ווי ער און עס זיינען נאָך פֿאַראַן געגנוג אַזעלכע און ניט נאָר בעלי חלומות, נאָר אויך אַזעלכע וואָס האָבן זייערע חלומות פֿאַרווירקלעכט און האָבן דערגרייכט פּראַקטישע רעזולטאַטן. איצט טראָגט עס אים . . .

ער האָט גערעדט לאַנג, ווי באַ אַ לעקציע, ווי וועלנדיק אויסהערן זיך אַליין און טאַקע איבערצייגן זיך אין דער גערעכטיקייט פֿון זיינע רייד. אָבער ווען ער האָט דערפֿילט, אַז ס'איז שוין שפּעט, האָט ער זי אויפֿגעהויבן ביי ביידע הענט און געבליבן שטיין לעבן איר, באַשיצנדיק זי מיט זיין הויכע פֿיגור פֿון דעם ווינט. און ווי פֿון זיך אַליין, אַ ניט־צוגעגרייטער פֿון דעם געדאַנק, האָט ער זי אַרומגענומען און צוגעבויגן זיך צו איר קאָפּ. און מיטאָמאָל דערפֿילט אירע ליפּן; האָט ער זיך איינגעזאַפּט אין דער געעפֿנטער פֿייכטקייט פֿון איר מויל און אויפֿגעציטערט מיט אַן אומבעקאַנטן אויפֿברויזנדן געפֿיל, ווען ער האָט דערפֿילט איר צוטרויילעכן און וואַרעמען קערפּער באַ ענט צו זיך. און מיטאַמאָל האָט ער זי אָפּגעלאָזט, און געקוקט אויף איר ווי זי שטייט מיט אַ פֿאַרוואונדערטן בליק, מיט דעם צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקטן סוד אין אירע אויגן און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— ביולאַ... קום, קום . . .

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צום הויז.

*

בערג האָט זיך באַזעצט אויפֿן פֿאַרם.

ער האָט זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף דער אַרבעט ווי אַ הונגעריקער. די טעג זיינען אַוועק מיט די שטראַלן, וואָס האָבן זיך געטונקען אין זיי־נע ברויגע, שוויצנדיקע מוסקולן, און די נעכט האָבן באַרויִקט און גע־גלעט מיט קילקייט. דער פֿאַרמער נאָוואַק און זיינע צוויי זין האָבן זיך, צו בערגס פֿרייד, אַרויסגעוויזן צו זיין ניט נאָר גוטע פֿאַרמערס, נאָר אויך אינטעליגענטע און גוטע יידן. זיי האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט רעספּעקט און ניט איינמאָל אין די אָוונטן זיינען זיי געזעסן און צוגעהערט זיך צו בערגן ווי ער רעדט, ווי ער דערציילט און ווי ער ענטוויקלט זיינע גע־דאַנקען וועגן די וועלט געשעענישן בכלל און וועגן דער יידישער וועלט בפרט. נאָוואַקס פֿרוי איז געווען אַ פּשוטע פֿרוי, וואָס האָט גערעדט אי אַ געבראָכענעם יידיש, אי אַ געבראָכענעם ענגליש און זי פֿלעגט זעלטן ווען אַריינמישן זיך אין די געשפּרעכן. דערפֿאַר פֿלעגט זי אָבער אָן אויפֿהער דערלאַנגען צום טיש איין געקעכץ נאָכן צווייטן. צום ערשטן האָט בערג ניט געקאָנט אָפּזאָגן און פֿאַרזוכט פֿון יעדן מאכל, אָבער דערנאָך איז ער צוגעוואוינט געוואָרן צו איר איבערטריבענער גאַסטפֿריינטלעכקייט און כמ־עט ניט באַמערקט זי מער.

בערג האָט ליב געהאַט די אַרבעט און זיין אינטערעס צו דער ערד און צו פֿאַרמעריי איז געשטיגן פֿון טאָג צו טאָג. ער האָט ליב געהאַט אויפֿצו־שטיין פֿאַרטאָג מיט די קאַיאָרן און באָדן זיך אין לייק. אין די אָוונטן פֿלעגט ער אַמאָל צוהערן זיך צו דער ראַדיאָ, אַמאָל לייענען און אַמאָל שרייבן.

ער האָט זיך פֿאַרלאָזט אַ באָרד, ער איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ וועגע־טעריאַנער, ער האָט געזוכט צו לעבן און ער האָט טאַקע געלעבט אַ ריין גייסטיק און אַ ריין פֿיזיש לעבן; און אָננעמענדיק דעם באַשלוס אויף אַזאַ לעבן, איז ער געווען איבערצייגט, אַז בלויז דורך דעם אייגענעם שטייגן אין גייסט, וועט ער זיך דערהייבן צו אָט דער פֿירערשאַפֿט איבער מענטשן, אַ פֿירערשאַפֿט, וואָס דאַרף אים ברענגען צום ציל. ער האָט אָפֿט געטראַכט וועגן זיך און וועגן דעם לעבן, געוואָלט באַנעמען עס מיט נייטראַלע אויגן און גערעדט צו זיך און געזאָגט צו זיך: ניין, איך בין אויפֿריכטיק. דאָס איז ניט אַ פּאָזע אַזאַ צוליב אָריגינאַליטעט און איך פּרעטענדיר ניט און וויל ניט ווערן אַ נזיר, אַן אָפּגעהיטער פֿון דער וועלטס גייסטיקע און פֿיזישע תאוות און תענוגים. איך וויל אָבער זיי זאָלן קומען צו מיר נאַטירלעך, ווי עס קומט דער פֿרימאָרגן און די נאַכט, ווי עס קומט דער זומער און ווי עס קומט דער האַרבסט, ווי עס קומט דער קוואַל און ווי עס קומט די פֿרוכט . . .

ער איז געוואָרן שטאַרקער. מיט דער שוואַרצער באָרד, מיט דעם אָפּגעברענטן פּנים און מיט זיינע ווייסע שטאַרקע ציין, האָט ער צווישן די

פֿאַרמער־אַרבעטער אויסגעקוקט ווי אַן עקזאָטישער פּיראַט. ווען ער פֿלעגט אָבער בלייבן אַליין, האָט ער געטראַכט וואָס ביולא וואָלט געזאָגט וועגן זיין אויסזען. געטראַכט וועגן איר, אָבער ניט געשריבן צו איר, ניט וויסנדיק אַליין וואָס עס האַלט אים אָפּ פֿון דעם.

אָפּטמאָל אין די פֿאַרנאַכטן, נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, פֿלעגט ער גיין צום לייק באָדן זיך. ער האָט געפֿונען פֿאַר זיך אַ באַזונדער פּלאַץ צווישן די שטיינערנע סקאַלעס, וואו קיינער האָט אים ניט געקאָנט זען; דאָ פֿלעגט ער זיך אויסטאָן אַ נאַקעטער און אַוועקשווימענדיק ווייט פֿון ברעג, שניידן די כוואַליעס מיט זיינע לאַנגע שטאַרקע הענט און, אָפּגעבנדיק דעם קערפּער צו די טיפֿע וואַסערן, לאָזן זיך טראָגן פֿון זיי, ליגן אויף דעם רוקן און קוקן אויף די שטערן, אויף דעם מילך וועג און טראַכטן, ווי וואונדערבאַר, ווי אומבאַגרייפֿלעך מיסטעריעז די נאַטור איז. אָפּט פֿלעגט ער זען ווי די זון גייט אויף פֿון דעם לייק, פֿלעגט ער זיך אַוועקשטעלן אַ נאַקעטער אויף דער סקאַלע, זען די אָפּשפּיגלונג פֿון זיין קערפּער אין די גערונצלטע כוואַליעס; און, פֿונאַנדערשפּרייטנדיק זיינע הענט שטיין, ווי וואַרטנדיק, אַז די זון זאָל אַ שמייכלנדיקע אַריינקומען אין זיינע אָרעמס; מיט הויך־אויסגעשטרעקטע הענט און מיט דעם שטייף־אָנגעצויגענעם קערפּער אַ לאָז טאָן זיך, ווי אַ פּייל אין די כוואַליעס, און שווימען איר אַנקעגן, דער זון; און אַ פֿרישער, אַן אָנגעלאָדענער מיט ענערגיע גיין צוריק צו דער פֿאַרם און שפּילן זיך מיטן הונט, און דערנאָך לאָזן זיך אין פֿעלד צו דער אַרבעט.

ניט ווייט פֿון דער פֿאַרם איז געווען אַ זומער־רעזאָרט. אין דעם רעזאָרט פֿלעגן זיך באַזעצן די שטאָטישע פֿרויען, באָדן זיך, באָקן זיך אויף דער זון און שפּילן אין קאָרטן. דער איינציקער טאָג, ווען דער רעזאָרט פֿלעגט אויפֿלעבן איז געווען זונטיק ווען די מענער פֿלעגן אַרויסקומען מיט זייערע אויטאָמאָבילן אָפּצורוען זיך און פֿאַרברענגען מיט זייערע פֿרויען און קינדער.

אָפּט פֿלעגן פֿון דעם רעזאָרט קומען צו דער פֿאַרם פֿרויען אין ניקערס, פֿאַרברענטע און פֿריילעכע: פֿלעגן קומען איינקויפֿן אייער, און מילך, און פּוטער; און, דערזעענדיק בערגן, קוקן אויף אים פֿאַרגאַפֿטע, און טאָרען, און קנייפּן איינע די צווייטע, דורכריידנדיק זיך שטילערהייט און קאָקעטירנדיק מיט אים. פֿלעגט בערג אַריינוואַרפֿן אַ מאָל אַ וואָרט, אַ פֿראַזע, וואָס האָט איבערראַשט מיטן אינהאַלט און מיט דער שפּראַך, און זייער נייגעריקייט און אינטערעס צו אים פֿלעגט נאָך מער צערייצט ווערן. די פֿאַרם האָט אָנגעהויבן אָפּט באַזוכט צו ווערן. דער פֿאַרמער פֿלעגט קיבעצן בערגן, ראַטן אים אויסנוצן די געלעגנהייט. בערג האָט אָבער אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

פון די דאָזיקע פרויען האָט זיך איינע, איבערהויפּט, זייער פּאַראי־טערעסירט מיט אים. און עס איז געווען זיין אייגענע שולד, האָט ער גע־טראַכט. ער האָט באַדויערט, וואָס דערוויסנדיק זיך, אַז זי לייענט יידיש, האָט ער איר געגעבן צו לייענען זיינע צוויי בראָשורן און דערביי דער־מאָנט, אַז ער איז דער אויטאָר. מער האָט ער ניט באַדאַרפט. זי האָט שוין געלאָזט וויסן אַלע פרויען אין רעזאָרט, וואָס פאַר אַ מערקווירדיקן פויגל זי האָט דאָרטן אָנגעטראָפן אויף דער פאַרם. זי, מיסעס בלאַק האָט זי געהייסן, איז געווען אַ בידעריקע,אַ דיקע און אַ באַרעדעוודיקע. און ווען זי פלעגט קומען, פלעגט זי אים פאַרוואַרפן מיט פראַגן און אַלץ באַמיען זיך אַרויסצו־רופן אים אויף דיסקוסיעס וועגן מוזיק און וועגן קונסט, אין אַלגעמיין, מיט אַלע קרעפטן האָט זי זיך באַמיט אַ שיין צו טאָן מיט אינטעליגענץ און גלייך האָט זי אים געלאָזט וויסן, אַז זי שפילט פידל. די דאָזיקע פרוי, מיסעס בלאַק, און די איבעריקע האָבן אָפט געבעטן אים צו קומען אין דעם רע־זאָרט און געבן אַ פאַר לעקציעס אין דעם האָטל וואו זיי האָבן געוואוינט. ער האָט אָבער יעדעס מאָל אָפּגעזאָגט. ניט די דאָזיקע מענטשן, האָט ער דערביי געטראַכט דאַרפן ווערן דער מאַטעריאַל, וואָס זיינע פונקען וועלן אונטערצינדן. ניין, ניט די דאָזיקע מענטשן . . .

*

עס איז אַוועק דער זומער און עס איז אַוועק דער האַרבסט. און ווען עס איז געקומען דער ווינטער, און דאָס פעלד האָט אויף מיילן ווייט גע־בלענדעט מיט שניי און געפינקלט מיט מיריאַדן בריליאַנטן אין די שטי־לע־שטילסטע לבנה נעכט, האָט בערג געזעסן אין זיין צימער און אָפט גע־שריבן, און ער האָט באַשלאָסן, אַז איידער ער קומט אַרויס מיט דעם פּלאַן צו די מענטשן, וועלכע ער וועט ווערבירן און וועלכע וועלן זיך דאַרפן פאַרבינדן מיט אים אין אידייע, וויל ער אַליין, צום ערשטן, וויסן און זיין קלאָר אין דעם כאַראַקטער, און אין דעם סטאַטוס, וואָס אַזאַ קאָלאָניע דאַרף מיט זיך טראָגן און מיט די פּראָבלעמען וועלכע זי וועט דאַרפן באַגע־גענען און לייזן. ער האָט ניט געוואָלט צוריקפאָרן קיין ניו יאָרק. דאָ אויף דער פרייהייט פון דער נאַטור, איז אויך זיין געדאַנק געווען פרייער און קלאָרער. דאָ האָט ער אינמיטן טאָג געקאָנט אַרויסלאָזן זיך אין פעלד אַריין מיטן וועג צום טייך, אָדער מיטן וועג צום וועלדל און גיין, און באַ־טראַכטן זיינע געדאַנקען און פּלענער, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען אויסגע־לייגט פאַר זיינע אויגן אויף יעדן אַקער.

דאָ האָט ער געקאָנט אויפכאַפּן זיך באַנאַכט און פּלוצים, אַן אינספּי־רירטער פון אַ געדאַנק, אַוועקזעצן זיך און שרייבן, אָדער אַרויסגיין אויף דער פּראַסטיקער לופט און שפּאַנען, הערן ווי דער שניי סקריפּעט אינטער

די פיס, זען ווי די שטערן ווינקען צו אים און קוקן אויף דער אַלייע ביימער באַם הויז ווי זיי שטייען ווי ווייסע גרייזן און הערן זיך צו — שווייגן און הערן זיך צו.

דער פאַרמער נאָוואַק, וויסנדיק שוין וועגן זיינע אַספּיראַציעס און פּלענער, האָט אַמאָל אין שפּאַס און אַמאָל ערנסט גערעדט צו אים: — בערג, אייער פּלאַן געפעלט מיר און, לאָמיך אייך זאָגן, ער איז ניט נאָר באַ אייך אין קאָפּ, ער ליגט טאַקע דאָ אַ פּאַרטיקער באַ אייערע פּיס. איר זעט מיין פאַרם? אַ מאָדל אַ פאַרמע? האַ, ניט אַזוי? קיין בעסערע פאַרם פאַר אייער קאָלאָניע האָט אפילו גאָט ניט געקאָנט אייך צושיקן. קריגט די ממ־תקים און מיר וועלן רעדן ביזנעס. — און ריידנדיק אַזוי, פּלעגט ער רופן בערגן אַרויסצוגיין און ווידער אַ קוק טאָן אויף דעם פאַרמעגן, וואָס ער אַליין האָט אויך אָפּגעקויפט באַ אַ רייכן איירישמאַן, וואָס איז גאָר געווען אַ ליבהאָבער פון פערד און האָט אָנגעבויעט אויף דעם פאַרם גרויסע מאָ־דערנע שטאַלן, וועלכע ער, נאָוואַק, האָט שוין לאַנג פאַרוואַנדלט אין היי־זער מיט באַזונדערע קאַבינעס, מיט דער אויסרעכענונג צו מאַכן פון דער פאַרם אַ רעזאָרט. און שפּאַנענדיק לעבן בערגן האָט ער אָנגעוויזן.

— איר זעט, דאָ אין דעם הויז "נומער איינס", וואו מיר וואוינען, האָט איר אַ גרויסן זאַל, און אַ גרויסע קיך, און זיבן צימערן — גרויסע, דאָבלטע, אין דעמדאָזיקן הויז אַליין קאָנען וואוינען אַ זיבן פאַרלעך, אָדער אַפילו דריי פאַמיליעס. און דאָרט אין "הויז נומער צוויי", וואָס איז, אמת, איבערגעבויעט געוואָרן פון אַ שטאַל, אָבער צוגעפּאַסט פאַר אַ וואוינונג אַפילו אין ווינטער צייט, דאָרט האָט איר צוויי און צוואַנציק קאַבינעס, גוט פאַר צוויי און צוואַנציק פאַרלעך; און אַז מ'דאַרף קאָנט איר אויך יענע שטאַל איבערבויען פאַר אַן אמתן פּאַלאַץ, ווייל זי איז אינגאַנצן געמאַכט פון ציגל. אין איין וואָך צייט מאַך איך אייך פון אָט דער שטאַל אַ גראַנד־האָ־טעל! און דאָ — האָט ער געהאַלטן אין אָנווייזן מיט דער האַנט — האָט איר אַ גרויסע שטאַל פאַר די קי און דאָרט צוויי גרויסע קאַמערן פאַר הינער און קאַטשקעס, און אין דער דריטער קאַמער דאָרט האָט איר אינקובייטאָרס, — עלעקטרישע און מיט אויל. היינט די תבואה שפּייכלער, און די אַלע מכשירים צו מעלקן די קי, צו מאַכן פּוטער, צו מאָלן דעם גריץ, צו זייערן און צו פּרעזערווירן פּרוכטן און גרינוואַרגס, און אַ פּאָר וואָגן צו וועגן די תבואה און צוויי טראַקס און אַקערס און פאַרזייערס, און זעגן און העק, און און... און.. צו אַלדע גוטע רוחות, זעט איר דען ניט און האָט איר דען ניט געזען די גאַנצע צייט וואָס פאַר אַ מלוכה איך האָב דאָ? גלייבט מיר, אַז ווען מיין ווייב וואָלט ניט קראַנק געוואָרן פּלוצים, ווי עס האָט גע־טראָפן פאַראַיאָרן, און ווען זי ליגט ניט אָפּ אין ראַטשעסטער זעקס חדשים צייט, און די דאָקטוירים פרעסן ניט אויף ביי מיר אַ פאַרמעגן, וואָלט איך

שוין היינט געהאַט אַ רעזאָרט פֿאַר גאָט און פֿאַר לייטן. טוט אַ קוק, טוט אַ קוק! פֿון איין זייט אַ וועלדל, פֿון דער אַנדערער זייט אַ לייק... און אַ פֿעלד... ביז צו גאָט אין הימל אַריין! איר זעט די קאָלאָניע, ברודערקע, איר זעט?

— איך זע. —האָט בערג געלאַכט. — אָבער אייערע זין, וואָס וועלן אייערע זין זאָגן. ווילן זיי דען פֿאַרקויפֿן די פֿאַרם?

— דעם אמת זאָגנדיק, ווילן זיי ניט. זיי מענטשלען זיך נאָך. אָבער זיי וועלן מוזן. ערשטנס, ווייל זיי גייען ביידע הייראַטן און זייערע ווייבלעך האָבן אויך וואָס צו זאָגן אין דעם ענין. איך ווייס שוין, אַז זיי וועלן ניט באַזעצן זיך אויף אַ פֿאַרם, כאָטש גיב זיי... דאָס טעלערל פֿון דעם הימל. וואָס זשע, ס׳פֿעלט זיי עפּעס אין שטאָט? זיי זיינען, פֿאַרשטייט איר מיך, אַליין אויך גרויסע פֿאַרדינערקעס. איינע איז עפּעס אַ סעקרעטאַרשע באַ אַ גרויסען ביזנעסמאַן און די צווייטע דאַרטן איז עפּעס אַ מין... כ׳ווייס... אַ גרויסען הוט־שאַפּ האָט זי ערגעץ אויף אַן עוועניו, זאָגט מיין זון. נו, דאַרפֿן זיי אַ פֿאַרם? דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, אַז מיינע זין ווילן דאָ ניט זיין, אַז זיי ווילן גאַר עפֿענען אַ פֿאַבריק פֿון כעמישע שטאָפֿן פֿאַר באַ־מיסטיקן די פֿעלדער, וואָס זשע וועט זיין מיט מיר? זאָל איך און מיין ווייב פֿירן די פֿאַרם אויף די עלטערע יאָרן? וואָס זאָגט איר.

— וואָס דען קאָנט איר טאָן? — האָט בערג געפֿרעגט.

— וואָס איך וועל טאָן? אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. איך מיט מיין ווייב וועלן ״רעטיירן״. מיר וועלן זיך קויפֿן אַ קאָטעדזשל אין פֿילאַ־דעלפֿיאַ און מיר וועלן זיצן אויף גרייטן. נישקשה, ס׳וועט באַך סטייען. אָבער צו וואָס רייד איך צו אייך, צו אַ קבצן?.. וואו איך בין עס שוין פֿאַר־פֿלויגן מיט מיין פֿאַנטאַזיע — אויף אייער קאָלאָניע, כע־כע.

אַזוי האָט גערעדט דער פֿאַרמער און זיינע ווערטער, און די פֿאַרם אַליין מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און מיט דעם גאַנצן מאָדערנעם אינווענ־טאַר, דאָס אַלעס האָט בערג געגלייבט איז אים צוגעשיקט געוואָרן פֿון דעם שיקזאַל אַליין. דאָס אַלעס האָט געווירקט אויף בערגן ווי שטאַרקער וויין און ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ דערהויבענער שטימונג, געשריבן, גערעכנט, פּלאַנירט און האָט שוין געהאַט אַ צוגעגרייטן פֿאַרטיקן סטאַ־טוס און אַ פֿאַרטיקע פּראָגראַם פֿאַר דער צוקונפֿטיקער קאָלאָניע — אַלעס חוץ דעם קאַפּיטאַל און חוץ די קאָלאָניסטן.

/

דער ווינטער האָט שוין געהאַלטן באַם פֿאַרגייען, ווען בערגן האָט מיט אַמאָל אָנגעכאַפּט אַ דראַנג צום פֿאָרן קיין ניו יאָרק. עס האָט זיך אים ווידער פֿאַרגלוסט צו זען מענטשן, צו הערן דעבאַטן, צו זען די ליכטיקע עוועניוס און הערן דעם ניו־יאָרקער טומל, ברום און גערויש. און איבער־

הויפט האָט זיך אים געוואָלט זען די מוטער, וועלכע האָט אים געשריבן, אַז ס'איז שוין צייט פאַר אים אַריינצוקומען, זי זאָל אַ קוק טאָן אויף אים ווי ער זעט אויס. איז ער אָוועקגעפאָרן קיין ניו יאָרק.

ער האָט געטראָפן די מוטער אַ שוואַכע און אַ קראַנקע. זי האָט זיך געפרייט מיט אים און ניט אָפגעלאָזט פון זיך. האָט ער די ערשטע עט־לעכע טעג פאַרבראַכט מיט איר. אויף דעם דריטן טאָג פון זיין אָנקומען קיין ניו יאָרק, האָט ער באַשלאָסן צו באַזוכן ביזלאָן און איר מוטער. אָבער ווען ער איז געקומען צו זייער הויז, האָט ער אויסגעפונען, אַז זיי וואוינען שוין ניט דאָרט און קיינער האָט אים ניט געקאָנט זאָגן וואוהין זיי האָבן זיך אַרויסגעצויגן. אין דעם דאָזיקן טאָג איז זיין־שטימונג און זיין ענטוי־שונג געווען טיפער און טונקעלער.

דאָס ניו יאָרקער לעבן האָט אים שוין מער ניט באַרוישט. עפּעס אַן ענטוישונג איז אים די גאַנצע צייט נאָכגעגאַנגען. ער האָט געפילט ווי אָרום און אָרום שוועבט אַ נערוועזיטעט, און אַן אָנגעשטרענגטקייט און אַ פאַרביטערטקייט, כאָטש דער געקלאַנג פון געלד האָט פאַרקלונגען אַלעס אַרום, כאָטש די מענטשן זיינען געוואָרן דאָ און דאָרט רייך איבער־נאַכט און מ'האָט געקויפט "גאָלד באָנדס" און מ'האָט געשניטן קופּאָנען, און מ'האָט פאַרבראַכט אין "ספּיק איזיס" און מ'האָט געטרונקען פאַר־סמטן שנאַפּס און מ'האָט געטאַנצט דעם "טשאַרלסטאָן" אונטער די שיסע־רייען און מערדערייען פון גענגסטערישע באַנדעס, וואָס האָבן זיך גע־מערט ווי גיפטיקע שוואָמען אונטער אַ רעגן.

בערג האָט זיך געזען מיט קרופּקינען. געטראָפן אים אַ שווייגנדיקן, און עפּעס אַן ענטוישטן. איז בערג אָוועקגעגאַנגען פון אים אויך אַן ענ־טוישטער. ער האָט געזוכט מענטשן צו וועלכע ער וואָלט געקאָנט ריידן און אַנטפּלעקן זיינע טרוימען און פּלענער וועגן אַ קאָלאָניע, אָבער מיט ווען ער האָט גערעדט, האָבן זיי אים אויסגעהערט שווייגנדיקע, ניט פאַראינטע־רעסירטע, און די דאָזיקע וועלכע האָבן אויפגעפלאַמט מיטן גייסט פון אונטערנעמונג האָבן גאָר פאַרקירעוועט דעם געשפּרעך צו קאָאָפּעראַטיווע הייזער, טאַקע אין ניו יאָרק, און טאַקע אין אַ שיינעם געגנט; אָט דאָס, האָט ער געהערט, איז אַן ענין; אַרבעטער האָבן געלט, ייִדן ווילן לעבן צו־זאַמען אין קאָאָפּעראַטיווע הייזער, מיט אַן אייגענער שול, מיט אַן אייגענעם זאַל פאַר לעקציעס, מיט אייגענע פּאָליסאַדניקעס, דאָס איז אַן ענין. האָט בערג גערעדט וועגן אַ קאָלאָניע און די מענטשן וועגן הייזער, ביז בערג האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז ווידער באַטראַכטן ווי אַזוי צוצוגיין צום ענין, ווי אַזוי צוצוקומען צו די ייִדישע אַרבעטער און האַרע־פּאַשניקעס מיט זיין פּלאַן.

איילן זיך טויג ניט. עס איז דאָך ניט אַ פּראָיעקט וואָס מוז גלייך גע־

בוירן ווערן — וועט ער וואַרטן. דער טשאַד פון "ריל עסטייט" און פון "לאַטס" מוז פריער אויסגעלופטערט ווערן און ווען די לופט וועט ווערן ריינער, וועט מען דערהערן זיין וואָרט. וועט ער וואַרטן.

אין די דאַזיקע טעג האָט ער זיך באַקאַנט מיט דעם "דאָקטאָר". פאַר־וואָס מ'האָט דעם בייעם באַקאַנטן זיינעם גערופן "דאָקטאָר" האָט קיינער ניט געוואוסט און קיינער האָט אויך קיינמאָל ניט געפרעגט. אָבער אַ מאָד־נער מענטש איז ער געווען דער "דאָקטאָר" און בערג האָט זיך פאַראינטע־רעסירט מיט אים. עס איז אים געפעלן געוואָרן אין אים זיין באַהעמישע אינדיווידואַליטעט, זיין גרויסע ערודיציע אין דער ליטעראַטור און אין דער געשיכטע פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, איבערהויפּט. ער איז געווען אַ קרומער דער "דאָקטאָר" און שטענדיק געטראָגן מיט זיך אַ שטעקן. פון וואָס ער האָט געצויגן זיין חיונה האָט אויך קיינער ניט געוואוסט, אָבער שטענדיק האָט ער ליב געהאַט צו מכבד זיין אַנדערע מיט קאַווע. צו בערגן איז ער צוגעשטאַנען, ווי דערפילנדיק אין אים אַ נאָענטן, פון זיין מין מענטשן און בערג האָט אין די דאָזיקע טעג געזוכט אַט דעם מין מענטשן — מענטשן פרייע אין גייסט און פרייע אין טאַט.

בערג האָט אים אַ פּאָר מאָל באַזוכט אין זיין צימערל, וואָס האָט זיך פאַרשטופּט ערגעץ אויף דעם פּופּצענטן שטאָק צווישן די הימלקראַצערס אין דעם דאַון טאַון געגנט. געקראָגן האָט ער דאָס צימערל כמעט אומ־זיסט פון זיינעם אַן אַמאָליקן חבר, וועלכער איז רייך געוואָרן און האָט גע־האַט אַ גרויסן שאַפּ אין דער זעלבער געביידע. דער חבר זיינער, האָט דער דאָקטאָר דערציילט בערגן, איז געווען פון די אַלטע אַנאַרכיסטן און גע־גלויבט האָט ער אין אַבסאָלוטער פרייהייט, ווי זי זאָל זיך ניט אויס־דריקן. די פרייהייט האָט לויט זיין אַנאַרכיסטישן שטאַנדפּונקט בעדאַרפט זיין אומבאַגרעניצט סיי פאַר דעם קאַפּיטאַליסט, סיי פאַר דעם אָרעמאַן, מיט איין וואָרט, זיין קאָנצעפּציע וועגן פרייהייט איז מיט דער צייט און מיט דעם דערפאָלג זיינעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין דזשאַנגל פרייהייט: נעם וואָס דו קאָנסט און ווי אַזוי דו קאָנסט; דו האָסט דיזעלבע מעגלעכ־קייטן ווי איך און מיט אַלע מיטלען און געלעגנהייטן, וואָס דאָס פרייע לאַנד אַמעריקע גיט דיר. יאָ, האָט דער דאָקטאָר קאָמענטירט, אַט אַזוי ווערן פאַרקריפּלט די קאָנצעפּציעס וועגן פרייהייט. פרייהייט ווערט אַ כאַמע־לעאָן, וואָס נעמט אָן דעם אָדער דעם אַנדערן קאָליר לויט די אומשטענדן. דאָס איינציקע וואָס דער פריינט זיינער האָט פאַרגעסן צו נעמען אין אַכט אין זיינע דעפיניציעס, וועגן פרייהייט, איז געווען גערעכטיקייט. גערעכ־טיקייט האָט ער אויסגעשלאָסן, ווייל זי האָט זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין דער דזשאַנגל־פילאָזאָפיע.

— איר זעט אַט דעם הימל־קראַצער? האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.
— לויט די כּללים פון גערעכטיקייט, וואָלט אַט דער הימלקראַצער גע־קאָנט זיין מיינער, פונקט ווי זיינער — האָב איך אָבער אין אים בלויז אַ צי־מערל. די מעשה פון דעם איז אַן אַלטע אָבער אַ באַלערנדע: מיר האָבן ביי־דע געלערנט אין דעם זעלבן קאָלעדזש, מיר זיינען ביידע געווען גרויסע קבצנים און מיר האָבן ביידע ליב געהאַט איינע און דיזעלבע מיידל. איך האָב זי ליב געהאַט פאַר אירע מעלות, ער האָט זי ליב געהאַט פאַר איר רייכקייט. און די מיידל האָט אונדז דאַכט זיך ביידן ליב געהאַט, אָבער זי האָט ניט געוואוסט, ווי בורידאַנס אייזל פון וועלכן סטויג היי צו עסן. נו, דער אייזל איז געשטאָרבן פון הונגער און זי וואָלט פון הונגער, פאַרשטייט זיך, ניט געשטאָרבן און וואָלט קיין אַלטע מויד ניט געבליבן, אָבער דאָס לעבן איז פול מיט זינלאָזע טריקס. דאַכט זיך דאָס לעבן און די נאַטור איז דאָך געפירט מיט אַזאַ געטלעכער אַלצפאַראויסזעענדיקער לאָגיק און דאָך ווערט די גאַנצע לאָגישקייט און די גאַנצע געטלעכקייט צעשטערט צוליב אַ נאַרישן זינלאָזן צופאַל. האָט טאַקע די געטלעכע לאָגיק געפירט מיך אַראָפּצופאַלן אין סאָבוויי פון די טרעפּ און צעברעכן זיך אַ פוס? האָט עס טאַקע דאָס געטלעכע לעבן אַזוי גוט אויסגערעכנט עס, אַז איך זאָל זיך צעברעכן אַ פוס און ער מיין חבר זאָל הייראַטן מיטן מיידל און מיט צוויי יאָר שפּעטער ירשענען פון דעם שווער אַט דאָס הימלקראַצערל? פרעג איך אייך? ס׳איז דאָך דאַכט זיך אַזאַ פּשוטע און נאַרישע מעשה פון מיין לעבן, אָבער וואָס איז נאַרישער די מעשה צי דאָס לעבן? כאַ־כאַ־כאַ!

בערג האָט געלאַכט צוזאַמען מיט אים און אויב די מעשה פון דעם "דאָקטאָרס" לעבן, ווי ער האָט זי דערציילט, האָט ניט געקאָנט שטאַרק פאַראינטערעסירן מיט דעם אינהאַלט, האָט זי דאָך געוואָרפן אַ זייטיקע בלויע שיין אויף דעם "דאָקטאָרס" קוק אויף דעם לעבן און ער האָט טאַקע גלייך צוגעגעבן:

— ווי איר זעט מיין פּריינט, האָב איך פון אַט דערדאָזיקער פּאַסירונג אין מיין לעבן געלערנט אַט וואָס: ערשטנס, אַז עס האָט ניט קיין זין צו פּלאַנירן דאָס לעבן מיט זין, ווייל סיי דער זין און סיי דער אומזין זיינען גלייכע מיוחסים באַם אויבערשטן, און צווייטנס... צווייטנס האָב איך מער קיינמאָל ניט געהייראַט, ניט ווייל איך האָב פאַראַכטעט פרויען, ניין... פרוי־ען געפעלן מיר, אַמאָל געפעלן זיי מיר זייער און זייער, אָבער, לאַכט ניט... כ׳האָב דערזען, אַז אין אונדזער עקזיסטירנדער סאָציאַלער סיסטעמע פון לעבן, אויב מ׳גלייבט טאַקע אין אמתער אינדיווידועלער פרייהייט און אויב מ׳וויל רעספּעקטירן אַט די געמיינשאַפטלעכע פרייהייט, טאָר מען ניט הייראַטן, ווייל הייראַט אונטער אונזערע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אומ־שטענדן איז שקלאַפעריי. דריטנס, קיין דאָקטאָר בין איך ניט געוואָרן,

כּאַטש מ׳רופט מיך דאָקטאָר. און איך מאַך אַ לעבן פון טוריסטן... איך קאָן ניו יאָרק, ווי איך קאָן מיינע צען פינגער, אַרבעט איך פאַר אַ טור־ריסטן־קאָמפּאַניע, פאָר אַרום אין די באַסעס און דערצייל נסים ונפלאות וועגן ניו יאָרק... איך מוז אָבער מודה זיין: איך אַרבעט בלויז ווען עס פעלט מיר אויס אַ פּאָר סענט, מאַך אַ פּאָר טאָלער, נעם איך זיך אַ וואַ־קאַציע. און זיץ אין דער קאַפע אָדער דאָ בײַ זיך און איך פיר מיר אַ באַ־העמישן לעבן.

דעם דאָקטאָרס צימערל האָט אָפט געזען בערגן, אפילו ווען דער "דאָקטאָר" איז ניט געווען אינדערהיים. די טיר האָט ער שטענדיק געלאָזט אָפן און ווער ס׳האָט געוואָלט האָט געקאָנט אַריינקומען. און בערג אין זיי־נע שטימונגען האָט גראַדע ליב געהאַט דאָס פאַרוואָרפענע אינטימע ווינקל, וואו ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ גאַנצער קאָלעקציע פון ביכער אי־בער אַלע געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן.

אָפט פלעגט ער פאַרברענגען מיטן "דאָקטאָר" אין די קאַפעען ביז שפּעט אין דער נאַכט און ער האָט אים געלאָזט ריידן, ריידן אָן אַ שיער וועגן אַלץ אין דער וועלט. אַזוי איז פאַרבונדן געוואָרן און פאַרקנופּט גע־וואָרן אַ באַזונדערע פריינטשאַפט צווישן אים און דעם "דאָקטאָר".

און ווען ער האָט געזען, ווי דאָס געזונט פון דער מוטער פאַרבעסערט זיך; און דאָס אַרומיקע לעבן האָט מיט גלייכגילטיקייט און מיט סנאָבישער אַראָגאַנץ געטראָגן זיך פאַרביי, האָט ער באַשלאָסן צוריקפאָרן צו דער פאַרם און, ניט זעענדיק זיך מיט קיינעם חוץ דער מוטער איז ער ווי־דער אַוועק און פאַרשוואונדן פון ניו יאָרק.

*

עס איז אַוועק דער פרילינג און עס איז אַוועק דער זומער און עס איז אָנגעקומען דער האַרבסט מיט דעם גערוך פון היי אויף די פעלדער, מיט די סטייעס פייגל אין דעם הימל, מיט דעם שוואַרצן וועלדל אינדערווייטנס און מיט די גרויע קאַלטע אָקטאָבער טעג. און אין איינעם פון די דאָזיקע טעג האָט בערג דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע, אַז זיין מוטער איז זייער קראַנק און אַז ער זאָל גלייך קומען קיין ניו יאָרק.

און ווען ער איז אָנגעקומען קיין ניו יאָרק, איז שוין די מוטער גע־ווען טויט. די ערשטע טעג און וואָכן האָט דאָס טרויער געפיל, און די פרעמדקייט אין דעם האָטעל, און די אַלגעמיינע אָפּגעריסנקייט פון מענטשן און פון שטאָטישער אַקטיוויטעט, געהאַלטן אים אַ צעשרויפטן און אַ שווייגנדיקן, ער האָט זיך ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט. פאָרן צוריק אויף דער פאַרם האָט ער שוין ניט געוואָלט. ער האָט געוואוסט, אַז דער־ווייל האָט ער שוין ניט וואָס צו טאָן דאָרט אין דעם אָנקומענדיקן ווינ־

טער האָט ער זיך ווידער אַריינגעלאָזט אין לייענען און אין איינזאַמע שפּאַצירן איבער דער שטאָט.

עס זיינען אַוועק נאָך אַ פּאָר וואָכן און די אומעטיקייט און די טעטיגלאָזיקייט איז פאַר אים געוואָרן אונטערטרעגלעך. האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו באַווייזן זיך אין געזעלשאַפטלעכע ליטעראַרישע און קינסטלערישע קרייזן, און ווידער האָט מען אָנגעהויבן צוציען אים צו רעפעראַטן, צו סימפּאָזיומס און דעבאַטן. ער איז אָבער דאָס מאָל געקומען מיט דעם פולן באַוואוסטזיין פון זיינע אויסגעקריסטאַליזירטע אידייען און אָנשויאונגען. ער האָט געוואוסט קאָנקרעט וואָס ער וויל, וועגן וואָס ער רעדט און צו וואָס ער רופט. זיין אייגענע אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישע טעאָריע האָט ער שוין ניט פאָרמולירט מיט אַבסטראַקטע דאָגמעס בלויז, נאָר מיט פּראַקטישע פּלענער און פּראָיעקטן — מיט דעם הויפּט פּראָיעקט פון אַ קאָמונאַלער קאָלאָניע. אָבער אַפילו זיין קלאָרער, ניכטערער און פּראַקטישער צוגאַנג האָט נאָך ניט געפונען גענוג אָנהענגער, צוליב דער רעפּוטאַציע וואָס ער האָט געשאַפן אַרום זיך — די רעפּוטאַציע פון אַן אידעאַליסט אַ טרוימער, וואָס איז מער נשמהדיק, ווי גופ׳דיק. און אַפילו זיין בייער פריינט דער "דאָקטאָר" האָט איינמאָל באַ אַ רעפעראַט דערלויבט זיך אָפּצולאַכן אַביסל פון דעם נייעם "פּראָפּעט" ווי ער האָט אָנגערופן בערגן און ער האָט געזאָגט, אַז בערג האָט גענומען פון יעדער פּאַרטיי די אידעאַלסטע, דיסטילירטע עסענץ און האָט עס פאַרוואַנדלט אין אַ שפּאָגל נייעם רעצעפּט. ער צווייפלט אָבער, צי עמיצער פון די יידן וועט וועלן איינשטעלן און אָננעמען דעם הייל־מיטל, וואָס איז ניט פּאַטענטירט באַ אַ גרויסער פירמע. אָבער בערג האָט אים געענטפערט, אַז אַפילו גרויסע פירמעס האָבן אָפּט גרויסע שוועריקייטן מיט זייערע רעצעפּטן און מיט זייערע פּאַציענטן. וואָס איז שייך דעם פריינט זיינעם דעם דאָקטאָר, ווייסט ער, אַז ווען עס וועלן זיך באמת עפענען די טויערן צו דער פאַרווירקלעכונג פון פּראָיעקט, וועט ער, דער דאָקטאָר, זיין דער ערשטער אַריבערצוטרעטן די שוועל.

ערגעץ וואו, האָט בערג געפילט, הייבן אָן מענטשן צוצוהערן זיך צו אים ניט בלויז מיט פוסטן אינטערעס, נאָר טאָקע מיט אַ קוק אויף תכלית. ערגעץ וואו, האָט ער געוואוסט, רעדט מען וועגן אים, וועגן זיינע פּראָיעקטן און טרוימען. מ׳דיסקוסירט עס און מ׳הייבט עס אָן באַטראַכטן פון דער פּראַקטישער זייט, מיט דעם ספּעציפיש אַמעריקאַנעם צוגאַנג און קוק אויף "ביזנעס". האָט ער גערעדט, פּראָפּאַגאַנדירט און געהאָט געדולד.

אויף איינעם פון זיינע רעפעראַטן האָט זיך בערג באַקאַנט מיט אַ יידישער לערערין, ביטריס לעווין. זי איז געקומען צו דער לעקציע מיט קרופּקינען און, דערזעענדיק בערגן, איז זי געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטע.

עפּעס אין בערגן, האָט זי געזאָגט קרופּקינען, האָט זי אויפגעהויבן ווי אויף פליגל און פאַרטראָגן צו עקזאַטישע און עקסטאַטישע טרוימען. און אויף דעם צווייטן טאָג פון דער לעקציע איז זי, צו בערגס איבעראַשונג און פאַר־לעגנהייט, געקומען באַזוכן אים. זי האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן, האָט זי געזאָגט, — האָט זי אויסגעפונען זיין אַדרעס און איז געקומען. ער איז דערדאַזיקער, נאָך וועלכן זי האָט דאָס גאַנצע לעבן אירס געבענקט, ניט ווויסנדיק וואו און ווי אַזוי זי וועט אים אַמאָל באַגעגענען. זאָל ער ניט קוקן אויף איר ווי אויף אַ צעדולטער, ווי אויף אַ צוטשעפעניש, — ער וועט זיך מיט איר נענטער באַקאָנען, וועט ער זיך איבערצייגן, אַז די געוואָגטקייט אין איר איז מער אַ מעלה, ווי אַ חסרון. זי איז ניט קיין היפּאָקריט און זי וויל ניט זיין קיין שקלאַף, ניט צו זיך אַליין און ניט צו יענעם. זי וויל ווערן זיין חבר און פריינט.

האָט ער געקוקט אויף איר אַ צעטומלטער און האָט געשמייכלט: זי קאָן זיין זיין חבר און פריינט, אויב זי וויל, כאָטש ער ווייסט ניט, איי־גנטלעך, אין וואָס די חברשאַפט און פריינטשאַפט דאַרף זיך אויסדריקן. האָט זי קלוג געשמייכלט, שטאַרק געדריקט זיין האַנט און איז אַוועקגע־גאַנגען. אויפן צווייטן טאָג איז זי ווידער געקומען און אויפן דריטן טאָג ווידער.

ביטריס לעווין איז אַלט געווען ניין און צוואַנציק יאָר. זי האָט עמי־גרירט מיט אירע עלטערן פון פּוילן גלייך נאָך דער וועלט־מלחמה, באַזעצט זיך אין ניו יאָרק און איז מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער געוואָרן אַלערערין אין אַ יידישער שול. קיין מיאוסע איז זי ניט געווען און זי וואָלט אפילו גע־קאָנט הייראַטן מיט קרופּקינען ווען זי וואָלט געוואָלט. זי האָט געוואוינט אין דעם זעלבן אַפּאַרטמענט הויז וואו ער, פלעגט אפט טרעפן זיך מיט אים און דיסקוטירן וועגן געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. די אַר־גומענטן פלעגן אפט איבערגיין אין הייסע צעזאַמענשטויסן און אין פּערזענ־לעכע אָנפאַלן אויף אים פון איר זייט. דאָך איז זי אים געפעלן געוואָרן. ס'איז אים געפעלן געוואָרן אין איר די עקסצענטרישקייט, די געוואָגט־קייט פון איר פּראַזע און טאַט.

מיר וואָלטן געקאָנט ווערן מאַן און ווייב קרופּקין. — האָט זי צו אים איינמאָל פלוצים אַ זאָג געטאָן און האָט פאַרענדיקט: — ווען איך וואָלט איך ליב געהאַט.

און די פּראַזע איז געווען ווי אַ פונק. דער פונק האָט געטליעט און אים מיט האָפנונג. און זי האָט עס געוואוסט. זי האָט אויך געוואוסט, אַז ער האָט אַ סך מעלות אָט דער קרופּקין, — האָט זי געהאַלטן אַן אויג אויף אים. דאָס לעבן, — האָט זי פילאָזאָפירט, — טוט אָפּ שפּיצלעך און מ'טאָר קיינמאָל ניט זיין זיכער מיט זיך.

זי איז שוין עטלעכע מאָל געווען פאַרליבט, אָבער אין מענער וועלכע זי האָט קיינמאָל ניט געקאָנט דערגרייכן. צום ערשטן אין אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט זי ניט געקאָנט אַפילו און האָט קיין אַהנונג ניט געהאַט וועגן דעם; דערנאָך האָט זי זיך פאַרליבט אין אַ באַרימטן שרייבער, וועלכער האָט איינמאָל באַזוכט איר שול און האָט געקוקט אין אירע שמייכלענדיקע אויגן מער וויפל ס׳איז נייטיק געווען; און צום סוף — אין בערגן. און דאָס מאָל האָט זי זיך איינגעקלאַמערט אין איר ליבע־קאָמפּלעקס מיט די „ציין און נעגל“, ווי זי האָט אַליין דערנאָך געזאָגט בערגן. זי איז ווירקלעך געווען פאַרליבט אין אים. און כאָטש ער האָט זיך פון דעם ערשטן טאָג אָן געהאַלטן פונדערווייטנס, ווי אַפּגעצוימט מיט עפּעס אַ סוד און כאָטש זי האָט געזען און געוואוסט, אַז די געשלעכט פּראָבלעמען פאַרנעמען ניט ביי אים קיין באַזונדערן פּלאַץ דאָך האָט זי געגלויבט אַז ווי ווייט ער זאָל ניט זיין פון די נאַטירלעכע אימפּולסן און ווי ער זאָל ניט פילאָזאָפירן, וועט דאָס עמאָציאָנעלע און דאָס געשלעכטלעכע סוף כל סוף געפינען דעם וועג. זי האָט פאַרבראַכט מיט אים גאַנצע טעג און נעכט און ער איז, ניט ווייסנדיק אַליין ווי אַזוי, צוגעוואוינט געוואָרן צו איר, צו אירע רייד און צו אירע וועגן. זי האָט אָבער ניט דערוועקט אין אים די געפילן, וואָס ביולאַ האָט דערוועקט. זי האָט פּרובירט אַריינצודרינגען טיפער אין זיין נשמה און אין זיין פאַרגאַנגענהייט, ער איז אָבער געבליבן פאַרשלאָסן אין זיך. און די פאַרשלאָסנקייט זיינע האָט זי געמאַטערט. ער האָט געקאָנט שטונדנלאַנג ריידן וועגן אַבסטראַקציעס, וועגן אַנאַרכיזם און קאָמוניזם, וועגן זיין אי־דייע־פיקס — די קאָלאָניע, אָבער קיינמאָל ניט וועגן זיך אַליין, וועגן זיין אייגענעם לעבן. זי האָט געוואוסט, אַז ער איז געווען פאַרוואונדעט אין דער מלחמה; זי האָט געוואוסט, אַז ער האָט געוואוינט אויף אַ פאַרם — און דאָס אַלעס. זיין אידייע וועגן דער קאָלאָניע האָט זי ניט באַגייסטערט און זי האָט געוואָלט פאַרבלייבן אין שטאָט אַ לערערין. זי האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז אויב ער גרינדעט די קאָלאָניע און גייט אַוועק, וועט זי אים נאָכגיין.

*

דער ווינטער האָט שוין געהאַלטן באַם פאַרגייען און עס האָט זיך שוין דערנעענטערט דער פרילינג. בערג איז אַרומגעגאַנגען אַ נערוועזער און אַ באַאומרואיקטער. ער האָט געוואוסט, אַז אויב ער וועט ניט צוטרעטן צו ממשותדיקער אַרבעט, וועט די אידייע זיינע אינגאַנצן צעשוואומען ווערן, וואָרן מיט אַבסטראַקציעס און מיט לעקציעס קאָן מען קיין קאָלאָניע ניט בויען. ס׳איז צייט געווען אָנצוהייבן די אַרבעט, ווי מ׳הייבט אָן אַן אַר־בעט, ווען זי שטייט אַ פּאַרטיקע און וואַרט. מענטשן האָבן געהאַט געלט; און אומעטום האָט מען נאָך אַלץ געפירט געשעפטן, געבויעט הייזער, גע־

קויפט און פאַרקויפט לאַנד אין דער שטאָט, און אַרום דער שטאָט, אין די פעלדער, וועלדער און אפילו אין די זומפּן. "ריל־עסטייט ביזנעס" האָט געבליט און געוואַקסן. דער פיבער פון קויפן און פאַרקויפן האָט אַרומגע־כאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד; ווי אין צעשמאָלצענעם גאָלד האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די פאַרבייגייענדיקע וואַקכאַנאַליע פון דער נאָך מלחמהדיקער "פּראָספּערי־טי", וואָס האָט זיך געטראָגן הפקרדיק און איז געקראָכן אויף די, איבער־נאַכט אויסגעוואַקסענע, הימלקראַצערס אין דעם פאַרשייטן, מיט גאָלד פאַר־קלונגענעם חלום. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַזוי וועט שוין אייביק זיין און אַזוי וועט עס שוין פאַרבלייבן. אָט דער עקאָנאָמישער צושטאַנד אין לאַנד האָט אין אַ געוויסן זין געווירקט, אַז דער אינטערעס צו בערגס פּראָיעקט זאָל ענדלעך אָנהייבן שטייגן, איבערהויפּט ווען בערגן איז מיט־אַמאָל איינגעפאַלן אַ געדאַנק: ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין אָנקל דעם "ריל עסטייט בראָוקער" סעמיועל בערג. איצט, אַז ער האָט שוין געהאַט אויף זיין צעטל אַ זעקס און צוואַנציק מענטשן, וועלכע זיינען געווען גרייט צוצושטיין צו דער קאָלאָניע, איצט איז די צייט צו זען דעם רייכן אָנקל, פאַראינטערעסירן אים אין פּראָיעקט און פאַרשלאָגן אים, אַז ער זאָל טיילוויז פינאַנסירן די אונטערנעמונג. און אַזוי האָט בערג געטאָן. ער איז געפאָרן זען דעם אָנקל.

דער אָנקל האָט אים אויפגענומען מיט רעש און געפּילדער; גע־קיבעצט אַביסל וועגן זיין באָרד און דערנאָך, ווען זיי זיינען שוין צוגע־טראָטן צום ענין, האָט ער אויסגעהערט בערגן, צוגעשאָקלט צו יעדן פּונקט מיטן קאָפּ און ענדלעך אַ זאָג געטאָן:

— ווען די דאָזיקע פאַרם שטייט דאָ אין שטאָט, וואָלט איך גלייך גע־געבן געלט. מיר וואָלטן געבויעט אַפּאַרטמענט הייזער און ס'וואָלט געווען אַלרייט. אָבער אַזוי... וואָס דאַרף איך קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין קראַנקן בעט אַריין? וואָס זשע, איך דאַרף פאַרזאָרגן די אחינו בני ישראל? באַ מיר ביזנעס איז ביזנעס. פאָלג מיך: איך וועל דיר געבן אַביסל געלט און עפּן אויף אַ פאַר־שאַפּ און ווער אַ מענטש. און יאָ... פאַרגעס ניט אָבצוגאָלן די באָרד. דאַרפסט טאַקע, אַז די גוים זאָלן טייטלען אויף דיר מיט די פינ־גער און באַכשרייען "שיני"?

בערגן אַז ניט געפעלן געוואָרן דעם אָנקלס ווילצלען זיך, האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו דערקלערן אים דעם ענין, אָבער דאָס מאָל איז אים איינגעפאַלן צו דערציילן אים וועגן נאָוואַקס פּלענער צו מאַכן אַ רעזאָרט פון דער פאַרם און, מאָלנדיק דעם לייק, און די הייזער נומער איינס, און נומער צוויי, און אויך נומער דריי, וואָס האָט געקאַנט אין דער צוקונפט פאַרוואַנדלט ווערן שיער ניט אין אַהאָטעל פון זעקס און דרייסיק צימערן, האָט דער אָנקל גענומען צוהערן זיך מיט מער אינטערעס און צום סוף

אַ זאָג געטאָן:

—ווייסטו וואָס, לעאָן? מיר פאָרן אַ קוק טאָן אויף דיין פאַרם.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום אין אַ אַ קלאָרן פרימאָרגן, זיינען זיי אַרויס־געפאָרן אין דעם אָנקלס מאַשין צו נאַוואַקס פאַרם און, אַ באַצויבערטער פון דער באַלעבאַטישקייט, האָט דער אָנקל, שוין אויף דעם וועג צוריק, גע־זאָגט צו בערגן:

— ער ווייסט ניט וואָס ער טוט, דער יאָלד. ס'איז אַ קעניגרייך און מיר וועלן דאָ שאַרן גאָלד מיט לאָפּעטעס.

און דאָ האָט בערג ווידער אַמאָל אָנגעהויבן איינצוטיינען מיט דעם אָנקל און אָפּעלירן צו זיין יידיש האַרץ, צו דעם יידישן שטאָלץ און צו די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס אַפילו אַ קאָלאָניע קאָן שאַפן; היינט, דער נאָ־מען, וואָס ער וועט קריגן אין די קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכ־קייט... דער סוף איז געווען, אַז דער אָנקל האָט איבערגעגעבן אַלעס אין בערגס הענט און דאָס איינציקע, האָט ער געזאָגט, מיט וואָס ער וועט זיך באַוואָרענען, זיינען עס די קאָנדיציעס וועגן די "מאָרטגיידזשעס", וועלכע ער האָט געוואָלט אויסאַרבעטן צוזאַמען מיט נאַוואַקן. אין דערזעלבער צייט האָט ער אָבער אויך געוואָלט זיין פאַררעכנט אַלס מיטגליד פון דער קאָלאָניע, מיט אַלע רעכט אויף די פּראָפיטן, וואָס די אונטערנעמונג וועט באַווייזן. מיט דעם האָט זיך דעם אָנקלס אַרבעט דערווייליע פאַרענדיקט און בערג קריגנדיק אַ פרייע האַנט און אַ דערהויבענער אין גייסט, האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט זיין גאַנצן ברען און ענערגיע.

אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אויך פאַרבונדן מיט אַ פּאָר אַגרי־קולטור געזעלשאַפטן, פּרובירנדיק צו פאַראינטערעסירן זיי מיט זיינע פּלע־נער, אָבער ווען זיי האָבן זיך באַקאַנט מיט זיין קאָמונסיטישן סטאַטוט, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו שטיצן די אונטערנעמונג, ווייל יורידיש איז עס ניט געווען צוגעפּאַסט צו זייערע אינטערעסן און צו זייער טעטיקייט. דאָס האָט ניט ענטוישט און ניט ענטמוטיקט בערגן. ער איז וויטער אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט, ווערבירט מיטגלידער, לעגאַליזירט אַפּליקאַציעס, גערעדט באַ מיטינגען, און פירנדיק די פאַרהאַנדלונגען מיט נאַוואַקן געפאָרן אָפט צום פאַרם. ער האָט זיך אויך פאַרבונדן מיט קרופּקינען און צוגעצויגן אים צו דער אַרבעט; און אַפילו דעם "דאָקטאָר" און אויך ביטריסן האָט ער אַריינגעצויגן און אָנפאַרטרויט מיט געוויסע פונקציעס און מיט "ביור־ראָקראַטישער" אַרבעט, ווי דער "דאָקטאָר" האָט עס אָנגערופן.

פונקט אין דער דאָזיקער צייט, איינמאָל אין אַ אָוונט נאָך אַ מיטינג, ווען ער איז שוין געווען גרייט אַהיים צו גיין, איז ביולאַ פּלוצים צוגעקומען צו אים, אויסגעשטרעקט די האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— האַלאַ בערג.

פון ערשטן בליק האָט ער זי ניט דערקאַנט. אין איר שוואַרצן גע־פּאַסטן קאָסטיום און אין דעם שוואַרצן הוט, האָט זי קוים אויסגעקוקט ווי די אַמאָליקע ביולאַ. ער האָט אָבער דערקאַנט איר שמייכל און עפּעס אין אירע אויגן, וואָס האָבן זיך נאָך מער פאַרצויגן מיט פּרויעשן סוד.

— ביולאַ... — האָט זיך אים ניט געוואָלט אַרויסלאָזן איר האַנט פון זיינער, — ווי אַזוי האָט איר מיך אָפּגעזוכט?

— איר זענט פון די באַרימטע מענטשן דאָ אין ניו יאָרק. — האָט זי געזאָגט און איר שטימע האָט אים אַרומגענומען מיט ציטער און מיט פרייד.

— נו, קומט. — האָט ער געזאָגט און האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'איז גוט, וואָס ביטריס איז גראַד אין דעם אָוונט ניט געקומען צום מיטינג.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין מיט דער גאַס אָן אַ באַשטימטן ציל. באַם סאָבוויי האָט ער זיך אָבער אָפּגעשטעלט.

— וואוהין גייען מיר? איר איילט זיך אַהיימצוגיין?

— ניין איך איל זיך ניט. — האָט זי געזאָגט.

— טאָ, לאָמיר אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן. גוט?

— גוט — האָט זי געשמייכלט.

זיי זיינען אַריין אין אַ דערבייאיקן רעסטאָראַן און האָבן זיך אַוועק־געזעצט אין אַ ווייטן ווינקל. בערג האָט געקוקט אויף איר און האָט נאָך אַלץ מיט הנאה באַוואונדערט אין וואָס פאַר אַ שיינער און אינטערעסאַנטער פרוי זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן.

— איך וואָלט אייך קיינמאָל ניט דערקאַנט מיט אייער באָרד... ווען איך וועס ניט, אַז דאָס זענט איר. — האָט זי זיך צעלאַכט.

— דענקט איר אויך, אַז עס איז אַן... אַקטיאַרישע... איבעריקע זאַך... די באָרד? — האָט ער זי געפרעגט.

— אַ ניין... מיר געפעלט עס. איר קוקט טאַקע אויס ווי אַ פּראָפע־סאָר... אָט ווי איינער פון דידאַזיקע נאַטור־פאָרשער, וואָס פאָרן אַרום אי־בער דער וועלט צווישן ווילדע . . .

— נו, איך פאָר ניט איבער דער וועלט ביולאַ, אָבער ווילדע... אוי וויפל ווילדע איך טרעף אָן אויף מיין וועג. נו, דערציילט וואו זענט איר גע־ווען די גאַנצע צייט... איר ווייסט, איך בין איינמאָל געווען באַ אייך, אָבער איר האָט שוין ניט געוואוינט דאָרט מער. ניט געוואוסט אַפילו וואוהין איר האָט זיך אַרויסגעקליבן.

— און איר האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן... אונדז. — האָט זי באַמערקט.

— אָה, ניין, איך האָב ניט פאַרגעסן — פאַרקערט, אָבער . . .

ער האָט אַווײלע געקוקט אין אירע אויגן, ווי וועלנדיק אַז זי זאָל פֿאַרשטיין וואָס ער מיינט און זי האָט אויך געקוקט אין זײַנע אויגן, ווי וועלנדיק דערגיין דעם אמת.

ענדלעך האָט זי געזאָגט.

— איך האָב נישט אויפֿגעהערט צו טראַכטן וועגן אײַך. איך האָב ניט פֿאַרגעסן יענע נאַכט, ווען איר האָט זיך געזעגנט.

זי האָט גענומען ריידן שטיל און דערציילט אים וועגן זיך און וועגן איר מוטער. זיי האָבן זיך אַרויסגעצויגן פֿון דער דירה ווײַל אַ שכן, האָט אָנגעהויבן צוצושטיין צו איר. עס האָט ניט געהאָלפֿן איר בעטן און ניט איר דראָען, אַז זי וועט אים פֿאַרקלאָגן צו דער פּאָליציי, — דער שכן האָט ניט אָפּגעטראָטן פֿון איר מיט זײַנע ליבעס דערקלערונגען. עס איז אַנגעגאַנגען אַזוי אַ שטיק צייט ביז די מוטער, ניט ווייסנדיק וואָס צו טאָן, האָט באַשלאָסן אַרויסצוציען זיך פֿון דער דירה, אַז קיינער זאָל אפילו ניט וויסן וואוהין. און אַזוי איז זי פּטור געוואָרן פֿון אַן אָנשיקעניש און אין דער־זעלבער צייט פֿאַרלוירן די געלעגנהייט צו זען זיך מיט אים, מיט בערגן, אויב ער וועט זי וועלן באַזוכן אַמאָל. פֿאַרשטייט זיך, אַז זי האָט געוואוסט וואו ער געפֿינט זיך. די מוטער האָט עס אויסגעפֿונען, אָבער שרייבן אים האָט זי ניט געוואָלט. די מוטער האָט ניט געראָטן; געזאָגט, אַז זי איז נאָך צו יונג צו שרייבן צו אַ מאַן, אויב ער שרײַבט ניט צו איר. נו, איז שוין אַוועק אַזוי דריי יאָר כמעט... זי איז איצט אַ לערערין אין אַ טאַנץ־שול און די מוטער אַרבעט נאָך אַלץ אין שאַפּ. דאָס אַלעס. און נעכטן, ווען די מוטער איז אַהיים געקומען מיט אַ צייטונג וואו עס איז געווען געמאָלדן וועגן דעם מיטינג, האָט זי אפילו ניט געזאָגט דער מאַמען און איז געקומען אים זען. זי איז איצט אַלט גענוג צו האַנדלען לויט אירע אייגענע באַשלוסן — ניט אַזוי? — האָט זי אַ פֿרעגט געטאָן און געקוקט אין זײַנע אויגן, וואַרטנדיק אויף זײַן ענטפֿער.

— אַזוי — האָט ער געזאָגט קורץ און האָט אָנגענומען איר גלאַ־טע ווייסע האַנט.

זיי האָבן פֿאַרבראַכט אין רעסטאָראַן כמעט צוויי שטונדן צייט און דערנאָך האָט ער זי אָפּגעפֿירט אַהיים.

די מוטער האָט געוואַרט אויף ביידן און דערפֿרייט זיך, ווען זי האָט זי דערזען אַרײַנקומען מיט בערגן.

— דאַנקען גאָט — האָט זי געזאָגט. — איך האָב שוין געהאַט יסו־רים... געמיינט, אַז עפּעס האָט פּאַסירט.

— עס האָט פּאַסירט — האָט בערג געזאָגט. — מיר האָבן זיך ווי־דער געטראָפֿן.

בערג האָט אָנגעהויבן צו באַזוכן ביולאַן אַלץ אָפטער און אָפטער. און אַלץ מער און מער איז ער צוגעצויגן געוואָרן צו איר פון איר מאַגנע־טישן חן און פון אירע קאַרגע אָבער קלוגע רייד, פון איר אַלגעמיינער האַל־טונג און באַשיידענעם וויסן, וועלכן זי האָט אַנטפּלעקט מיט נאַטירלעכער, ניט באַרימערישער פשוטקייט. די עטלעכע יאָר האָבן מיטאַמאָל פאַר־וואַנדלט זי אין אַ פרוי — גייסטיק און פיזיש צעבליט און ער האָט מיט אַ שמייכל פון אינערלעכער פרייד און באַפרידיקונג געטראַכט, אַז דאָס איז זי די פרוי, די פרוי וואָס דאַרף און וועט זיין זיין ווייב.

אָבער אין דערזעלבער צייט זיינען די מינוטן אין וועלכער ער האָט באַדאַרפט דערקלערן און דערציילן ביטריסן וועגן זיין פריינטשאַפט צו ביולאַן, געקומען אַלץ נענטער און פיינלעכער.

די טאָג־טעגלעכע אַרבעט אָבער, די אַרבעט און די זאָרגן פאַר דער צוקונפטיקער קאָלאָניע האָט פאַרטושירט אַלע פערזענלעכע פריידיקע און פיינלעכע מינוטן און עס איז אַזוי אַוועק אַ וואָך נאָך אַ וואָך, ביז עס איז שוין געקומען דער פרילינג.

בערג האָט געזען, אַז נאָוואַק, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער קאָנ־טראַקט האָלט שוין ביים געשלאָסן ווערן, האָט דאָך פאַרנומען זיך מיט צע־אַקערן און מיט פאַרזייען אַ גרויסן שטח פון דער פאַרם און בערגן האָט דאָס געפרייט און ער איז געווען דאַנקבאַר נאָוואַקן פאַר דער דאָזיקער בייטיקער צוגרייטונג, וואָס וואָלט זיכער געפאַלן ווי אַ לאַסט אויף די ביי־, נאָך ניט געניטע אין פאַרמערייַ קאָלאָניסטן.

צווישן די אַפּליקאַנטן האָט בערג געפונען דריי אַמאָליקע פאַרמערס, וועלכע זיינען געווען גרייט צוזושטיין צו דער קאָלאָניע און דאָס האָט בערגן געגעבן אַ מעגלעכקייט צוצוטרעטן צו די לעצטע צוגרייטונגען מיט מער זיכערקייט און צוטרוי.

און ענדלעך איז געקומען דער טאָג, ווען בערג, און זיין אָנקל סעמ־יועל בערג, און דער פאַרמער נאָוואַק און די פיר און דרייסיק מיטגלידער פון דער נייגעגרינדעטער קאָלאָניע האָבן אונטערגעשריבן אַלע בייטיקע פאַפּירן און דערוויילט זייער „ערשטן און פאַרדינסטפולן דירעקטאָר לעאָן בערג“, ווי עס איז פאַרשריבן געוואָרן פון דעם ערשטן סעקרעטאַר שולנער אין דעם ערשטן פראָטאָקאָל פון דער קאָלאָניע „באָדן“.

II

די קאָלאָניע ״באָדן״ האָט פאַרנומען אַ שטח פון אַרום פיר הונדערט אַקער לאַנד. פון איין זייט פון דער קאָלאָניע האָבן זיך מיילנוויז געצויגן צום האָריזאָנט שוואַרצע פּאַסן ערד און פון דער צווייטער זייט איז זי אָפּגעשניטן געוואָרן מיט דעם בלוי־כוואַליעדיקן לייק. צפון־זייט איז געלעגן אַ וועלדל, וואָס האָט זיך געצויגן באַרג אַרויף, און דרום זייט זיינען געלאָפן פופצן מייל רעלסן, וואָס האָבן געפירט צו דער באַן סטאַנציע ״מ־ן״.

אויף דעם צווייסטאָקיגן הויז ״נומער 1״, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם אַדמיניסטראַטיוון צענטער האָט געהאַנגען אַ שילד אויף יידיש און אויף ענגליש: קאָלאָניע ״באָדן״. אין דעמדאָזיקן הויז זיינען פאָרגעקומען די זיצונגען פון דעם ״ראַטן־קאָמיטעט״; דאָ איז אויך געווען די ביבליאָטעק און דאָ איז אויך געשטאַנען די פייער־קאַסע. אין דער קאַסע, וואו עס זיינען געווען פאַרשלאָסן אַלע לעגאַלע פּאַפּירן און דאָס ביסל מזומן פון דער קאָלאָניע איז געלעגן אַ גרויסער בוך מיט שוואַרצע לעדערנע טאָוולען ,אויף וועלכן עס איז געווען אָפּגעדרוקט מיט גרויסע גאָלדענע בוכשטאַבן: ״סטאַטוס פון קאָלאָניע ״באָדן״. דאָס בוך האָט ענטהאַלטן פינף הונדערט זייטן פון וועלכע די ערשטע צוואַנציק זיינען געווען פאַרנומען מיט דעם ״סטאַטוס״. נאָך די ערשטע צוואַנציק זייטלעך האָט זיך אָנגעהויבן דער מער משותדיקער און מער לעבעדיקער טייל פון בוך. אין דעמדאָזיקן טייל האָבן באַדאַרפט פאַרשריבן ווערן און עס זיינען שוין פאַרשריבן געוואָרן לויטן אלף בית קורצע ביאָגראַפישע פאַרצייכענונגען פון די באַזעצטע מיטגלידער פון דער קאָלאָניע. דער ערשטער פאַרשריבן צו ווערן איז געווען אַקערמאַן הערי.

אַקערמאַן הערי: געבוירן אין קיעוו, רוסלאַנד אין אָקטאָבער 1894. געענדיקט פיר קלאַסן רעאַל־שול, אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע אין 1915. אַ שריפטזעצער, פאַרהייראַט. איינגעצאָלט אין קאָלאָניע פאָנד פופצן הונדערט דאָלאַר. סעקורירט אין מעטראָפּאָליטאַן קאָמפּאַניע, א. ז. וו.

דאָס וואָס ס'איז ניט פאַרשריבן געוואָרן: הערי אַקערמאַן, איז אַ שטילער מענטש, האָט אָפּגעשפּאָרט פופצן הונדערט דאָלאַר און קראַנקע לונגען. האָט ליב געהאַט צו לייענען און טרוימען, געהאַט אַן אָנגענעמענע

שטימע. געריעדט לאַנגזאַם און געקוקט מילד דורך די גרויסע ברילן. כאַראַקטעריזירט זיך אַליין ווי אַ פאַרלוירן געגאַנגענעם גייסטלעכן, וואָס וואָלט באַדאַרפט ווערן אַ רב, אַ מין ראַדיקאַלער רב. צוגעטראָטן צו דער אידייע פון קאָלאָניע מיט אַמין ציטערדיקן און הייליקן ענטוזיאַזם. וועגן דעם האָט ער דאָך געחלומט זיין גאַנץ לעבן, אַרבעטן און לעבן ביי דער ערד,, האָבן לופט און זון, און פאַרהיילן די קראַנקע לונגען, און אויסלעבן זיך ווי אַ מענטש.

אַקערמאַן לאה: (פאַרשריבן): פרוי פון הערריי אַקערמאַן. געבוירן אין פאַסטאַוו אין 1898. אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע אין 1914. געהייראַט אין 1920.

וואָס ס'איז ניט פאַרשריבן געוואָרן: זי איז געווען אַ הויכע און אַ געזונטע. געוואויגן אַרום צוויי הונדערט מיט צען פונט. זי איז געבוירן געוואָרן ניט אין 1898 נאָר אין 1895. האָט ליב געהאַט צו רעדן אַ סך און צו לאַכן. געהאַלטן דעם מאַן פאַר אַ שלימזאַל, פאַר אַ שטיק צעדולטן. איר גאַנץ לעבן האָט זי געטרוימט צו קויפן אַ קליין האָטעלכל (דער פאָטער אירער האָט געהאַלטן אַן אַכסאַניע). און זי איז אייגנטלעך געווען די דאָזיקע, וואָס האָט אָפּגעשפּאָרט פון אַקערמאַנס געהאַלט די פופצן הונדערט דאָלאַר. די אידייע פון אַ קאָלאָניע האָט זי אויפגענומען, ווי אַ פשוט געשעפט און צוגעשטימט צו אַקערמאַנס ווייכע און בעטנדיקע אַרגומענטן נאָר דאַן, ווען ער האָט איר פאַרזיכערט, אַז זי וועט זיין איינע פון די פאַרוואַלטערנס. און זיין אַ פאַרוואַלטערן אין אַ קאָלאָניע, איז ניט עפעס גלאַט אַזוי זיך אַ פאַרוואַלטערן, ווי אין אַ קליין האָטעלכל, ס'איז עפעס, וואָס קען זיך ענטוויקלען אין גאָר גרויסעס. אַ סימן האָט זי: די צייטונגען קלינגען שוין מיט דעם. זי וועט נאָך איר נאָמען זען אין די צייטונגען. זאָל זי נאָר ניט דורכלאָזן די געלעגנהייט. — האָט זי צוגעשטימט.

אַקערמאַן סימור: געבוירן אין ניו יאָרק, מאַי 1923.

בראָדערזאָן דוד: (פאַרשריבן): געבוירן אין קישינעוו, בעסאַראַביע אין 1891.אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע אין 1905 נאָכדעם ווי זיין פאָטער און ער זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן אין פּאָגראָם. באַזעצט זיך אין ניו־יאָרק (לעצטער אַדרעס). געאַרבעט אין אַ בוך־בינדעריי און געלערנט. נאָכן פאָטערס טויט, געמוזט אויפגעבן די בילדונג. געהייראַט אין 1921, א. ז. וו.

דאָס, וואָס ס'איז ניט פאַרשריבן געוואָרן: בראָדערזאָן איז געווען אַ מעלאַנכאָליקער. האָט געליטן אויפן מאָגן. ער האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט באַקלאָגט. פיינט געהאַט צו הערן, ווען מענטשן פלעגן זאָגן, אַז ער קוקט אויס קרענקלעך און בלייך. האָט געהאַט אַ פול הויז מיט יידישע און

ענגלישע ביכער, און דאָס איז געווען דאָס איינציקע וועגן וואָס ער האָט ליב געהאַט צו ריידן און מיט וואָס ער האָט ליב געהאַט צו באַרימען זיך. נעמענדיק אַ בוך אין האַנט פלעגט ער דאָס ערשטע באַטאַפּן און באַטראַכטן די טאָוולען. קיין גרויסער לייענער איז ער אָבער ניט געווען. דיסקוסיעס האָט ער פיינט געהאַט, און אויף אַלעס האָט ער אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אויפריכטיקן און געוויסנהאַפטיקן מענטשן. ער האָט געגלייבט, אַז יידן מוזן האָבן זייער אייגן לאַנד, זייער ערד. אָבער קיין פרעמדע געשאָנקענע ערד האָט ער ניט געוואָלט בלייבט הייסט עס, די פאַלעסטינער ערד אויף וועלכער דאָס יידישע פאָלק האָט אַ מאָראַלישע און יורידישע רעכט. אין דעם איז ער געווען איבערצייגט און דערפאַר איז ער געווען אַ ציוניסט. אָבער ניט קיין פאַרטיימענטש. די יידן, האָט ער געגלייבט וועלן קומען צו פאַלעסטינער ערד דורך הויך־דיפּלאָמאַטיע. די צוקונפטיקע פעלקער-ליג וועט זיכער נאָך דער צוקונפטיקער וועלט־מלחמה איבערצייכנען די וועלט־קאַרטע און דעמאָלט וועלן יידן קריגן פאַלעסטינע פון ביידע זייטן ירדן. ווען ער האָט פון די צייטונגען זיך דערוואוסט פון דער געפּלאַנטער קאָלאָניע, האָט ער עס דערציילט זיין פרוי מערי. קיין גליקן פון בוכבינדעריי האָט ער קיינמאָל ניט געמאַכט. און אייגנטליך, האָט אים לעצטנס פאַרפאָלגט דער געדאַנק אויפצוגעבן דעם דזשאַב און זען טאָן עפּעס מיט די טויזנט דאָלאַר, וואָס זיינען פלוצים, אַזוי אומגעריכט אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט אַלס קאָמפּענסאַציע פון דער טראַמוויי קאָמפּאַניע. פאַר באַקאַנטע האָט עס געהייסן, אַז דער קאָנדוקטאָר האָט געלאָזט לויפן דעם טראַמוויי, נאָך איידער זי מערי האָט געהאַט צייט אַראָפּצוגיין ,איז זי געפאַלן און שטאַרק צעשלאָגן זיך און מפּיל געווען. צוויי וואָכן איז זי אָפּגעלעגן אין בעט און מיט דער הילף פון אַ היימישן דאָקטאָר איינגעמאָנט טויזנט דאָלאַר. דער אמת אָבער איז געווען אַז אַפילו בראָדערזאָן אַליין האָט ניט געוואוסט אַז מערי בלאָפט. זי האָט ניט מפּיל געווען און אַפילו ניט צעשלאָגן זיך אַזוי שטאַרק. זי איז דאָך אָבער אַ ברען און קיין שכל פעלט איר אויך ניט, האָט זי אָפּגעשפּילט די קאָמעדיע און אַריינגעקראָגן אַ טשעקל פאַר טויזנט דאָלאַר.

מערי האָט געוואָלט אַז בראָדערזאָן זאָל מיט די טויזנט דאָלאַר עפענען אַן אייגענעם שאַפּ, און ס׳איז ניט, אומבאַדינגט, נייטיק צו פאַרנעמען זיך בלויז מיט בוכבינדעריי. ער קען זיך נעמען צו דער זעלבער אַרבעט, וואָס מ׳טוט דאָרט אין שאַפּ: אַלערליי פאַפּירענע שאַכטלעך, אַבאַזשורן צו לאָמפּן און די אַלע איבעריקע צאַצקעס, וואָס מ׳מאַכט פון פאַפּיר און לעדער. ער אַליין פלעגט דאָך איר דערציילן וואָס פאַר אַ ״נאָוועלטיס״״ מ׳טראַכט אויס יעדן טאָג, און ווי ביליק עס קאָסט, און ווי לייכט עס פאַרקויפט זיך. בראָדערזאָנען איז אָבער געפעלן געוואָרן די אידייע

וועגן אַ קאָלאָניע. געגנוג שאַפּ, געגנוג ביזנעס. געגנוג האַנדל־וואַנדל! אַלע יידן וואָלטן באַדאַרפט אַזוי טאָן. שאַפן דערוויילע קאָלאָניעס און צוגעוואוינען זיך צו דער ערד. מערי האָט אָבער געהאַט איר אייגענעם קאָפּ אויף די פּלייצעס און אירע אייגענע חשבונות. זי האָט אַרגומענטירט, אָבער די אמתע סיבות פון איר איינגעשפּאַרטקייט האָט זי ניט אָנגעגעבן, האָט בראָדערזאָן באַשלאָסן מיטצונעמען זי צו אַ פאַרזאַמלונג, וואו בערג האָט באַדאַרפט ריידן וועגן "די אויסזיכטן און צילן פון דער צוקונפטיקער קאָלאָניע", און צו זיין איבעראַשונג איז מערי אַהיימגעקומען אַן איבערצייגטע אָנהענגערן פון דער אונטערנעמונג. זי האָט געשמייכלט. אירע אויגן האָבן געשיינט. און דעם גאַנצן אָוונט האָט זי געהאַלטן אין איין אויספרעגן וועגן בערגן, דעם רעדנער און גרינדער פון דער קאָלאָניע.

בראָדערזאָן מערי — (פאַרשריבן): געבוירן אין ניו יאָרק אין 1899 ביי אָרעמע אַרבעטער־עלטערן. גראַדואירט "היי־סקול" אין 1916. געאַרבעט אַ לענגערע צייט אין דער "וויקטאָרי" דרעס שאַפּ. אַן ענערגישע און אַרבעטזאַמע. קיין באַזונדערע פּאָליטישע אָדער פּאַרטייאישע סימפּאַטיעס. א. ז. וו.

וואָס ס'איז ניט פאַרשריבן געוואָרן: מערי האָט געהאַט שוואַרצע פינקלדיקע אויגן, אַ קליינינקע, אַ דאַרינקע, אַ באַוועגלעכע, האָט זי ליב געהאַט צו קאָקעטירן, שמייכלען און ווייזן אירע קליינע ווייסע ציינדלעך. אין בראָדערזאָנען איז זי ניט געווען פאַרליבט. זי האָט געהייראַט מיט אים, ווייל זי האָט דערוואַרטעט, אַז ער וועט ווערן אַן אַדוואָקאַט און דער געדאַנק צו ווערן די פרוי פון אַן אַדוואָקאַט האָט זייער גערייצט און אימפּאָנירט. ווען דער טרוים איז אָבער צערונען געוואָרן און בראָדערזאָנס געהאַלט איז ניט געווען גענוג אויפצוהאַלטן דאָס הויז און אויך זיין מוטער די אלמנה, האָט זי באַשלאָסן צו מאַכן געלט און האָט אָנגענומען אַ דזשאָב אין דעם "וויקטאָרי דרעס שאַפּ", וואו חוץ דעם געהאַלט האָט זי אויך געוואונען די אויפמערקזאַמקייט פון איינעם פון די באַלעבאַטים, און מערי בראָדערזאָן האָט פאַרשלאָסן אין איר האַרץ צוויי סעקרעטן. דעם סעקרעט פון אַ קאַלטער אָבער פּראַקטישער ליבע, און דעם סעקרעט פון אַ באַנקביכל, וואָס זי האָט געהאַלטן צווישן די צענדליקער קליינינקייטן אין טואַלעט קעסטל. דער באַלעבאָס פון דער פעקטאָרי איז שוין געווען אין די פופציקער און ניט קיין קלוגער. איז דער ליבע עפּיזאָד געווען פאַר מערין נאָר ווי אַ קליין פענצטערל דורך וועלכן זי האָט געוואַגט אַ קוק צו טאָן אין אַ וועלט פון פלאַקערדיקע פייערן און אומגעהויערע מעגלעכקייטן. דאָס לעבן האָט דורך דעם פענצטערל אויסגעזען פיל שענער און אינטערעסאַנטער ווי עס איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. און מערי האָט באַשלאָסן, אַז אום צו געניסן מוז מען אַרויסגיין און נעמען עס. באַזיגן עס. די פעקטאָרי האָט

באַנקראָטירט און מערי האָט פאַרלוירן דעם דזשאָב; זי האָט אָבער געדול־דיק געוואַרט. זי האָט געוואָלט אַרויס צום לעבן דורך אַ ברייטער טיר... און ווען זי האָט דערזען בערגן...

און ווייטער אין בוך:

יעקב שולנער: (פאַרשריבן) — 34 יאָר אַלט. געבוירן אין לעמבערג, גאַליציע. געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער אין אַ צוקער פאַבריק. אויסגעוואַנ־דערט קיין אַמעריקע אין יאָר 1925. געוואָרן אַן אַגענט באַ דער ניו יאָר־קער פאַרזיכערונגס קאָמפּאַניע. אין די אָוונט געלערנט ענגליש. און אַזוי ווייטער.

וואָס ס׳איז ניט פאַרשריבן געוואָרן: יעקב שולנער איז געווען אַ זייער אַמביציעזער מענטש; ניט פאַרהייראַט. אַרומגעטראָגן זיך מיט פּלענער וועלכע זיינען קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן, צוליב זייער גרויסן פאַרנעם און אָפט אַפילו צוליב זייער פאַנטאַסטישקייט. אַלע יאָרן האָט ער געשטרעבט צו ווערן אַן אַנפירער. פּרובירט עס אין דער יונגער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג, דערנאָך באַ די קאָמוניסטן און אַפילו באַ די אָר־טאָדאָקסן. געהאַלטן זיך שטענדיק רואיק און מיט זעלבסט־רעספּעקט. גע־ווען אַנגעטאָן בעט, די האָר שטענדיק צוגעקעמט מיט אַ גלייכן שרונט. די פּענסנע אויף דער גרויסער נאָז האָבן געבלישטשעט און ווי דורך רייגע פּענצטערלעך האָבן זיך געזען זיינע גרייסע, שוואַרצע אויגן. ער האָט ניט געגלייבט אין קיינע אויטאָריטעטן און זיין פילאָזאָפיע האָט זיך אויסגע־דריקט אין דער פאָרמולע: עס איז קיין אונטערשייד ווי אַזוי דו לעבסט, — אַלעס פירט צום זעלבן סוף. ער איז אָבער אין זיין פילאָזאָפיע גע־ווען אַ מאַטעריאַליסט. אויב אַלעס פירט צום זעלבן סוף, מאַכט ניט אויס מיט וואָס פאַר אַ מיטלען מ׳דערגרייכט דאָס געוואונטשענע אין לעבן. ער האָט קיינעם ניט געטרויעט און איבערהויפּט איז ער געווען אַן אַנטיפּעמי־ניסט.

אין בערגס פּראָיעקט האָט ער דערשמעקט אַ לייכטן וועג צו פירער־שאַפט, גלייבנדיק, אַז סיי בערג און סיי די איבעריקע מיטגלידער זיינען גלאַט פאַנטאַזיאָרן, וועמען עס וועט זיין זייער לייכט צו פירן אין די וועגן, וואָס ער וועט אויספלאַנירן לויט זיין אייגענער "אידעאָלאָגיע".

צו בערגן האָט ער זיך צוגעשאַרט ווי אַ באַגייסטערטער נאָכפאָל־גער פון דעם פּראָיעקט, און מיט דעם באַשיידענעם און אין דערזעלבער צייט פּראַקטישן צוגאַנג צו פּראָבלעמען (לויט בערגס אינטערפּרעטאַציע), האָט ער געוואונען בערגס צוטרוי און איז "צוגעצויגן" געוואָרן פון בערגן אַליין אַלס מיטגליד פון דער קאָלאָניע. קיין סך געלט האָט ער ניט

איינגעצאַלט, דערפֿאַר האָט די קאָלאָניע "באָדן" געוואוינט אין אים אַן ערשטקלאַסיקן סעקרעטאַר.

אַזוי זיינען געגאַנגען אין דעם בוך די מיטגלידער פֿון דער קאָלאָניע איינער נאָך דעם צווייטן — מענער, פֿרויען און קינדער. אַרום און אַרום — צוויי און פֿופֿציק נפֿשות, מיט דרייצן קינדער, אין דער עלטער פֿון איין יאָר ביז דרייצן אַריינגערעכנט. פֿון די ניין און דרייסיק דערוואַקסע־נע מיטגלידער פֿון דער קאָלאָניע איז אויסגעקליבן געוואָרן דער "ראַט־קאָם" אין וועלכן עס זיינען אַריין: בערג — דער דירעקטאָר, שולנער — דער סעקרעטאַר און בוכהאַלטער, שטערנטאַל—אַן אַמאָליקער פּראָפֿעסאָר, די פֿאַרמערס זעלצער און בלאָך, און קרופּקין, צוזאַמען זיבן, אין וועמעס הענט עס איז איבערגעגעבן געוואָרן די באַלעבאַטישקייט און דער גורל פֿון דער קאָלאָניע.

עס איז פֿאַרשטאַנען געוואָרן, אַז בערג, זעלצער, בלאָך און שטערנ־טאַל, וועלכע זיינען געווען עקספּערטן אין פֿאַרמעריי, וועלן, אייגנטלעך, זיין די אמתע פֿאַרוואַלטער פֿון דער קאָלאָניע וואָרן די מערהייט פֿון די קאָלאָניסטן זיינען געווען אומדערפֿאַרן און זיי האָבן זיך געלאָזט איינטיילן אין גרופּעס צווישן וועלכע עס איז פֿאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן די גאַנצע אַרבעט פֿון דער קאָלאָניע. אַלע האָבן אָבער געמוזט אַרבעטן אין פֿעלד, ווען עס האָט זיך געפֿאָדערט. (דאָס פֿעלד האָט נאָך נאָוואַק איינגעטיילט אויף פֿאַרשיידענע טיילן, וואו זיי האָבן געהאַט פֿאַרזייט קאָרן און ווייץ, פּאַטלאַזשאַנעס, קרויט, אַספּאַראַגוס, בורעקעס, קוקורעזע און נאָך אַנדע־רע וועדזשעטאַבלען).

עס זיינען געווען און עס זיינען אויפֿגעקומען אַן אַ שיער פֿאַרשיידע־דענע אַרבעטן און פֿליכטן אין דער באַלעבאַטישקייט פֿון דער קאָלאָניע, וועלכע עס איז געווען שווער איינצוטיילן און דורכצופֿירן די ערשטע צייט.

אין "הויז נומער איינס" האָט געהאַנגען אַ טאַבעלע, אויף וועלכער עס זיינען געווען אויסגערעכנט די נעמען, די פֿונקציעס און די שטונדן פֿון דער פֿונאַנדערגעטיילטער אַרבעט: פֿעלד אַרבעט, אַרבעט אַרום דער קיך, אַרבעט אַרום די שטאַלן, אַרום די קי און הינער, אַרבעט אַרום דער וועשעריי, אַרום די טראַקס און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער . . .

עס איז געווען דערהויבנקייט און אין דער זעלבער צייט אַ סך קאָ־מיזם אין דער האַלטונג פֿון אַ סך פֿון די קאָלאָניסטן. די דערהויבנקייט איז געקומען פֿון דער נאַענטקייט צו דער נאַטור, און צו די שטערן. פֿאַרטאָג האָט מען באַוואונדערט די גרויסע רויטע אויפֿגייענדיקע זון און באַנאַכט — די טיפֿקייט פֿון הימל באַזעצט מיט טרערנדיקע שטערן. די שטילקייט אַרום און די פֿאַרשידנערליי קלאַנגען פֿון די אינזעקטן, פֿון די זשאַבעס,

פון די פייגלען, וואָס האָבן אין דער שטילקייט אויסגעטיילט זיך מיט מיס־טישן און סודותדיקן אינהאַלט — דאָס אַלעס האָט געהאַלטן די קאָלאָניסטן אין דער שטימונג פון ניי־געבוירענע עמאָציעס און געדאַנקען, עמאָציעס אין וועלכע עס איז געלעגן אַפילו עפּעס אַ פּחד פאַר עפּעס אַ מיסטישער קראַפט, און אַ דערהויבנקייט, וואָס האָט זיך געגערט מיט דער רואיקייט און מיט דעם געדאַנק פון אייביקייט פון באַשאַף.

דערפאַר אָבער, ווען די זון פלעגט שטייגן העכער אין הימל און בריען און בראָטן דעם האַלדז און נאַקן דעם קאָפּ און די פּלייצע און זי פלעגט אויסציען יעדן טראָפּן שוויס פון לייב און לאָזן אַ רויע, אָפּגעבריטע הויט, צו וועלכער עס איז געווען אַ פּיין צוצורירן זיך, דעמאָלט האָט דער געמיט נאָכגעשלעפּט זיך, ווי אַ צוגעקאָוועטער מיט אַנגעגליטע אייזערנע קייטן, קייטן פון וועלכע עס האָט זיך געוואָלט אָפּרייסן זיך און עפּעס, עפּעס אַ קראַפט האָט ניט געלאָזט.

מ׳איז צוגעוואוינט געוואָרן צו דער זון—אין די גרויסע קאַפּעליושן, מיט דער אָבגעברענטער אויסגעשיילטער הויט אויף דעם פּנים און אויף די הענט האָט מען שוין געקומען חוזק מאַכן פון איר און איעדער איינער האָט נאָכגעקוקט ווי דער צווייטער אַרבעט און אַ יעדער איינער האָט זיך געוואָלט באַווייזן מיט זיין פּאַכמאַנשאַפט און מיט זיינע קענטענישן אין ערד־אַרבעט און אין פּאַרמעריי. זיי האָבן אָבער אַלע, חוץ די קאָלאָניסטן פאַר־מערס געמוזט צוגעבן, אַז אַפילו אין ערד־אַרבעט איז פאַראַן אַסאַך וועגן וואָס צו לערנען, אַז אַפילו אין ערד־אַרבעט ליגט דער סוד פון וויסן, דער סוד פון דער באַהעפטונג פון שכל מיט דער נאַטור.

עס איז געווען דער דרייסיקסטער טאָג אין דער עקזיסטענץ פון דער קאָלאָניע. דער נעפּל אויף דעם פעלד האָט לאַנגזאַם אָפּגעטראָטן אונטער די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון. לאַנגזאַם האָט זי ווי אַן אויסגע־באָדענע געשטיגן פון דעם לייק און צעשאָטן ליכטיקע שטראַלן איבער די גרינע מיט גאָלד באַזוימטע פעלדער.

אַ לייכט ווינטל האָט געשפּילט מיטן פליוגער אויף דעם טורעמל פון "הויז נומער איינס", פון דער שטיל האָט זיך געהערט דאָס מרוקן פון קי. ערגעץ ווייט, ווייט האָט דער פאַרביילויפנדער באַן געשריגן און געוואָרנט...

פון הויז נומער צוויי איז אַרויסגעקומען קרופּקין. געבליבן שטיין, איינגעאָטעמט אין זיך די לופט, אַ קוק געטאָן אויף דעם הימל און צעלאַכט זיך. אַ טראַכט געטאָן, אַז די קאָלאָניסטן וואָלטן זיכער געשלאָפן ביז שפּעט אינדערפרי, ווען מ׳וועקט זיי ניט אויף. ער האָט זיך געלאָזט גיין צום הויז איינס, וואו עס האָט געהאַנגען אַ צענפונטיקער גלאָק. (דעם גלאָק האָט ער איינמאָל באַ אַ מיטינג פאַרגעשלאָגן אין שפּאַס און דעם פאָרשלאָג האָט

מען אָנגענומען, און גוט אַזוי). ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס כמעט יעדער הויז האָט אָוווּעקזייגער, פלעגן זיי, דאַך, וואַרטן אויף דעם גלאָקן־קלאַנג. אין דער וואָך איז קרופקין געווען דער אויפזעער איבער דער קאָלאָניע און ס'איז געווען זיין פליכט צו קלינגען. ער האָט עס געטאָן מיט פאַרגעניגן. געקלונגען מיט דעם ריטם פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און דערביי צוגע־זונגען: „שטייט אויף איר"... אָפּגעקלונגען, האָט ער זיך געלאָזט גיין צום ברונען. ער האָט אָנגעפּאָמפּט אַ פאַס וואַסער, דערנאָך אונטערגעשטעלט דעם קאָפּ און דעם האַלב־נאַקעטן קערפּער אונטער דעם ברייטן קראַן און געוואַשן זיך, פּירקענדיק און האַ־קנדיק אונטער דעם קאַלטן שטראָם, אַרומגעווישט זיך מיטן האַנטוך, וואָס ער האָט געהאַלטן איינגעשטעקט אין גאַרטל, פאַרקעמט די האָר מיט דעם האַלב צעבראָכענעם קעמל און ווידער געגאַנגען צום הויז קלינגען.

דאָ און דאָרטן האָבן זיך באַוויזן קאָלאָניסטן. די פרויען מיט קע־סעלעך און די מענער צעשויבערטע, פאַרשלאָפענע און מידע. אויסגע־שטעלט זיך בא דעם ברונען געשעפּט מיט די קעסעלעך פון פאַס און האַלב וויציק, האַלב ברוגז און אומצופרידן באַגריסט איינער דעם צווייטן, באַ־טראַכט איינער דעם אַנדערן צום הונדערטסטן מאָל מיט זויערע מינעס און מיט שפּאָטישע בליקן.

מיסעס גאַנטש, אַ דיקע רויטע פרוי מיט אַ גרויסן בויך און שווערע אַראָפּהענגענדיקע ברוסטן איז געשטאַנען אַ פאַרשלאָפענע, געקראַצט זיך אין קאָפּ און בייז געברומט: —

— פאַראַנדקעס דאָ, מ'שטיינס געזאָגט! די קריזשעס ברעכן מיר, אַז איך שטיי קוים אויף די פיס. אַ פּויערטע, מיינע שונאים געוואָרן... אַלעוואַי וואָלט איך בעסער די פיס צעבראָכן, איידער איך בין צו דעם גיהנום אָנגע־קומען. דער טאַכשעט מיינער... — פליז, לאָזט מיר אָננעמען וואַסער — האָט זי געענטפערט שטופּן מיט די עלנבויגנס. — איך האָב געלאָזט דאָס קינד אַליין... לאָזט!

די אַרומיקע האָבן געלאַכט.

— וואָס איז אייך דאָ אַזוי שלעכט מיסעס גאַנטש? — האָט געפרעגט מיסעס כייפעץ, אַ יונגע שוואַרץ־חנעוודיקע ווייבל, — דאָרט אויף פּיטקין סטריט אויפן זעקסטן פלאָר איז אייך בעסער געווען? ווייניק האָבן אייך די קריזשעס דאָרטן געבראָכן?

— און אַז געבראָכן איז וואָס? — האָט מיסעס גאַנטש געוואָרפן ביי־זע בליקן אַרום. — איך האָב אָבער ניט באַדאַרפט אויסגעריסן ווערן ווען איך האָב באַדאַרפט אַ ביסל וואַסער, אָדער פּאַטייטאָס, אָדער טאָמייטאָס. די גראָסערי איז אונטער דער נאָז געווען און וואָס כ'האָב באַדאַרפט, האָב

איך געהאַט. נאָ! אַ קאָלאָניע מיט נייע פּאַראַנדקעס האָט זיך מיר פאַר־גלוסט!

די אַרומיקע האָבן געלאַכט, עס האָט זיך אָבער געפילט אַ מיטגעפיל אין דעם געלעכטער.

קרופּקין האָט באַמערקט פונדערווייטנס דעם "דאָקטאָר". ניט קוקנ־דיק אויף זיין קרומקייט, איז דער "דאָקטאָר" שטענדיק געווען דער ערש־טער אויפן פעלד און דער ערשטער צו קומען צו וועלכער ס'זאָל ניט זיין אַרבעט. און ווי בערג האָט פאַראויסגעזאָגט, איז ער געווען פון די ערשטע צוזושטיין צו דער קאָלאָניע. ער האָט געמוזט, האָט ער פאַרטרויעט בערגן פאַרבייגן אָביסל דעם שטאָלץ און ריידן צו דעם אַמאָליקן פריינט זיינעם דעם מיליאָנער, ער זאָל אים סובסידירן מיט אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר. און דער פריינט זיינער האָט אים געגעבן דאָס געלט, ווען ער האָט זיך איבער־צייגט, אַז דאָס געלט וועט אינוועסטירט ווערן אין דער קאָלאָניע. אַזוי איז דער "דאָקטאָר" געוואָרן אַ קאָלאָניסט און אין דער קאָלאָניע שוין האָט ער חוץ דער באַשטימטער אַרבעט זיינער, פרייוויליק איבערגענומען דאָס קעסטל מיט מעדיקאַמענטן, אין וועלכן עס איז געווען אַ פלאַש קאַסטאַרקע, יאָד, אַספּירין, ביטער זאַלץ, קאַמפּאַר אויל, פּילן פאַר קאָפּ ווייטיק, און טראָפּן פאַר ציין ווייטיק, באַנדאַזשן, וואַטע, פּעראָקסייד, און נאָך אַ דוצן רפואות, אָן וועלכע קיין אַפּטייקל קאָן זיך ניט באַגיין.

— האַלאָ, "דאָקטאָר"! — האָט אים קרופּקין באַגריסט.

— האַלאָ, האַלאָ! — האָט דער "דאָקטאָר" צוגעהונקען אויף זיין פוס און אָפּגעשטעלט זיך לעבן קרופּקינען. — הערט! — האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן קרופּקינען מיטן פינגער אין דער נאַקעטער ברוסט. — הערט, קרופּקין! די ביטריס אייערע איז דאָך אַ משוגענע! אויף מיין וואָרט אַ משוגענע.

— וואָס איז געשען? — האָט זיך קרופּקין פאַראינטערעסירט.

— וואָס איז געשען?! — האָט דער דאָקטאָר אויסגעשריגן. — זי האָט דאָך נעכטן אַ קינד געשלאָגן. שיר ניט איבערגעקערט. האָט איר אַזוינס געהערט אין אַ קאָמונאַלער קאָלאָניע?!

— פאַר וואָס האָט זי אים געשלאָגן?

— פאַר וואָס? איך ווייס פאַר וואָס? אָט אַזוי, אינמיטן דערינען, גע־קומען אין דער שול אַ בייזע, אַן אויפגערעגטע, געוואָרפן מיט די ביכלעך, איבערגעקערט אַ טינטער און דערנאָך אַ פאַטש געטאָן דעם קינד. אויף מיין וואָרט, קרופּקין, איך וועל זי היינט אין אָוונט פאַרקלאָגן פאַר דעם "ראַטקאָם". זאָל נאָר בערג צוריקקומען פון דער שטאָט.

— איך וועל זען מיט איר איבעררייידן, דאָקטאָר.

— טוט מיר נאָר ניט קיין טובה, קרופּקין. ס'איז אַ חוצפּה! אַ קאַ־

מונאַלע קאַלאַניע — און מ'שלאָגט קינדער! אַ פאַרברעכן, פע!

קרופקין האָט גוט געוואוסט די אורזאַך פון ביטריסעס אויפרעגונג. ערשט נעכטן אינעדרפרי, האָט זי, זיצנדיק מיט אים באַם טיש און טרינקענדיק קאַווע, אַ זאָג געטאָן מיט אַ פאַרביסענעם שמייכעלע:

— איר ווייסט? ער איז דאָך אַוועקגעפאָרן... ברענגען זי . . .

— וועמען? — האָט ער געפרעגט, כאָטש ער האָט געוואוסט וועמען זי מיינט.

— זי די געליבטע זיינע.

— די געליבטע . . . וואָס רעדט איר? — זיי גייען הייראַטן. — האָט קרופקין נאָך מער אונטערשטראָכן זיין נאַטירלעכן און רואיקן טאָן.

— הייראַטן... האָט זי געשמייכלט קלוימערשט קאַלטבלוטיק. — אויפגעהויבן זיך און אַרויסגעגאַנגען, קאָנטראָלירנדיק זיך קוים.

ער האָט פאַרשטאַנען איר שטימונג און געפיל, אָבער שלאָגן דאָס קינד האָט זי ניט באַדאַרפט. אמת, אַזעלכע געפילן איז שווער צו קאָנטראָלירן, אָבער מ'מוז, מ'מוז.

ער האָט זיך צוזאַמען מיט די איבעריקע געלאָזט גיין צום עס־צימער, וואו די אַלע וועלכע האָבן באַדאַרפט גיין צו דער אַרבעט האָבן די ערשטע געפרישטיקט. אַלעס איז שוין געווען צוגעגרייט פון מיסעס שאַפּירא און פון מיסעס כייפעץ. אויף זיי איז היינט אויסגעפאַלן דער ערשטער פרימאָרגנדיקער "שיפט". זיי האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט דעם פרישטיק וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גלאָז קאַווע מיט ברויט און פוטער און פון אַ "סיריעל".

אָפגעגסן, האָט קרופקין געלאָזט זיך גיין צו דער קאַמער, וואו עס איז געשטאַנען דער אינקובאַטאָר, וועלכען מ'האָט געדאַרפט פאַררעכטן. ער האָט שוין געטראָפן דאָרטן פרידמאַנען און שולמאַנען, ביידע סטאָליערס, וועלכע זיינען אָנגעקומען פאַר אים.

פרידמאַן איז געווען אַ זשוואַווע יידל שטענדיק געקליגערט זיך און געקיבעצט.

— העי, חבר קרופקין. — האָט ער אים באַגעגנט. — טרעפט וואָס איך האָב דאָ געפונען.

— וואָס, אַשטייגער? — האָט קרופקין געפרעגט.

— אַי, איר וועט אַ שמעק טאָן, וועט איר זיך מחיה זיין. — האָט ער געפירט קרופקינען צו אַ ווינקל אין קאַמער, וואו לעבן אַ ריי פון לאַנגע און פלאַכע קעסטלעך, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי שופלאָדס, איז געשטאַנען אַ קעסטל אייער. אייניקע פון די אייער זיינען געווען צעבראָכן און ס'האָט זיך געטראָגן פון זיי אַן אומאַנגענעמער ריח.

— נו, וואָס איז די גדולה אויף אייך? — האָט זיך קרופקין פאַר־

שטעלט די נאָז. — מ׳דאַרף עס אַרויסוואַרפן און פאַרטיק.

—איך ווייס?... — האָט פרידמאַן געקוועטשט מיט די אַקסלען. — איך ווייס?... מיר האָבן באַשלאָסן אָוועקצושיקן עס צו אונזערע שוויגערס. הערט אַ מעשה, חבר קרופקין, ס׳איז דאָך ניט אויסצוהאַלטן פון זיי. ערשט נעכטן דערהאַלט איך אַ בריוו: אַזוי און אַזוי, איידעם מיינער... אַזוי ווי דו אַרבעטסט אויף אַ באַלשעוויסטישער פארמע און אייער זיינען ביי אייך פאַראַן אַ סך, אי גוטע, אי ביליקע, איז, לעמאַנעשעם שיק מיר צו אַ קעסטל אויף דעם חשבון פון דעם חוב, וואָס דו ביזט מיר שולדיק און אויב זיי וועלן מיר געפעלן, וועל איך ווערן אַ סטעדי קאָסטימער״... ווי געפעלט עס אייך?

קרופקין האָט גוטמוטיק געלאַכט. ער האָט אַרומגעקוקט די קאַמער וואו דער צעבראָכענער אינקובאטאר איז געשטאַנען און געוואונדערט זיך ווי אַזוי אין די דאָזיקע קעסטלעך וואַרעמען זיך אויס און עס קומען אַרויס לע־בעדיקע הינדעלעך, וואָס זיינען אַזוי געשמאַק צום עסן, ווען זיי וואַקסן אַביסל אונטער און וואָס פאַרקויפן זיך אַזוי גוט אין די רעזאָרטן אַרום.

בערג האָט אַפילו פּרובירט צו געבן די קאָלאָניסטן אַ לעקציע וועגן וועגעטאַריאַניזם און פּרובירט איינפלוסן אייניקע, צווישן זיי אויך קרופ־קינען, אויפצוגעבן פלייש־פּרעסערייַ. ער האָט אָבער דערנאָך אויפגעגעבן דעם געדאַנק, זעענדיק, אַז ס׳וואָלט געווען אוממעגליך אַרויפצוצווינגען און צו באַאיינפלוסן אַלע קאָלאָניסטן, דער צעזאָמענשטעל פון וועלכע איז ניט געווען דער ריין־אידעאַליסטישער, ווי ער האָט געוואָלט און געטרוימט.

קרופקין צוזאַמען מיט פרידמאַנען און שולמאַנען האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. די טירן פון קאַמער זיינען געשטאַנען אָפן; די זון האָט אַריינגעוואָרפן אַ ליכטיקן פאַס אין וועלכן עס האָבן זיך געשפּילט מיר־יאַדן שטויבעלעך; אינדרויסן האָט זי ך געהערט דאָס זשומען פון אַן עראָפּלאַן. יעדן טאָג אינדערפרי און פאַרנאַכט, איז געפלויגן איבער דער קאָלאָניע דער פּאָסט עראָפּלאַן. אינעווייניק, אין דעם קאַמער האָט גע־זונגען די זעג און ס׳האָבן געקלאַפּט די האַמערס. קרופקין מיט אַ נאַקע־טער ברוסט, האָט געזעגט די ברעטלאַך און צוגעברומט אַ לידל. — ס׳איז אַ מחיה, — האָט ער געטראַכט. — אי, ס׳איז אַ מחיה צו לעבן, ס׳זאָל נאָר געדויערן, צו אַלדע גוטע יאָר!...

— חבר קרופקין, — האָט פרידמאַן געווישט דעם שווייס — וואָס דענקט איר וועגן בערגס פּראָיעקט צו פלאַנצןביימער? ס׳וואָלט געווען אַ גוטע זאַך, הע... יע? אָט, ס׳איז דאָך דאָ, כמעט, ווי אַ דאָרף, ניט אַזוי? ס׳איז אָבער ניטאָ קיין איין ווינשל ביים, קיין איין באַרנביים, שוין אָפּ־געדעדט פון אַפּאָר שיינע שיקסלעך, מיט קאַרעלן און מיט דעם אי־בעריקן... כע... מיר וואָלטן דאָ באַדאַרפט אַפּאָר שיינע סעדער מיט עפּל

דאָס בוך איז פון דער
איקוף ביבליאָטעק
[illegible]

ביימער מיט... אַ, וואָס זאָגט איר?
— יע, איך דיינק ס'איז אַ גוטע אידייע.
— איך ווייס?... —האָט פרידמאַן ווייטער געריעדט. — איך געדיינק אין דער אַלטער היים, אַז מ'פלעגט דורכפאָרן אַ דאָרף, איז דאָך געווען אויף וואָס אַ קוק צוטאָן, ס'איז דאָך געווען אַ דאָרף! מיט הינט, און מיט שקאַצעמלעך, און מיט קארשן אין די סעדער, אַז די סליבע פלעגט אַזש רינען. ביי יעדן הויז אַ פאַליסיאַדניק מיט רויטן מאָן, מיט סאָנעשניק, מיט לאַדישטשעס אויף די שטאַכעטן. אינדערפרי די טשערעדע מיטן פאַסטוך... אָבער צו וואָס דערצייל איך עס אייך. איר ווייסט דאָך עס, מסתמא, אַזוי גוט ווי איך.
— יאָ איך ווייס — האָט קרופקין פאַרזיכערט. — דאָ איז אַמעריקע. דאָרט האָט מען געאַקערט מיט אַ דאַר פערדל, נעבעך, און דאָ אַקערט מען מיט אַ טראַקטאָר. און ניט נאָר דאָ, חבר פרידמאַן, אין בירא־בידזשאַן און אין קרים און אין אַ סאַך טיילן פון רוסלאַנד איז איצט מסתמא, שוין אויך אַנאַנדער מין דאָרף.
— יע, אַוודאי., — האָט זיך אָנגערופן שולמאַן. — ער מיינט אָבער די קניידלעך. די קניידלעך מיינט ער, די גויקעס, די שיקסלעך מיט די פּאַטשערקעס.
—נו, טאַקע, פאַר וואָס ניט, האָט זיך פרידמאַן צעשמייכלט. — טאַקע פאַרוואָס ניט? וואָס, אַ שטייגער, וואָלט געווען אַזוי שלעכט, ווען אַזאַ, נו אַזאַ, ווי מיסעס בראָדערזאָן טוט זיך אָן אין פאַטשערקעס און גייט אַרום פאַרקאַטשעט די "ספּאָדניצע" ביז איבער די ליטקעס? איר מיינט ס'איז טריף? און לאָמיך אייך זאָגן, — זי איז אַ גאַנץ געשמאַקע ווייבל די מיסעס בראָדערזאָן... מיט דער ספּאָדניצע, צי אָן דער ספּאָדניצע. זי איז אַ גוטע שטוטשקע . .
— פּע! — איז קרופקין בייז געוואָרן און אַ שליידער געטאָן פון זיך דעם האַמער. — איר דאַרפט זיך אָפּגעוווינען פון דעם, חברים. אונדזער ציל איז ניט נאָר צו האָבן ערד פאַר זיך, אַ באָדן פאַר זיך אום אָנצורייבן זיך מאַזאָליעס. מיר דאַרפן אויך זען צו לעבען שענער, ריינער און געזונ־טער. מיסעס בראָדערזאָן איז דאָ מיט אונז צו שאַפן צוזאַמען מיט אונדז אַן ערלעך פּראָדוקטיוון לעבן, קומט איר מיט אָט אַ־די נאַרישע אומוויר־דיקע רכילות, ס'איז ניט שיין.
— וואָס האָב איך דען געזאָגט. — האָט זיך פרידמאַן פאַרענטפערט.
— איך האָב גאָרניט געמיינט.
— איר דאַרפט זיין פאַרזיכטיק מיט אייערע אויסדרוקן. — האָט קרופקין ווידער גענומען קלאַפּן מיטן האַמער און געמאַכט זיך, גלייך ווי ער האָט שוין פאַרגעסן אָן דעם גאַנצן ענין.

— נו, איר זייט, אוודאי געדעכט חבר קרופקין, — האָט געענט־פערט פרידמאַן. — ס'איז אָבער, ווי זאָגט מען עס; גיי לערן אַן אַלטן הונט נייע קונצן. איך וועל אייך אויך זאָגן דעם אמת, ס'איז מיר גאָרניט געקו־אויפן אויפן געדאַנק, אַז מיר דאַרפן דאָ ווערן צדיקים. מעכטייסע, מ'בעט אונדז אַמאָל אַריין נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט הערן אַ לעקציע פון בערגן אָדער פון דעם "דאָקטאָר", איז עס נאָך איבערצעטראָגן, מ'מענטשלט זיך אַביסל, אַזוי צו זאָגן. כאָטש, צווישן אונדז גערעדט, חבר קרופקין, וואָלט איר געמעגט זאָגן דעם "דאָקטאָר", אַז מיין אידענע באַקלאָגט זיך, אַז זי פאַרשטייט ניט קיין וואָרט, וואָס ער באַלאַמוטשעט. זאָל ערריידן, זאָגט זי, אַ פשוטן, היימישן יידיש, וועט זי, אפשר אויך פאַרשטיין. זי אַליין שעמט זיך אים צו זאָגן.

קרופקינס שטימונג האָט זיך ווידער געביטן צום לויטערן. ער האָט אין אַלגעמיין, געהאַלטן, אַז שטימונג איז אָנשטעקעגד. מ'טאָר ניט אַרומ־גיין דאָ מיט זויערע פנימער, מ'טאָר ניט ברוגזן זיך, מ'דאַרף אַלעס דורכ־פירן מיט קלאָרע רייד, אָן נערוועזיטעט, אָן נעווראסטעגישע אויפרעגונ־גען. מ'דאַרף זיך דערהייבן .דער עקספערימענט טאָר ניט בלייבן בלויז אַן אַפּאַטישער פּרואוו. מ'דאַרף אָנווענדן די גאַנצע ענערגיע. ס'איז דאָ אַ באַדן.

די זון איז שוין געשטאַנען גאַנץ הויך, ווען זיי זיינען פּאַרטיק גע־וואָרן מיטן אינקובאַטאָר. דאָס קעסטל פאַרפוילטע אייער האָבן זיי אַוועק־געטראָגן צום מיסט־קאַסטן און פאַרשאָטן מיט זאַמד. קרופקין האָט אַקוק געטאָן אויף זיין זייגער. פּונקט צוועלף. זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צום ברו־נים. באַגעגנט אויפן וועג אַ כאַפּטע קינדער, וואָס זיינען ערשט אַרויס פון דער שול. ביטריס, אַ בלייכע, מיט שוואַרצע שאָטנס אונטער די אויגן, האָט זיי געפירט צום עס־צימער.

קרופקין און פרידמאַן האָבן זיך געוואַשן באַם ברונעם. ס'איז געווען די צייט פון אָנבייסן. קרופקין האָט דערנאָך אָנגעקלונגען אין גלאָק און אינגיכן האָבן זיך דאָ און דאָרט אָנגעהויבן צו באַווייזן די קאָלאָניסטן:

בראָדערזאָן, וואָס האָט געבונדן ביכער אין דעם ביבליאָטעק צימער, און שולנער, וואָס האָט געהאַט אַרבעט אין אָפיס, און דער שוסטער בלעכ־מאַן, וואָס האָט געדאַרפט פאַרעכטן עטלעכע פאָר צעריסענע שיך, און דער "דאָקטאָר" מיט ביטריסן פון דעם שול-צימער און מיסעס גאַנטש מיטן קינד, און אַ פּאָר פּרויען, וואָס האָבן געוואַשן וועש באַם לייק; עס זיינען אויך אָנגעקומען די פיר אַרבעטער — מעקסיקאַנער, וועלכע מ'האָט געדונגען פאַר דעם זומער.

נאָך דעם ווי אַלע האָבן זיך אַרומגעוואַשן, זיינען זיי אַריינגעגאַנגען אין גרויסן עסצימער פון הויז נומער איינס און האָבן זיך אויסגעזעצט

באַ די טישן — די קינדער באַ אַ באַזונדערן טיש, אונטער דעם אויפזיכט פון מיסעס שינדל, וועלכע איז אַרומגעלאָפן מיט אַ געשוואָלענער באַק פון איין עק טיש צום צווייטן און האָט אָנגעגאָסן מילך אין די גלעזער און האָט אָנגעשניטן ברויט. די זון האָט אַריינגעשייַנט דורך די אָפענע פענצ־טער. עס האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון לעפל, דאָס קלינגען פון געפּעס, דאָ און דאָרט אַ געשפּרעך, אַ געלעכטער און מיסעס אַקערמאַנס באַפעלע־ריש קול: „פּאַרפעקט ניט די טישטיכער, קינדער!... קינדער, זיצט שטיל!... סעמי, דזשייקי,... בעהייווט זיך!...

נאָכן אָנבייסן זיינען אַלע ווידער אַרויס אין דרויסן — די מע־נער אַ שמועס צו טאָן און צו רויכערן. בראַדערזאָן האָט זיך גלייך אָפּגע־טראָגן צוריק אין ביבליאָטעק און ביטריס, וועלכע האָט די גאַנצע צייט פון אָנבייסן קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, כאָטש קרופּקין האָט אַפּאָר מאָל פּרובירט פאַרבינדן אַ געשפּרעך מיט איר, איז אויך מיטאַמאָל פאַרשוואונדן; און צעביסלעך איז איטלעכער איינער ווידער אַוועק צו זיין אַרבעט און ס'איז געוואָרן רואיק און שטיל אַרום. בלויז פון דער קיך האָט זיך געטראָגן דאָס געקלאַנג פון געפּעס און מיסעס אַקערמאַנס קול האָט זיך געריסן פון די אָפענע פענצטער.

*

פּאַר בערגן זיינען די בויענדיקע, קאָנסטרוקטיווע טעג געוועזן אָנגע־פילט אויך מיט באַאומרואיקנדע שטימונגען. ערגעץ, אין די טעג און אין די נעכט זיינען האָבן אַרומגעשוועבט צעריסענע און שאַרפע געדאַנקען און געפילן, וואָס האָבן געמישט און געשטויסן זיך מיט די ליכטיקע און האָפנונגספולע מאָמענטן. אין געמיש פון די פּראָבלעמען וועגן די לוין־אַר־בעטער אין דער קאָלאָניע, וועגן דעם באַוואוסטזיניקן און אומבאַוואוסט־זיניקן סאַבאָטאַזש פון עטלעכע מיטגלידער, וועגן דעם פאַרקויף און דיס־טריבוציע פון די פּראָדוקטן, וועגן דעם נאָך ניט געלייזטן פּראָבלעם פון דער גערעכטער און דעמאָקראַטישער צעטיילונג פון די אַרבעטס־פונקצי־עס, וועגן דער פּראָבלעם פון צווייִשפּראַכיקייט — יידיש און ענגליש אין טאָג־טעגלעכן פאַרקער און אין דער שול, וועגן געלט ענינים — צוזאַמען מיט דעם אַלעמען זיינען אין אים און אַרום אים געשוואומען ריין־פּער־זענלעכע, ריין אינדיווידועלע פּראָבלעמען.

ער האָט אַליין ניט געוואוסט ווי אַזוי, אָבער אין די חדשים, נאָך דער באַגעגעניש מיט ביולאַן, האָבן אין אים מיטאַמאָל אויפגעוואַכט „פרי־לינגס־שטימונגען”, ווי ער האָט זיי אָנגערופן, ריידנדיק וועגן דעם מיט איר. ער האָט זיך מער ניט געקאָנט אָפּטיילן פון איר. זי איז יעדן טאָג געוואַקסן אין זיינע אויגן מיט אַ באַזונדערן פיזישן און גייסטיקן איב־האַלט. איר בליק, איר וואָרט, איר באַריר, איר שמייכל — אַלץ האָט זיך

אין אים אָפּגעשפּיגלט מיט אַ באַזונדערער שטימונג. זי איז געוואָרן די פרוי, נאָך וועלכער ער האָט געביינקט מיט זיין יעדן אָטעם. און ביולאַ האָט עס געוואוסט. און אין איר צוגאַנג צו אים האָט זי אונטערשטראָכן די חברשאַפט פון אַ פרוי, וואָס איז גרייט צו טיילן מיט אים אַלע זיינע פּראָב־לעמען און אַלע זיינע שטרעבונגען. מיט איר פרויעשן צוביבער, מיט איר ראַפינירטע קינסטלערישע און אינטעלעקטועלע שטריכן און נייגונגען, האָט זי ווי מיט פרישע, שמעקנדיקע ווינטעלעך אָפּגעפרישט זיינע מידע געדאַנקען און געפירט צו רואיקייט און צו איבערלעכער האַרמאָניע פון גייסט.

ווען עס איז אָנגעקומענדער טאָג און ער האָט דערזען זיין טרוים — די קאָלאָניע "באָדן", אַ פאַרווירקלעכטן, האָט ער אין דעמדאָזיקן טאָג אויך דערפילט, אַז מיט דער פאַרווירקליכונג פון דעם טרוים מוז ער אָננעמען אַ באַשלוס, וואָס איז געלעגן ווי אַ פאַרוואונדעטער צווישן שטעכיקע דראָטן. ער האָט שוין געזען און געוואוסט, אַז ער און ביולאַ קאָנען זיך מער ניט צעשיידן. זיי מוזן שויןביידע גיין אויף דעם זעלבן וועג צום זעלבן ציל, צוזעלבן זין, מיט וועלכן דאָס לעבן רופט.

ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז מיט וואָס פאַר אַ שיינע, און קלו־גע, און ערנסטע און אמתדיקע ווערטער ער זאָל ניט דערקלערן ביטריסן וועגן זיין באַשלוס, וועט ער דאָך ניט אויסמיידן די קאָנסעקווענצן און די ליידן, וואָס ער וועט איר פאַרשאַפן מיט זיין באַשלוס.

ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי עס איז דערגאַנגען צו ביולאָס מוטער וועגן ביטריסן — זי האָט אָבער געוואוסט וועגן דעם און ווען זי האָט אים איינמאָל אָפן אָבער טאַקטיש געפרעגט וועגן דערדאָזיקער פריינטשאַפט, — האָט ער איר גאָרנישט ניט געענטפערט. ער איז ניט געווען ברוגז אויף איר פאַר איר פראַגע, ער האָט אָבער געגלייבט, אַז ער מוז ניט ענטפערן אויף דעם, ווייל עס איז געווען זיין פערזענלעך לעבן — ביז איצט, ווי ער האָט שוין אַליין באַשלאָסן. האָט ער בלויז אַ שמייכל געטאָן מיט פאַרשטענ־דעניש און זי, ביולאָס מוטער, האָט אויך פאַרשטאַנען: ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן מער. זי מער אים געטרויען.

די ערשטע וואָכן אין דער קאָלאָניע האָבן אים געהאַלטן געפאַנגען מיט אַרבעט. בלויז אַ פּאָר מאָל האָט ער געשריבן צו ביולאַן און אַ פּאָר מאָל האָט זי אָפּגערופן אויף דעם טעלעפאָן. און אין די בריוו און אין די געשפּרעכן האָט ער קיינמאָל ניט גערעדט וועגן זיינע באַציאונגען צו איר. זי אויך ניט. זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען — מיט זייערע בליקן, מיט זייער נאָענטקייט און מיט דעם אינסטינקטיווען געפיל, וואָס שוועבט ווי אַן אומזעבאַרער גייסט און פאַרבינדט און פאַרקניפּט.

אָבער ווען עס זיינען שוין אַוועק פיר וואָכן אין דער עקזיסטענץ

פון דער קאָלאָניע און דאָס לעבן פון די קאָלאָניסטן האָט מער ווייניקער געפּלאָסן מיט נאָרמאַלן שטראָם, און די פּעלדער האָבן זיך געשפּרייט פאַר די אויגן ווי כשופדיקע טעפּיכער, און די נעבעכט זיינען אָנגעפּילט געוואָרן מיט זיסער רו, און די פּרימאָרגנס מיט לאַנגזאַמען, אָבער שטייגנדן חשק צו אַרבעטן, צו שאַפן — דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן, אַז ס'איז צייט צו רופן ביולאַן. ער האָט געוואוסט, אַז זי וואַרט אויף דעם רוף, ווייל אויך איר רוף האָט געאָטעמט אין יעדן וואָרט אירן, אין יעדער שורה פון יעדן בריוו.

איז ער געפאָרן נעמען זי און ברייגנען צום באַדן. און ער האָט נאָך אַליין ניט געוואוסט ווי אַזוי דאָס וועט געשען. מיט עפּעס אַן אומבאַוואוסט־זיניקן געפיל האָט ער ניט פאַרטראָגן דאָס וואָרט "הייראַט"; ניט פאָרגע־שטעלט זיך ווי אַזוי ער וועט מוזן שטיין מיט ביולאַן אונטער דער חופה און נאָכזאָגן דעם רבי'ס הרי את . . .

און ווען ער איז געקומען צו ביולאַן און ווען ער האָט דערזען אין אירע אויגן און אין איר מוטערס אויגן די דערוואַרטונג, האָט ער אויף דעם צווייטן אָוונט פון זיין אָנקומען, זיצנדיק באַם טיש און טרינקנדיק די טיי, אַ זאָג געטאָן פּשוט און היימלעך:

— איך בין געקומען נאָך דיר, ביולאַ, וואָס זאָגסטו?

— כ'האָב געוואַרט אויף דיר... — האָט זי געזאָגט און האָט אַ שמייכל געטאָן.

— נו, זאָל זיין מיט גליק, — האָט די מוטער געזאָגט. — איך וועל באַלד צוריקקומען, קינדער... — האָט זי זיך אויפגעהויבן מיט טרערן אין די אויגן און איז אַרויסגעגאַנגען.

זיי זיינען געבליבן אַליין.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר. אַרויפגעלייגט זיין גרויסע האַנט אויף איר קאָפּ, און זי האָט אַרויפגעקוקט צו אים און קלוג געשמייכלט.

—האָסט מיר געשריבן און האָסט מיר גאָרניט געזאָגט וועגן דעם.

— האָט זי געזאָגט.

— האָסט דען ניט געוואוסט? — האָט ער געפרעגט.

— איך האָב געוואוסט.

— טאָ ווען קאָנסטו זיין גרייט צו פאָרן?

— אין עטלעכע טעג אַרום וועט זיין גוט? — האָט זי געפרעגט.

— גוט. און די מאַמע?

— זי וועט בלייבן דאָ. דאָ, זאָגט זי, איז זי שוין צוגעוואוינט צו דעמ־דאָזיקן לעבן. און אַז איך בין אַ פאַרזאָרגטע, דאַרף זי ניט קיין סאַך... — האָט זי זיך צעשמייכלט.

בערג האָט זי אָנגענומען באַ די אַקסלען, געקוקט אויף איר, געוואָלט

פרעגן, צי זי, אָדער די מוטער דערוואַרטעט אַן אָרטאָדאָקסישע הייראַט צערעמאָניע, ער האָט אָבער ניט געפונען קיין ווערטער און ניט געוואוסט ווי אַזוי אויסצושטעלן די פראַגע.

די מוטער איז אָבער אין דער רגע אַריינגעקומען און האָט אַ זאָג געטאָן:

— איר וועט דאָך, מסתמא, מאָרגן גיין צום "סיטי האָל", טאָ פאַר־געסט ניט איינצולאַדן מיך.

— זיכער, האָט בערג געזאָגט מיט פרייד, ווייל איר באַמערקונג האָט אים אויסגעלייזט פון דער אומבאַהאָלפנקייט און פון דער נויטווענ־דיקייט צו ריידן מיט איר וועגן דעם גאַנצן ענין — הייראַט.

אין דער דאָזיקער נאַכט איז ער געלעגן אַ שלאָפלאָזער אַ מעדיטירנ דער אין זיין צימער. דערמאָנט זיך אין דער געזעגנונגס נאַכט, ווען די נאַכט און דער ווינט האָבן אים דערנענטערט צו ביולאַן און דער ציטער פון דעם קוש אויף אירע נאַכגעבנדיקע ליפן האָט אים אויך איצט אָנגע־פילט מיט אַ וואַרעמען שטראָם פון מיסטעריעזן געווס.

*

עס איז שוין געווען שפעט אין טאָג. שולנער, דער סעקרעטאַר, איז געזעסן אין גרויסן אָפיס ביים שרייב־טיש. ניט ווייט פון שרייב טיש איז געשטאַנען אַ שאַפקעלע, אָנגעפילט מיט ביכער און מיט פאַפירן; און באַ דער טאַמע וואַנט, אויף דעם דיל, איז געשטאַנען די פייער קאַסע, וואו עס זיינען געלעגן אַלע דאָקומענטן פון דער קאָלאָניע, דאָס ביסל מזומן און דער טשעק בוך. אויף דער וואַנט האָט געהאַנגען דאָס בילד פון שלום עליכם'ען.

שולנער איז אין דעם דאָזיקן טאָג געווען אין אַ גוטער שטימונג. ער האָט, אין אַלגעמיין, שטענדיק געפילט זיך בעסער, ווען בערג איז ניט געווען אין דער קאָלאָניע און ער האָט געקאָנט אויסנוצן די צייט און די אַנ־פירערישע מעגלעכקייטן, ווי עס האָט זיך אים געגלוסט.

ער האָט געלייענט די צייטונג. ווען ער האָט אָבער דערהערט, אַז עמעצער קומט אָן, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און דערקאָנט אין דער טיר דעם ביו־יאָרקער יידן גאָלדשטיין, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון פלאַץ און איז אים אַנטקעגן געגאַנגען:

אָה, מיסטער גאָלדשטיין... קומט אַריין, קומט אַריין . . .

— נו, אָט בין איך דאָ... — האָט גאָלדשטיין אַ צופרידענער גע־לאַכט. — איר האָט מיך דערקאָנט?

— נו אוודאי, האָב איך איך דערקאָנט. — האָט אים שולנער צו־

געדרוקט אַ ביינקל. — איך, אַז איך זע איינמאָל אַ מענטשן, פאַרגעס איך אים ניט.

— איר האָט מיר געשריבן איך זאָל קומען, בין איך געקומען. — האָט גאָלדשטיין אַרומגעקוקט דעם אָפיס. — אַ "פאַרדל" האָב איך? האָב איך עס איינגעשפּאַנט און האַידאַ... וואָס וועל איך אייך דולן אַ קאָפּ מיט בריוו די גאַנצע צייט? אַ בריוו אַהער, אַ בריוו אַהין, — אַ בריוו איז אַ בריוו. און אַז מ'קומט אַליין, געפינט מען אַלעס אויס, אַבסאָלוט! ניט אַזוי, חבר שולנער?

— גערעכט, מיסטער גאָלדשטיין. — האָט שולנער ניט געפילט ווי צו זאָגן "חבר". — האָט איר שוין געכאַפּט אַ קוק אויף דער קאָלאָניע? ווי געפעלט זי אייך, אַה?

— ווי סע געפעלט מיר? — האָט גאָלדשטיין צונעמען די הענט און פאַרקוועטשט מיט די אַקסלען — ס'אַפּאַרגעניגן... מיין גאַנץ לעבן האָב איך געחלומט פון אָט אַזאַ מין פּלאַץ וואו אויסצולעבן זיך. וואָרן וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, האָב איך צו טאָן מיטן גאַנצן הו־האַ און טומל אין אַמע־ריקע? ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַ שטיל מענטשל —אַפּייפערהענ־גער בין איך. געבוירן בין איך אפילו אין קיעוו, און . . . נו, ניט זייער אַלט און ניט זייער יונג... האָב איך אָפּגעשפּאָרט אַזוי צעביסלעך אַ פּאָר טויזנט טאָלער. איז וואָס איז אַ פּאָר טויזנט טאָלער הייַנטיקע צייטן? וואָס קאָן אַ איד ווי איך טאָן מיט אַ פּאָר טויזנט טאָלער? עפענען אַ שאָפּ? אַ גראָסערי? צווערן גאָר אַ קאָנטראַקטערל. ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַ שטילער מענטש... מיט אידייען. יעדער מענטש האָט עפּעס אַ שטיקל אידעאַל, — האָב איך אויך. מיט אַן אידעאַל דאַרף מען זיך שעמען? וואָס? איר דאַרפט דאָך וויסן... די קאָלאָניע אַליין איז דאָך שוין פּאַר זיך אַליין אַ שטיק אידעאַל. נו, אַן אידעאַל, וואָס זאָל זיין, ווי זאָגט מען עס...אַבסאָ־לוט — אַזאַ אידעאַל איז ניטאָ... איך . .

— אויב איר ווילט האָט אים שולנער איבערגעשלאָגן, — וועל איך אייך דערקלערן אין קורצן דעם תמצית און דעם פּרינציפּ, אַזוי צו זאָגן, פון דער קאָלאָניע.

— נו אַוודאי! — האָט זיך גאָלדשטיין ווי אויפגעכאַפּט — צוליב דעם בין איך דאָך געקומען . . .

אָבער אין דער רגע זיינען אַריינגעקומען קראָפּקין און שולמאַן.

— קראָפּקין, שולמאַן, — האָט שולנער אָנגעוויזן אויף גאָלדשטיינען.

— מיר קריגן אַריין אַ נייעם קאָלאָניסט. באַקענט זיך: דאָס איז מיסטער... חבר גאָלדשטיין, אַ פּייפּער־הענגער, אַ קיעווער לאַנדסמאַן.

— זייער אנגענעם, זייער פיין! — האָט גאָלדשטיין געדריקט קראָפּ־קינס האַנט. — אויך קאָלאָניסטן?

— אוודאי, קאַלאַניסטן — האָט קרופּקין געשמייכלט פריינדלעך. — מיר הויבן ערשט אָן, אָבער אַזוי זיינען אַלע גרויסע פּראָיעקטן — זיי וואַקסן ניט פון זיך אַליין. מ׳דאַרף צולייגן דעם קאָפּ און אויך אַ האַנט.

— אַז מ׳דאַרף צולייגן אַ האַנט, קאָנען מיר! האָט שולמאַן געדריקט מיט קראַפט גאָלדשטיינס האַנט, אַז יענער האָט זיך אַזש פאַרקרימט. און, אַנטאַפּנדיק גאָלדשטיינס מוסקולן האָט ער צוגעגעבן: — מיר וועלן אייך דאָ דאַרפן אַביסל אויספּאַשן, טאַוואַרישטש... איר קוקט אויס, זייט מוחל... מעכולע . . .

— איר האָט עפּעס געוואָלט שולמאַן? — איז שולנערן ניט געפעלן געוואָרן שולמאַנס גוטברודערשאַפט.

— איך בין דאָך היינט דער אויפזעער, און איר האָט זיך דאָך באַקלאָגט אַז דער שופלאָד אין טיש האָט זיך פאַרהאַקט, האָב איך געבראַכט שולמאַנען — האָט אים שוין קרופּקין געענטפערט.

— אָה, יע... יע.. — האָט שולנער אָנגעוויזן אויף דעם שופלאָד, — זעט וואָס איר קאָנט טאָן און איך וועל דערווייל אַרויסגיין מיט מיסטער גאָלדשטיינען וויַזן אים די קאָלאָניע. זאָל ער זי גוט באַטראַכטן איידער ער שרייבט אונטער דעם קאָנטראַקט.

— כע... כע... — האָט גאָלדשטיין אָנגענומען שולנערס ווערטער ווי אַ וויץ.

—קוקט גוט! קוקט גוט, חברל, וואוהין איר וואַרפט אַריין אייערע שווער פאַרהאָרעוועטע מזומנים! ס׳איז ווי אין... באָדן אַריין... שיער ניט געזאָגט ווי אין דער ערד אַריין... כאַ! כאַ! — האָט שולמאַן געלאַכט.

שולנער האָט זיך מיט אַ זויערער מינע געלאָזט גיין צו דער טיר און גאָלדשטיין נאָך אים.

קרופּקין און שולמאַן האָבן באַטראַכט דעם שופלאָד און פּרובירט עפענען אים.

— וואָס דיינקט איר וועגן דעם נייעם קאָלאָניסט, חבר קרופּקין? — האָט שולמאַן אַ פרעג געטאָן.

— שוין ניט אַזוי יונג און ניט אַזוי געזונט. — האָט קרופּקין געענטפערט. ס׳איז דאַכט זיך מיר גאָרניט קיין פּלאַן אַריינצונעמען מענטשן בלויז דערפאַר, ווייל זיי מיינען, אַז זיי זיינען אידעאַליסטן און ווייל זיי פאַרמאָגן אַ פּאָר טאָלער.

— גערעכט, גערעכט... — האָט זיך שולמאַן געפּאָרעט באַ דעם שופלאָד. — אַז ער האָט אים דאָרטן אינוויינינק פאַרפּאַקט מיט אַ בוך, צו אַלדע שוואַרצע יאָר... טאָ ווי אַזוי קאָן מען אים עפענען? אָט אַזוי, האָב איך מורא, וועלן זיי דאָ אַלעס פאַרהאַקן.

— וואָס, שוין ענטוישט? — האָט קרופּקין געפרעגט.

— נייך, ניט ענטוישט, אָבער וואָס דיינקט איר קרופּקין, וועט טאָ־קע עפּעס אַרויס פון אונדזער מי און פון אונדזער גוטן ווילן?

— עס וועט ניט אַרויס קיין הונדערט פּראָצענט, אָבער עפּעס וועט אַרויס. אַ קאָמונע, שולמאַן, איז שווער צו בויען, איבערהויפּט ווען מ׳איז אַרומגערינגלט מיט אַן אָקעאַן פון קאַפּיטאַליזם.

— דאָס זאָג איך דאָך! — האָט זיך שולמאַן ווי אָנגעכאַפּט אין קרופּ־קינס ווערטער. — אַז דו שטרעקסט אויס די האַנט, ליגט דאָך אַט דאָ לעבן דיר כמעט אַזאַ ניו יאָרק, אוי, ווי איז מיר, — מיט אַלדאָס גוטס אין דער וועלט! דאַרף מען דאָך האָבן אַן אייזערנעם יצר הרע אויסצעהאַלטן דאָ. און אַז מיר האַלטן שוין באַ דעם, איז דאָך, דעם אמת געזאָגט, אַ מחיה דאָ, אַ־יאָ? די לופט שמעקט, און די זון וואַרעמט, און אַז ס׳ווערט אַ בלאָטע דאָ, איז עס טאַקע אַ בלאָטע, ווי אין פּסוק שטייט... און דאָך פעלט דאָ עפּעס...

— וואָס פעלט אייך? — האָט קרופּקין געשמייכלט

— כ׳מיין ניט חלילה, קיין פּאַגראַמען און קיין סטראַזשניקעס, אָבער עס פעלט מיר דאָ אַ סאַבוויי... כאַ־כאַ־כאַ! איר לאַכט כאַ־כאַ!

— אי, איר זענט אַ ממזר! — האָטקרופּקין געלאַכט.

— יע... כ׳האָב אייך געוואָלט פרעגן, — איז שולמאַן געוואָרן ערנס־טער. — קאָנט איר אפשר אונדזער דירעקטאָרס ווייבל, וואָס ער ברייננגט היינט פון ניו יאָרק.

— איך האָב זי געזען אַ פּאָר מאָל. — האָט קרופּקין געענטפערט. — אַ פיינע מיידל, זייער אַ פיינע מיידל.

— נו ,זאָל זיין מיט מזל. — איז שולמאַנען ענדלעך געלונגען צו עפּע־נען דעם שופלאָד. — נו, אָט פּאַרטיק... איצט קאָן איך גיין, איר גייט?

— ניין איך וועל דאָ וואַרטן אויף שולנערן. — האָט קרופּקין געזאָגט.

— איך וויל נאָך אַ שמועס טאָן מיט דעם נייעם... קאָלאָניסט.

שולמאַן איז אַרויסגעגאַנגען און קרופּקין האָט גענומען אַ בוך פון שאַפּקעלע און איז צוגעגאַנגען מיט אים צום פענצטער. געשטאַנען אַ ווײַלע אַ פּאַרטיפּטער און, דערהערנדיק, אַז עמעצער קומט, האָט ער זיך אויסגעדרייט און דערזען באַ דער טיר מערי בראָדערזאָן.

אָה, מערי, דאָס זענט איר? געקומען העלפן שולנערן, מסתמא?

— העלפן אים? ווייסיך... די גאַנצע בוכהאַלטערישע אַרבעט דאָ סטייעט פונקט אויף צווי שעה,, אי דאָס איינמאָל אַ וואָך. ניין, איך בין בלויז אַזוי אַרייַנגעגאַנגען. היינט איז מיין פרייער טאָג. כ׳האָב איך דערזען ביים פענצטער, בין איך אַרייַנגעקומען.

זי איז צוגעגאַנגען צו אים, באַטראַכטנדיק אים ווי ער שטייט אַ פעסט־געבויטער אין זיין דינעם געפּאַסטן אונטער־העמדל.

— איר זענט אַ געזונטער בחור, קרופּקין. — האָט זי אַ זאָג געטאָן,

אַנטאַפּנדיק די מוסקולן אויף זיין ענטבלויזטער האַנט. — פיינע מוסקולן האָט איר... האַלעוואי אויף בראַדערזאַנען געזאָגט געוואָרן... און אויסגע־בראָטן זייט איר, ווי אַ גוט קאָרן־ברויט.

— ס'איז געזונט אַזוי — האָט קרופּקין געקוקט אין בוך.

— און אויך שענער פאַר אַ מאַן. — האָט זי געזאָגט. — כאָטש איר, מענער, האָט ליב אַוויס לייב בעסער ווי אַ ברוינס. — האָט זי צוגעלייגט איר אָרעם צו קרופּקינס אָרעם, ווי פאַרגלייכנדיק די ווייסקייט.

קרופּקין האָט זיך אָפּגעקערט און גענומען מישן די בלעטלעך פון בוך.

— איר האָט מורא פאַר מיר? — האָט זי מיט אַ געמאַכטן חוזק־שמייכל אַ פרעג געטאָן. — איך וועל אייך אָפּבייסן, צי איר שרעקט זיך פאַר מענטשן?

— איך שרעק זיך ניט פאַר קיין מענטשן. — האָט קרופּקין רואיק געזאָגט.

— פאַר מיר דאַרפט איר זיך אַוודאי און אַוודאי ניט שרעקן. איך בין ניט פון די דאָזיקע, וואָס דערציילן סודות און פּלאַפּלען.

— עס דאַרפן ניט זיין קיין סודות. — האָט קרופּקין אַ קוק געטאָן אויף איר.

— אַוודאי דאַרף ניט זיין... — האָט מערי אַ וואונק געטאָן קאָקעטיש. — אָבער איר ווייסט דאָך: אַ מענטשלעך האַרץ איז ווי אַ באַזונדער צימערל. דאָס גאַנצע הויז איז טאַקע אָפן און פריי פאַר יעדן איינעם אַנצוקוקן עס, אָבער אין איין צימערל פאַרמאַכן מיר אָפּט די טירן. ניט אַלעס דאַרף מען זען און וויסן . . .

— איר זענט אפשר גערעכט מערי, און דער פאַרגלייך איז אפילו אַ גוטער... די זון איז אָבער אַזוי שיין.. און די לופט שמעקט, און דאָס פעלד ציט מיט פרייקייט . . .

— כאַ־כאַ! איר פאַררעדט די ציין... — האָט זי זיך צעלאַכט.

— איר האָט עפּעס ספּעציעלעס אין זינען? — האָט זיך קרופּקין גע־מאַכט תמ'עוואַטע.

—שטעלן אַזאַ פראַגע אַזוי דירעקט צו אַ פרוי איז אַביסל.. ניט זייער טאַקטיש און דזשענטעלמעניש... — האָט זי אָנגעבלאָזן די שמייכלענ־דיקע ליפּן. — ביטריסן האָט איר אויך געשטעלט אַזוי די פראַגע?

— וואָס גאָר ביטריסן? האָט קרופּקין געפרעגט.

— אַז איר זענט שוין יאָ אַזוי דרייסט מיט פראַגן, — איז מערי צו־געגאַנגען נאָענט צו אים און אָריינגעקוקט שעלמיש אין זיינע אויגן, — דאַרפט איר אויך זיין דרייסט מיט ענטפערס. איר ווייסט דאָך: מיך קאָן מען ניט בלאָפן.

— איך בלאָף קיינעם ניט.

— געךעכט, איר בלאָפט קיינעם ניט. — האָט זי אַ פינטל געטאָן מיטן אויג. — און דעריבער ווייס איך וואָס צווישן אייך און צווישן ביט־ריסן גייט אָן. שפּאַצירן פאַרנאַכט אין פעלד איז אַוודאי ניט קיין פאַר־ברעך, אָבער איר ווייסט דאָך... מיר, פרויען, האָבן אַ באַזונדערן חוש פאַר אַזעלכע זאַכן, איבערהויפּט, ווען מ׳איז פּערזענלעך פאַראינטערעסירט.

— איר זענט ניט קיין נאַריש ווייל . . .

— און ניט קיין מיאוסע.. — האָט זי אונטערגעכאַפּט.

—און ניט קיין מיאוסע... — האָט ער זיך צעלאַכט.

— האָט מען שכל, בחור, האָט מען שכל... כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זי אים מיט הנאה אַ קניפּ געטאָן אין דער האַנט.

— אוי... ס׳ארא קניפּ. — האָט זיך קרופּקין אַ כאַפּ געטאָן באַ דער האַנט.

— כאַ־כאַ־כאַ! האָט מערי אַ צופרידענע געלאַכט און האָט גענומען אַרומקוקן די ווענט זוכנדיק אַ שפּיגל — אַן אומגליק דאָ... דאָרט אין שטאָט, אַז איך פלעג אַרויסגיין פון הויז, האָב איך געטראָגן מיט זיך אַ פּאַקעט־בוק מיט אַ שפּיגעלע. נו, צו וואָס דאַרף איך דאָ אַ פּאַקעט־בוק? אַ שפּיגע־לע פעלט מיר אָבער. פאַרוואָס הענגט מען ניט אויף ערגעץ דאָ אַ שפּיגל? ווי אַזוי האָט מען עס ניט אַ שפּיגל, וואו אָנצוקוקן זיך? די גאַנצע צייט ווייזט זיך מיר אויס אַז די נאָז איז מיר אויסגעשמירט, אַ? טוט אַ קוק, קרופּקין, איז מיר ניט אויסגעשמירט די נאָז? — איז זי צוגעגאַנגען נאָ־ענט צו אים, צוטוליענדיק זיך כמעט צו זיין ברוסט.

— ניט אויסגעשמירט — האָט קרופּקין געזאָגט און אָפּגערוקט זיך פון איר, דערזעענדיק ביטריסן אין דער טיר.

— ענטשולדיקט... — האָט ביטריס אונטערשטראָכן איר פאַרוואונדע־רונג. — אַך, ענטשולדיקט . . .

— אָ, ביטריס — האָט זיך מערי אַ שמייכלענדיקע אויסגעדרייט צו איר. — ניטאָ פאַר וואָס צו ענטשולדיקן זיך. כ׳האָב ערשט געזאָגט קרופּ־קינען, אַז מ׳וואָלט דאָ באַדאַרפט אויפהענגען אַ שפּיגל. אַ גאַנצן טאָג ווייזט זיך מיר אויס, אַז די נאָז איז מיר אויסגעשמירט.האָב איך אים געבעטן אַ קוק צוטאָן.

— עס וואָלט אַוודאי ניט געשאַדט צו האָבן דאָ אַ שפּיגל מ׳זאָל זיך קאָנען אָנקוקן וואָס פאַר אַ פּנים מ׳האָט. — האָט ביטריס געזאָגט סאַר־קאַסטיש.

— און צי מ׳איז שיין, צי מיאוס, יונג צי אַלט, — האָט אויך מערי, געענטפערט שטעכיק.

— איך האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אייער נאָז איז אויסגעשמירט, און

מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז גאָר קרופּקין, וואָס האָט זיך די הענט אויסגע־שמירט. — האָט ביטריס געצילט איןביידן.

— ס'איז בעסער צו האָבן אויסגעשמירטע הענט, ווי הענט וואָס שלאָגן זיך. — האָט שוין מערי אַריינגעזאָגט.

— אָה, די ראַדיאָ־סטאַנציע אַרבעט שוין. — האָט ביטריס גע־וואָרפן איר אַ בייזן בליק.

— קרופּקין, איר וועט זאָגן שולנערן, אַז כ'האָב אים געוואָלט זען. האָט זיך מערי אַ קער געטאָן צו קרופּקינען. און ניט אומקוקנדיק זיך אויף ביטריסן, איז זי אַרויסגעגאַנגען.

ביטריס האָט אַ ווײַלע געשוויגן. געקוקט אויף קרופּקינען מיט אַ פאַרניכטענדן שמייכל און פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— איר האָט שוין געוויס געהערט, אַז איך האָב געשלאָגן אַ קינד.

— מענטשן זיינען געוואוינט צו איבערטרייבן — האָט קרופּקין גע־זאָגט.

— איבערטרייבן, צי ניטאיבערטרייבן. — האָט אים ביטריס איבער־געשלאָגן — איך בין אָבער זיכער, אַז איר פאַרדאַמט מיך.

— איך פאַרדאַם אייך ניט — האָט קרופּקין געזאָגט רואיק. — איך פּרוביר בלויז צו פאַרשטיין. איך ווייס, אַז ס'איז אָפט זייער שווער צו קאָנטראָלירן זיך.

—איך ווייס עס און אויך איך פּרוביר אייך צו פאַרשטיין. ערשט מיט אַ פּאָר מינוטן צוריק האָב איך געזען און פאַרשטאַנען, ווי שווער עס האָט באַדאַרפט צו זיין פאַר אייך צו קאָנטראָלירן זיך.

קרופּקין האָט אַ שמייכל געטאָן:

— ס'איז ניט שווער געווען. ס'איז אָבער גוט, וואָס איר זענט גראַד אַריינגעקומען. איך האָב געוואָלט ריידן מיט אייך.

— וועגן וואָס? — האָט זי קאַלט געפרעגט.

— מיר האָבן שוין אַזויפיל מאָל גערעדט און איבערגערעדט. — איז קרופּקין געוואָרן ערנסטער. — מיר זיינען אָבער קיינמאָל ניט געקו־מען צו קיין באַשטימטן באַשלוס. איצט, דאַכט זיך מיר, איז געקומען די צייט צו ריידן ערנסט און אָפן.

— רעדט.

—איר האָט מיר נאָך ניט געגעבן קיין באַשטימטן ענטפער צו איר ווילט זיין מיין פרוי. — האָט קרופּקין געזאָגט פּשוט און אָן צערעמאָניעס.

— און פאַרוואָס דענקט איר, אַז גראַד איצט איז געקומען די צייט צו זיין ערנסט און אָפן — האָט ביטריס געפרעגט.

— ווייל אַ סך געשעענישן האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט און זיי־נען געוואָרן קלאָרער. — האָט קרופּקין געענטפערט. — מענטשן טייטשן

אויס אייער נערוועזן צושטאַנד מיט דעם, וואָס בערג איז געפאָרן ברייגגען זיין... פּרוי. און אין דערזעלבער צייט שטויסן זיי זיך אָן אין מיינע געפילן צו אייך.

—ווילט איר הייסט עס, אַז מיר ביידע זאָלן עס פאַרענדיקן, צוליב דעם עולם־גולם מיט אַ גליקלעכן סוף?

— ניין, ניט צוליב דעם עולם. איך האָב געזאָגט "מענטשן", ווייל איך בין דאָך אויך איינער פון זיי און צי איך וויל און צי איך וויל ניט רעאַגיר איך צוזאַמען מיט זיי. אמת, אַנדערש ווי זיי, אָבער דאָך מיט זיי.

ביטריס האָט געשוויגן אַ ווײַלע. געשטאַנען באַם פענצטער און אַרויסגעקוקט. אָבער מיטאַמאָל האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו אים, באַשליסנדיק אַרויסצוזאָגן אים דעם גאַנצן אמת.

— איר ווייסט מיין באַציאונג צו אייך, קרופּקין. — האָט זי געזאָגט מיט מער ווייכקייט ווי פריער. — איר געפעלט מיר. אָבער איך האָב אייך ניט ליב, ווי איך האָב ליב בערגן.

— דיינקט איר ניט, אַז איצט איז געקומען דער סוף פון... אָט דעם קאַפּיטל פון אייער ליבע?

— איך בין ניט זיכער.

— אַז בערג גייט הייראַטן מיט איר, האָט ער זי ליב.

— אַוודאי — האָט ביטריס אַ שמייכל געטאָן. — אָבער ווי זאָגט עס אונדזער "דאָקטאָר": אַ ציבעלע איז אַ ציבעלע אַפילו ווען איר רופט זי אָן מיט אַ לאַטייניש נאָמען. וואָס מיינט איר, זיין ליבע צו איר איז אַנדערש ווי די ליבע צו מיר?

— עס זיינען פאַראַן באַזונדערע קאָלירן, באַזונדערע שטימונגען, באַזונדערער אינהאַלט אין באַציאונגען צווישן מענטשן — האָט קרופּקין געזאָגט. — אַזוי איז אין ליבע, אין פריינטשאַפט און אין לעבן, אין אַלגעמיין.

— נו גוט... פילאָזאָפירט, אויב איר ווילט... איר האָט גענוג צייט דאָ אין דער קאָלאָניע... איך בין שוין מיד פון דעם. קומט, לאָמיר אַרויסגיין פון דאַנען.

זי האָט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג — קרופּקין נאָך איר.

*

דער אָוונט איז געווען אַ פאַרוואָלקנטער און טונקעלער. פון דעם לייק האָט געבלאָזן אַ ווינטל, וואָס האָט געטראָגן מיט זיך דעם ריח פון וואַסער און פייכקייט. דאָ און דאָרטן האָבן אַרויסגעשיינט באַלויכטענע פענצטער; דאָ און דאָרטן האָבן זיך געהערט שטימען, דער געלעכטער פון קינדער. אין שטאַל האָבן געמרוקעט די קי. אַן עראָפּלאַן האָט עָרגעץ־

הויך אין דער טונקלקייט געזשומעט. די קאָלאָניסטן האָבן גערוהט. ס'איז שוין געווען נאָך וועטשערע. די פרויען האָבן געלייגט די קינדער שלאָפן, פאַרפּוצט זיך אין שענסטן וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. מ'האָט שוין געוואוסט: "זי" איז שוין דאָ. זי וועט זיין באַם מיטינג. און אין אַלגעמיין דערוואַרט מען, אַז היינטיקער מיטינג זאָל זיין אַ הייסער. יעדער איינער האָט זיך שטילערהייט געגרייט. אפשר וועט ער קריגן מוט צו ריידן, ווער מיט אַ פאָרשלאָג, און ווער מיט אַ קלאָגע, און ווער גלאַט אַזוי מיט אַ רעדע, וואָס האָט באַדאַרפט אונטערפירן דעם סך־הכל פון דער גאַנצער אַרבעט.

דער אַריינגאַנג פון הויז נומער איינס איז געווען באַליכטן מיט דעם איינאונאיינציקן גרויסן עלעקטרישן לאָמפּ אין דער קאָלאָניע. אינעווייניק אין גרויסן "האָל" זיינען געווען אויסגעשטעלט אַרום פּופּציק ביינקלעך און אויף דער נידעריקער פּלאַטפאָרמע, וועלכע פרידמאַן און שולמאַן האָבן אויפגעבויעט, איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, באַדעקט מיט אַ גרינעם טישטוך, מיט טראָלדן באַ די זייטן; אויפן טיש אַ גלעקל, אַ פלאַש וואַסער, צוויי גלעזער, אַ טינטער, אַ פעדער און פּאַפּיר; די סטעליע איז געווען באַהאַנגען מיט קאָלירפולע פּאַפּירלעך און לאָמטערנדלעך (פאַרבליבן נאָך פון דער דערעפענונגס נאַכט); באַ דער רעכטער וואַנט זיינען געשטאַנען צוויי שאַפעס מיט ביכער (בראָדערזאָנס שטאָלץ), און באַ דער לינקער וואַנט — אַ לאַנגער טיש, באַדעקט מיט ווייסע טישטוכער; אויפן טיש — צוויי רייען פון גלעזער און שאָלן, פיר "קייקס" און אַ וואַזע מיט בלומען. אויף די ווענט האָבן געהאַנגען פּאָרטרעטן פון דעם פּרעזידענט לינקאָלן פון פּרצ'ן און שלום עליכם'ן (בראָדערזאָנס אַ מתנה). אין ווינקל איז געשטאַנען אַן אַלטמאָדישע ראַדיאָ, וועלכע מיסעס גאַנטש האָט נאָך אַלץ באַטראַכט אַלס איר אייגנטום. און אַז עמיצער איז אַמאָל צוגעגאַנגען צו דער ראַדיאָ און געפּאָרעט זיך באַ איר, פלעגן באַ מיסעס גאַנטש אָנהייבן ציטערן הענט און פיס און מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע פלעגט זי ברומען: — המ... נאַ! מ'דרייט שוין.. אַז אין קאָפּ, רעבוינעשועלוילעם! מ'דרייט! אַ סאַך האָבן זיי אַריינגעלייגט אין איר! — און איר מאַן, גאַנטש, קוקנדיק אויף איר פלעגט שלינגען די סלינע און מורא האָבן צו באַגעגענען זיך מיט איר בליק. ער האָט שוין געוואוסט, אַז באַנאַכט וועלן זיך אין די צוויי קליינע צימערלעך טראָגן קללות און געשרייען און ער וועט זיך צום הונ־דערטסטן מאָל פרעגן ווי אַזוי דער רוח האָט אים געטראָגן צו ווערן אַ קאָ־לאָניסט און ניט עפּעס אַזוי זיך אין אַ קאָלאָניע, נאָר אין אַ קאָלאָניע מיט אַזעלכע מאָדנע "זאַקאָנעס", אַט גלייך ווי ער וואוינט ניט אין אַמעריקע, נאָר ערגעץ באַ די באָלשעוויקעס. אין דעם איז, פאַרשטייט זיך שולדיק דער שוואָגער זיינער, דער שוסטער. געקומען פון רוסלאַנד אַ גאַנצער באָלשע־וויק און איצט האָט ער אים אויך אַריינגעשלעפּט.

דאָס צימער איז שוין געווען באַלויכטן און פאַרטיק אויפצונעמען די פאַרזאַמלונג. די ערשטע צו קומען זיינען געווען בראָדערזאָן און גאַנטש. בראָדערזאָן איז אַרומגעגאַנגען באַ די שראַנקען, אַרומגעטאַפּט און אויסגעגלייכט זיינע ביכער. ער האָט געוואוסט, אַז מ׳גרייט פאַר אים אַ סורפּריז. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, קרופּקינס אידייע. און ס׳איז, טאַקע ניט מער ווי רעכט. די ביבליאָטעק, זיין ביבליאָטעק, וואָס ער האָט בייגעשטייערט, איז ווערט אַ פאַרמעגן און מ׳קאָן זאָגן, אַז ס׳איז דאָס גייסטיקסטע, וואָס ס׳איז פאַראַן אין דער קאָלאָניע.

נאַטש האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון דעם הויז ווי אַן אָפּגעבריטער און אין דערזעלבער צייט פול מיט שמחה. זי איז היינט אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט. דאָס קינד האָט אַ גאַנצע נאַכט געוויינט, איז מען ניט געשלאָפן. ער האָט זיך ממש מחיה געווען, וואָס ער איז אינדערפרי אַוועק אין פעלד אַריין. ווען ער איז אַהיים געקומען האָט זי געברענט ווי אַן אויוון. דאָס פּיצל איז נעבאַך אויפן מעגעלע, איז זי מיט אים באַנאַכט געגאַנגען צום "דאָקטאָר", האָט ער געקוקט אויפן פּיצל, געקוקט, געטאַפּט דאָס בייכעלע, אָנגעגאָסן פון דעם פלעשל אַ לעפעלע ריצנאויל און קוים מיט צרות אַריינגעקוועטשט אין קינדס מיילכל. האָט זי אויסגעלאָזט דערנאָך צו אים, גאַנטשן אַלע בייזע חלומות, פאַרבונדן זיך דעם קאָפּ מיט אַ נאַסן האַנטוך און אַריינגעלייגט זיך לעבן קינד אין בעט. — זאָלן זיי דאָרט צעפּלאַצט ווערן.... — זי וועט צו קיינע מיטינגען ניט גייען, ווייל אויב זי וועט גייען וועט זיין אַז אָך און אַז ווי צו זייערע יאָרן. האָט ער זיך געפרייט, וואָס זי איז ניט געגאַנגען. ער האָט גוט געוואוסט וואָס פאַר אַ סקאַנדאַלן זי קאָן מאַכן. איצט איז ער געזעסן איינער אַליין אין אַ ווינקל, אַ פאַרשלאָפענער און געטראַכט, אַז אין דער אמתן, איז זי, די ווייב זיינע אפשר גערעכט. פאַרוואָס זאָל ער עפּעס נעמען בערגס און קרופּקינס און שולנערס רייד אַלס הונדערט פּראָצענטיקן אמת? פון וואַנען ווייסט ער וואוהין זיי פירן אים? נו, דערווייל האָט מען נאָך וואָס צו עסן, ס׳איז איין קיך, איין טיש, איין באַלעבאַטישקייט; און אַזוי איז מיטן פעלד, מיט די קי און מיט די הינער... אָבער צוריק גערעדט, געפעלט אים דווקא יא דער גאַנצער ענין. ווייל נאָך אַלעמען, גיט מען אָפּ אַלע פיר וואָכן אַ געניויעם חשבון, וואָס מ׳טוט מיטן געלט וואָס ס׳קומט אַריין פון די פּראָדוקטן. ס׳איז פאָרט אַנדערש, ווי דאָרט אויף פּיטקין סטריט אויפן זעקסטן פלאָר. דעם אמת־זאָגנדיק, האָט ער זיך אויסגערוט זיינע פיס. דאָרט פלעגט ער אַ גאַנצן טאָג אַרומגיין אין די "עליס" און שרייען "אָלד קלאָטהס! אַלטע זאַכן"! שלעפּן זיך אויף די טרעפּ אַראָפּ און אַרויף, טאָג איין, טאָג אויס, און די פאַרדינסטן, מ׳שטיינס געזאָגט "בע"!..

עס זיינען אָנגעקומען נאָך אַ פּאָר קאָלאָניסטן מיט די ווייבער: שלום

זעלצער און לייבוש בלאַך,ביידע אַמאָליקע פאַרמערס, אַלטע אַמעריקאַנער תושבים וואָס האָבן אַלע זייערע יאָרן געלעבט פון פאַרמעריי און אויף דער עלטער געגאַנגען געבראָכן און ניט געקאָנט זיך צופּאַסן צום שטאָטישן לעבן. די קאָלאָניע מיט אַלע משוגעת'ן איז געווען פּאַרט בעסער ווי אַרומ־צודרייען זיך ליידיק און ציטערן, אַז ס'לאָזן זיך אויס די לעצטע פּאָר סענט. דאָ האָלט מען זיי פאַר עקספּערטן און מיט אַלע "מעלאַמדים" און "יאַלדן" זיינען זיי דאָך זיכער עקספּערטן. זיי וויסן דאָס פעלד, און די ווייבער זיי־ערע וויסן ווי אַרומצוגיין אַרום די בהמות און זיי זיינען עס טאַקע די מעל־קערינס, און זיינען טאַקע, די דאָזיקע, וואָס לערנען די איבעריקע ווייבער די מלאכה פון מעלקן קי און מאַכן קעז און פּוטער.

נאָך זיי איז אָריינגעקומען משה כייפעץ מיט זיין שוואַרצביינעוודי־קער ווייבל. ער האָט זיך אויך פאַרלאָזט דאָ אַ באָרד, וועלכע ער האָט גע־האַלטן אין איין גלעטן און צופּן. כאָטש דאָרט אין שטאָט איז ער געווען אַ טראָק דרייווער און פאַרקויפט ווינטער קוילן און זומער אייז, דאָך איז ער קיין גראָבער יונג ניט געווען . ער האָט געקאָנט גוט לייענען יידיש און ענגליש און אפילו העברעאיש (זיין טאַטע איז געווען אַ שוחט). ער איז גע־ווען באַקאַנט מיט פּאָליטיק און האָט אַמאָל געטרוימט צו ווערן אַן עלעק־טראָטעכניקער און געלערנט זיך אַפילו אין דער "סיטי עלעקטראָ־סקול", אַז ס'איז אָבער ניט געווען קיין מזל, איז ער געוואָרן אַ טראָק־דרייווער. די קאָלאָניע מיט דער קאָמונע האָט אים ניט איבעראַשט. ער האָט געהערט און געלייענט וועגן אַזעלכע עקספּערימענטן. דעם טראָק און דאָס "פּאָרדל" וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער אָוועקגעגעבן דער קאָלאָניע און ער אַליין איז געווען טאַקע דער "אָנטרייבער", ווען מ'האָט באַדאַרפט פאָרן צו דער סטאַנציע, אָדער צו די רעזאָרטלעך אַרום, אויסצופאַרקויפן די אייער, און די פּוטער און די פּרעזערווס, וואָס זיינען נאָך איבערגעבליבן פון נאַוואָקן. דאָס ווייבל זיינס איז אויך געווען צופרידן און דער קראַנקער בויטשיקל האָט אויך אויפגעלעבט און איז געוואָרן ברוין און פול מיט חן, — איז אַל־רייט אַרום און אַרום . . .

דער דאָקטאָר מיטן שטעקן אין דער האַנט איז אַריינגעקומען, אַרומ־געקוקט דאָס צימער, אַ שמייכל געטאָן צופרידן און געוואָלט אַרויסגיין.

— דאָקטאָר, דאָק! — האָט כייפעץ הויך און גוטברודעריש אַ רוף געטאָן דעם דאָקטאָר. — קומט אַהער, דאָק! וואָוהין לויפט איר? שטייט דאָ אַביסל מיט אונדז, מיט פּשוטע מענטשן.

— כ'האָב געמיינט כ'וועל אַרויסגיין זען בערגן, איידער דער מי־טינג פאַנגט זיך אָן — האָט זיך דער "דאָקטאָר" אָפּגעשטעלט.

— בערג איז פאַרנומען — האָט כייפעץ געשמייכלט — איך האָב זיי דאָך געבראַכט פון דער סטאַנציע מיט מיין פּאָרדל... אים, און זי, און דעם

באַגאַזש אירן... אוי, אַ צאַצקעלע, זאָג איך אייך, אַ בת מלכהלע, אַ פאַרגע־ניגן צו קוקן אויף איר... אָבער אויב איר מוזט אים זען בערגן, שטייט ער דאַכט זיך לעבן די שטאָלן מיט דעם נייעם, כ'מיין מיט דעם נייעם קאָ־לאָניסט.

— שייך מוזן... איך מוז ניט כ'האָב געמיינט כ'וועל אַ שמועס טאָן.

עס זיינען דערוויילע אָנגעקומען נאָך קאָלאָניסטן. עס זיינען שוין געווען אין "האָל" זאַנענפעלד אַן אַמאַליקער קאָסטאָמער־פּעדלער און זיין ווייב; ראָזענבוים, דער בלייך־פּאַטראַכטער דיכטער; שאַפּיראָ, אַן אַמאַ־ליקער "ריל־עסטייטניק" מיט זיין ווייב; זיי האָבן זיך אַלע געהאַלטן צוזאַ־מען. ניט ווייט פון זיי זיינען געזעסן אַקערמאַן מיט זיין פרוי און דזשייק שאַץ — דער באַרבער. קיין קינדער האָט מען ניט געטאָרט מיטנעמען.

דער זייגער איז שוין געווען אַ פערטל צו אַכט. פונקט אַכט אַזייגער האָט מען באַדאַרפט עפענען די פאַרזאַמלונג. אויף דער פּלאַטפאָרמע ביים טיש איז שוין געזעסן כמעט דער גאַנצער "ראַטקאָם".

פונקט אַכט אַזייגער איז אָנגעקומען בערג מיט ביולאַן. ביולאַ אין אַ ווייסן קלייד, מיט אַ בלום באַם קאַרסאַזש, די שוואַרצע צעפּ שטייף פאַר־דרייט אַרום דעם קאָפּ, איז געבליבן שטיין אויף אַ וויילע אין דער טיר, ווי פאַרבלענדעט פון די קאָלירן און פון דעם ליכט. הינטער איר איז געשטאַנען בערג, אַן ערנסטער ווי אימער. ס'איז געוואָרן שטיל. אַלע בליקן זיינען גע־ווען געווענדעט אויף זיי. ס'האָט זיך דערהערט אַ שושקעריי און דאָס רוקן פון ביינקלעך. האַלטנדיק ביולאַן באַם אָרעם, האָט בערג זי צוגעפירט צו אַ ביינקל אין דער ערשטער ריי.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און האָט אַ שמייכל געטאָן צו מיסעס אַקערמאַן און צו מעריין, וועלכע איז געזעסן לעבן איר. מערי בראַדערזאָן, מיסעס אַקערמאַן און מיסעס זאַנענפעלד האָבן זיך שוין באַקאַנט מיט ביו־לאַן פריער, ווען זיי האָבן זי באַמערקט אָנקומען מיט בערגן פון דער סטאַנ־ציע.

בערג האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ ביים טיש. אַרומגעקוקט דעם עולם און געוואונדערט זיך פאַרוואָס ער זעט ניט ביטריסן.

— וואו איז ביטריס? — האָט ער געפרעגט קראָפּקינען.

קראָפּקין האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען און גאָרנישט געזאָגט.

שולנער האָט אַ קלונג געטאָן מיטן גלעקל און ס'איז געוואָרן שטיל. בערג האָט זיך אויפגעהויבן, געקוקט אַ וויילע אויף דעם טיש און אויף די פּאַפּירן, דערנאָך איבערגעפירט זיין בליק אויף ביולאַן און פון ביולאַן אויף די פאַרזאַמלטע און האָט געזאָגט:

— איך דערעפן היינט די זיצונג מיט דער מעלדונג, אַז צו אונדזער קאָלאָניע איז צוגעקומען אַ נייע חברטע און פריינט — מיין פרוי ביולאַ.

(עס האָבן זיך דערהערט שטאַרקע אַפּלאַדיסמענטן. בערג האָט אויפגעהויבן די האַנט און עס איז ווידער געוואָרן שטיל). זי נעמט אָן אונדזער סטאַ־טוס און מיט דעם ווערט זי אָן אייגענע, איינע פון אונדז. איך באַגריס זי מיט איר אָנקומען.

עס האָבן ווידער אויסגעבראָכן שטאַרקע אַפּלאַדיסמענטן. מערי האָט אַ כאַפּ געטאָן ביידע האַנט און געדריקט זי זייער שטאַרק; מיסעס אַקער־מאַן האָט איר נאָכגעטאָן און נאָך אַ פּאָר אין דער הינטערשטער ריי האָבן זיך אויפגעהויבן און געשטרעקט זייערע הענט, ביז עס האָט זיך ווידער דערהערט דאָס קלינגען פון גלעקל און עס איז ווידער געוואָרן שטיל.

שולנער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט איבערגעלייענט די טאָג־אָרדענונג; דערנאָך האָט ער איבערגעלייענט דעם פּראָטאָקאָל פון דער פרי־ערדיקער זיצונג; דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן די פּאַרהאַנדלונגען פּונקט נאָך פּונקט. די אָנגעווייטיקטע פראַגן וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין די לעצטע צוויי וואָכן. עס זיינען אָריינגעקומען אין "ראַטקאָם" רעקאָמענדאַ־ציעס, אָנפראַגן און אָנקלאַגעס. דער פּאַרמער זעלצער האָט רעקאָמענדירט אָפּצוקויפן זעקס קי וואָס דער שכנהשער פּאַרמער דזשאַנסאָן האָט געוואָלט פּאַרקויפן (די ענטשיידונג פון דער פראַגע איז איבערגעגעבן געוואָרן צום "ראַטקאָם"); דערנאָך האָט לאה אַקערמאַן גענומען דאָס וואָרט. אָנ־גע־הויבן האָט זי, ווענדענדיק זיך צום "ראַטקאָם", אָבער מיטאַמאָל האָט זי זיך אַ דריי געטאָן צו דער פּאַרזאַמלונג, אַנגעשפּאַרט די הענט אין די קלוי־בעס און גענומען ריידן הויך, מיט דעם אויטאָריטעט פון איינער אויף וועמ־מעס פּלייצעס עס איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אַ גרויסע מיסיע; אויף איר און אויף מיסעס... חברטע שינדל און אויף מיסעס.. חברטע כייפעץ ליגט די גאַנצע פּאַראַנטוואָרטליכקייט פון דער טאָג־טעגלעכער באַלעבאַטיש־קייט.. פּאָדערט זי: ערשטענס, מ'זאָל זיי ניט קאָרמענען מיט צוזאָגכצן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן די נייטיקסטע זאַכן; שוין צוויי וואָכן, אַז זיי האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט ,אַז אין סקלאַד, וואו ס'שטייט דאָס מעל און דער צוקער, און די גרויפּן און די אַלע איבעריקע פּראָדוקטן, — אין דעם סקלאַד האָבן זיך זאַנאַדעט מייז און טשורעס און ביז היינטיקן טאָג האָט מען נאָך ניט געקויפט די צוגעזאָגטע בלעכענע קעסטלעך אין וועלכע מ'זאָל קאָנען האַלטן אַלע פּראָדוקטן. ווען זי קען נעמען אַ געוויסע... חברטע און צעשניידן זי אויף שטיקלעך און געבן עס צו די מייז, וואָלטן זיי זיך זיכער פּאַרסמט און געפּיגערט... (עס האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער אין איין זייט און אַ פּראָטעסט פון דער צווייטער זייט). שולנער האָט זיך אויפגע־הויבן און גענומען קלינגען מיטן גלעקל. בערג האָט שטיל און מיט ערנסט־קייט געווענדעט זיך צו מיסעס אַקערמאַן און געזאָגט, אַז אין דער קאָלאָניע טאָרן ניט גענוצט ווערן אַזעלכע אויסדרוקן און אין אַלגעמיין דאַרף

דאָ הערשן אַן ערלעכע חברשע אַטמאָספערע. מיסעס אַקערמאַן האָט זיך נים פאַרלוירן, געקוקט אַרום זיך מיט נצחון און פאַרטגעזעצט: מ׳דאַרף אויס־ראַטן די מייז, ערשטנס; צווייטנס — זי ווייסט, אַז אייניקע פון די חברטעס האַלטן באַ זיך באַהאַלטן פּרעסלס אין דער צייט, ווען פאַר דער אַרבעט איז פאַראַן בלויז צוויי פּרעסלס און דאָס אויך צובראָכענע.. מיסעס שינדל האָט, נעבעך, נעכטן געקראָגן אַ ״שאָק״ און אויסגעבלאָזן די פּיוזעס. זאָלן די מעמבערס אָפּגעבן דער קאָלאָניע אַלע פּרעסלס מ׳זאָל האָבן מיט וואָס פּרעסן דאָס אונטערוועש טאָקע צוליב זייערוועגן. דריטנס — ס׳איז פּאַס־קודנע! פּע! מיסעס שינדל גייט שוין אַרום דריי טעג מיט אַ געשוואָלענער באַק. היינט האָט מען זי באַדאַרפט מיטנעמען צו דער סטאַנציע צו אַ דענ־טיסט און מ׳האָט פאַרגעסן... און דאָס איז אַלעס וואָס זי האָט געהאַט דאָס מאָל צו זאָגן

נאָך מיסעס אַקערמאַן האָט גערעדט כייפעץ. מ׳דאַרף נייע שינעס צו איינעם פון די טראַקס, און מ׳דאַרף אַ פּעסל אויל, וואָרן דער אויל איז שוין אויפ׳ן סאַמע דנאָ. און זעלצער האָט גערעדט וועגן די דאַזיקע, וואָס מאַכן זיך קראַנק, וועלכע זיינען, ווי חבר קרופּקין רופט זיי ״סאַבאָטאַזש־ניקעס״. און ווען אַלע טענות און אַלע פאַרשלאָגן און אַלע פונקטן זיינען דערנאָך איינער נאָך דעם צווייטן געלייזט געוואָרן, אָדער איבערגעגעבן געוואָרן צום ״ראַטקאָם״ און עס זיינען מער קיין געשעפטס־פונקטן נים פאַרבליבן האָט דער ״דאָקטאָר״ געבעטן דאָס וואָרט און האָט מיט אַן ערנסט פייערלעכן טאָן גערעדט וועגן בראָדערזאָנען און וועגן זיין ביבליאָטעק, וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן דער קאָלאָניע און ער האָט פאַרגעשלאָגן, אַז די ביבליאָטעק זאָל אָנגערופן ווערן ״בראָדערזאָן ביבליאָטעק״. דער פאָר־שלאָג איז אָנגענומען געוואָרן מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן.

צום סוף האָט גערעדט בערג. זיינע אויגן האָבן געלויכטן מיט באַ־זונדערער צופרידנקייט. ער האָט אָנגעהויבן ריידן שטיל, ווי וועלנדיק מיט זיין טאָן איינשטעלן אַ היימישע און ברידערלעכע רואיקייט און זיינע ווערטער, פאַרפלאָכטן מיט אַביסל הומאָר, האָבן איינגעשטעלט אַ באַלאַנ־סירטע שטימונג צווישן די פאַרזאַמלטע. אַוודאי, האָט ער געזאָגט, וועט מען באַטראַכטן יעדע קלאָגע, יעדן פאַרשלאָג און אַלץ וועט באַזאָרגט ווערן און קיינער וועט נים עקספּלואַטירט ווערן. און פאַרשטייט זיך אַז יעדער איינער פילט די אַחריות און נעמט זיך צום האַרצן סיי די קלייניגקייטן, און סיי די וויכטיקע פּראָבלעמען, — נו, איז גוט אַזוי. אָט אַזוי זיינען אַלע פּיאָנערן, אָט אַזוי איז די מענשהייט, אין אַלגעמיין; ווייל, אַז מ׳וויל, איז אָט די דאָזיקע קאָלאָניע דער סימבאָל פון יידישן לעבן, און יידישן פאָלק, וואָס שטרעבט צו עפּעס אַן ערלעכן, רואיקן שלום־לעבן, אין וועלכן עס זאָל הערשן גערעכטיקייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. יאָ, זי איז סימבאָ־

ליש די קאָלאָניע. ווייל זי פּאַרטרעט כמעט אַלע שיכטן פון דעם יידישן לעבן, ווייל עס זיינען דאָ פּאַרטראָטן אַלע — סיי די אינטעליגענציע, סיי דער לופט-מענטש, סיי די פּראָפעסיאָנאַלן (אַ קוק געטאָן אויף דעם "דאָקטאָר") און סיי די קונסט און די ליטעראַטור (געוואָרפן אַ בליק צו ביולאַן און צום דיכטער ראָזענבלום); יאָ, עס זיינען פאַרטראָטן אַנאַרכיסטן, ציוניסטן, קאָמוניסטן און ווער ניט? — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, — און אַלע צעזאַמען אַ קאָלעקטיוו, אַ סימבאָלישער קאָלעקטיוו, מיט אַן אידייע... און אין דערזעלבער צייט איעדער איינער באַזונדער מיט זיינע אינדיווידועלע עמאָציעס, געדאַנקען און פּראָבלעמען; איעדער מיט זיינע שטרעבונגען — דערווילע, ליידער, נאָך ניט גענוג דערהויבענע און נאָך ניט אינגאַנצן פאַראייניקטע. עס פילט זיך נאָך צעריסנקייט, די אָפּגעזונדערטקייט, עס וועט אָבער קומען אַ צייט און דער גייסט פון אייניקייט וועט זיגן.

ער האָט פאַרענדיקט אונטער באַגייסטערטע אַפּלאָדיסמענטן און איז אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרמע מיט אַ שמייכל, וואָס האָט געלויכטן מיט גלויבן.

ס'איז שוין געווען אַרום עלף אַזייגער. אינדרויסן איז פּלוצים געוואָרן אַ שטורם. עס האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט די קאָלאָניסטן אַרומזעצן זיך אַרום דעם טיש. עס האָט זיך שוין אַזוי געפירט: נאָך די מיטינגען פלעגט מען סערווירן טיי און לעקאַך און מ'האָט זיך דורכגעשמועסט אַן צערעמאָניעס, היימישלעך. און ווייל דאָס מאָל איז געווען אַ יום טוב, האָט מען אָנגעשטעלט די ראַדיאָ און מ'האָט געכאַפּט אַ טענצל, ס'איז געווען פרייליך אויף דער נשמה. מ'האָט געפילט אַז מיט "איר" אָנקומען וועט דער באָדן זיכער ווערן פעסטער אונטער בערגס פיס, און נאָך אַלעמען, האָט מען דערוויילע באַוויזן, אַז וואו ס'איז דאָ ווילן און ענערגיע, דערלעבט מען צו זען פרוכטן. אָט זעט מען שוין כמעט אויף די פעלדער די פרוכטן פון דער מיה, וואָס יעדער איינער לייגט אַריין. ס'איז גוט... ס'איז באָדן, ס'איז מי און פּראַצע, און פריי, אָן פּאַראַזיטעריי.. אַי, מענטשן זיינען פאַרשיידן, אַי, דאָ און דאָרט זיינען נאָך פאַראַן אומצופרידענע און מ'רייסט זיך נאָך... (פע! מיסעס אַקערמאַן האָט ניט געטאָרט אויסדריקן זיך אַזוי..) נו באַנאַרישט מען זיך אַמאָל . . .

אַזוי האָבן זיך ווי כוואַליעס געהוידעט די רייד און די שטימונגען — אַראָפּ, אַרויף, אַרויף, אַראָפּ . . .

באַ די טישן זיינען געזעסן כמעט אַלע. בערג און ביולא אויבנאָן. לעבן ביולאַן — דער "דאָקטאָר", דערנאָך קרופּקין, דערנאָך שולנער, בראָדערזאָן, מערי, זעלצער, שטערנטאַל רויזענבוים און אַזוי ווייטער: מ'האָט געטרונקען טיי, מ'האָט געגעסן לעקאַך, און ניס, און פרוכטן און מ'האָט געלאַכט און געשטיפּט. און אינדרויסן איז דער שטורם געוואָרן שטאַרקער. אַ רעגן? גוט! נישקשה! ס'איז אַ ברכה מ'דאַרף אים . . .

בערג האָט זיך אויפגעהויבן, ענטשולדיקט זיך פֿאַר ביולאַן און גע־זאָגט אַז ער וועט אינגיכן צוריקקומען.

אַרויסגעגאַנגען, געבליבן שטיין אויף די טרעפּ. אַ בליץ האָט אַ בלענד געטאָן מיט זיגזאַגן און אַ דונער האָט ערגעץ אַ קראַך געטאָן. מיט שנעלע טריט האָט ער זיך געלאָזט גיין צום הויז נומער צוויי, וואו ביטריס האָט געהאַט איר צימער. ס'איז באַ איר געווען ליכטיג. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין איר טיר. אַ ווײַלע איז געווען שטיל. האָט ער ווידער אָנגעקלאַפּט. דאָס מאָל האָט זיך ברייט צעעפֿנט די טיר און ער האָט דערזען ביטריסן ווי זי שטייט, צוימענדיק קוים איר כעס.

— כ'האָב געמיינט ס'איז... קרופּקין. וואָס ווילסטו?

— קאָן איך אַרייַנקומען? — האָט ער געפֿרעגט.

— קאַמיש צו הערן אַזאַ פֿראַגע פֿון דיר. אַוודאי, מעגסטו אַרייַנ־קומען.

— פֿאַרוואָס ביסטו ניט געקומען צום מיטינג? — האָט ער געפֿרעגט.

— כ'האָב ניט געוואוסט, אַז ס'איז אַ מיטינג. כ'האָב געמיינט ס'איז אַ חתונה און צו דער חתונה האָסטו מיך ניט געבעטן. חוץ דעם האָסטו דאָך זי, דייַן ביולאַן . . .

— איך האָף, אַז איר וועט ווערן פֿרייַנט.

— ניט קיין שונאים, אָבער זיכער ניט קיין פֿרייַנט. — האָט זי גע־ענטפֿערט ענטשלאָסן און קאַלט.

— מ'טאָר ניט זיין אַזוי, ביטריס, — האָט בערג צאַרט אַרויפֿגע־לייגט זייַן האַנט אויף איר אַקסל. — דו האָסט דאָך געוואוסט און דו האָסט דאָך שטענדיק אַלײן געזאָגט, אַז אונדזער פֿרייַנטשאַפֿט איז ניט קיין שקלאַ־פֿישע און טאָר ניט און דאַרף ניט פֿאַרבונדן ווערן מיט היפּאָקריטישע קנופּן . . .

— איך האָב באַדאַרפֿט הייסט עס, פֿאַרשטיין, אַז איך בין בלויז אַ גאַסט ביי דיר אין האַרצן. — האָט זי פּרובירט ריידן רואיק.

— אַ גאַסט — איז אמת, אָבער אַן אָנגענעמער, גוטער גאַסט, וואָס ווערט אַ פֿרייַנט. דו באַ מיר און איך באַ דיר. אַזוי זייַנען מיר, מענטשן... יע־דער נייַער גאַסט באַ אונדז אין האַרצן ברענגט מיט זיך אַ מין נייַעם אַראָ־מאַט, אַ נייַעם שמייכל, אַ נייַעם בליק און אַ ניי וואָרט

— און מייַן בליק און מייַן וואָרט איז שוין אַלט מסתמא.

— ניט אַלט, אָבער עס מוז ניט זייַן און בלייבן אויסגעברענט ווי מיט אַ פֿייַערדיק אייַזן, ניט דייַן וואָרט און ניט מייַן וואָרט. אויב עס בלייבט אָבער די חברשאַפֿט, די פֿרייַנטשאַפֿט ,איז גוט אַזוי. דאָס איז, אייגענטלעך, דאָס ערלעכסטע, דאָס שענסטע, וואָס דאַרף זייַן און בלייבן צווישן מענטשן, ווען עס קומט די צייַט . . .

— צו שיידן זיך??

— ניין, ניט צו שיידן זיך, נאָר צו... באַהעפטן זיך מיט עפּעס נייעם אין לעבן, מיט נייע עמאָציעס, מיט נייעם אינטערעס, מיט דעם אַלעמען, וואָס באַנייט דעם גייסט פון מענטשן, ווי עס באַנייט זיך דער צווייט אויף דיביימער יעדן פרילינג.

— איך ווייס און פאַרשטיי, אַז ערגעץ וואו ביסטו געקרענקט... אָבער עפּעס זאָגט מיר אונטער און עס דאַכט זיך מיר, אַז... ערגעץ איז דער אמת פאַרפּלאָנטערט. ביסט אָפנהערציק מיט מיר אָבער ביסטו טאַקע זיכער, אַז אין אָט דער דאָזיקער אָפנהערציקייט דיינער ליגט ניט אויך... גרויזאַמקייט? אמת, מ'דאַרף ניט זיין אַ היפּאָקריט און מ'טאָר ניט זיין פאַרשקלאַפט איינער צום צווייטן אָבער... דאָס וואָס איך בין אַזוי צוגעוואוינט געוואָרן צו דיר, וואָס איך האָב דיך אַזוי ליב באַקומען, — דאַרף איך דאָס אַלעס אויסרייסן?... איז דאָס טאַקע אַזוי מענטשלעך ווי מיינסטו?

— אַוודאי קאָן מען ניט אויסרייסן קיין געפיל פון האַרצן, ביטריס— האָט ער געענטפערט. — מ'קאָן אָבער די ליבע פאַרוואַנדלען ווי איך האָב געזאָגט — אין פריינטשאַפט, אין פריינטשאַפט מוז אויך זיין ליבע, ביט־ריס. און ליבע מוז זיך ניט אויסדריקן בלויז אין שטורעם... פון בלוט. עס איז געוועזן דער שטורעם און שוין. עס קאָן זיין פריינטשאַפט, אפילו אַן עמאָציאָנעלע פריינטשאַפט, וואָס זאָל באַפרידיקן און לייכטן דאָס גאַנצע לעבן ווי אַ וואַרעם פייערל . . .

— האָסטו איר דערציילט וועגן מיר? —

— דערציילט.

— וואָס זאָגט זי.

— זי איז אינטעליגענט און פאַרשטייט.

— דאָך... דיינק איך, אַז ערגעץ איז דאָך פאַראַן עפּעס אַזאַ מין נישט־געשריבענער געזעץ, וואָס הייסט "רעכט" און אָט דיזאָזיקע רעכט אויף דיר האָב איך פונקט ווי זי.

— ניין ביטריס, לאָמיר זיך ניט נאַרן. — האָט ער געוואָלט זי זאָל אים פאַרשטיין טיפער. — מיר האָבן דאָס רעכט צו פאָדערן אָפנהאַרציי־קייט, ס'איז אָבער אוממעגלעך און אומנאַטירלעך צו פאָדערן רעכט אויף ליבע. דו וועסט דאָך ניט וועלן פאָדערן דיין רעכט, ווי דו רופסט עס, אויף מיינע טעג און מיינע יאָרן? אַזאַ ליבע וואָלט דאָך, אַן צווייפל, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין האַס.

זי האָט זיך שטיל צעוויינט. געבליבן שטיין מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ ווי אַן אויסגעלאָשענע; אויסגעדרייט זיך פון זיינע הענט און אַ וואַרף געטאָן זיך אויפן בעט. איינגעגראָבן דאָס פּנים אין קישן.

— וויין ניט ביטריס. האָט בערג געזאָגט. — עס זיינען נאָך פאַראַן

אַזוי פיל פייערלעך אין לעבן.

זי האָט ניט געענטפערט. איז ער געשטאַנען נאָך אַ ווײַלע. געוואוסט אַז ס'איז נוצלאָז זיין רעדן. האָט ער אַ פיר געטאָן מיט דעם האַנט איבער איר קאָפּ און איז אַרויסגעגאַנגען.

די נאַכט האָט ווידער אַ בלענד געטאָן מיט ליכטיק־בלויע זיגזאַגן, שווערע טראָפּנס רעגן האָבן אָנגעהויבן פאַלן. צום ערשטן לאַנגזאַם, דער־נאָך שנעלער און שטאַרקער.

עס האָט גערעגנט אַ גאַנצע נאַכט. פאַרטאָג אָבער איז די זון אַרויס־געשוואומען פון לייק אַ ליכטיקע און שיינע ווי אימער. דער הימל האָט זיך איינגאַנצן אויסגעלייטערט און געבלענדעט מיט ליכטיק בלויער טיפקייט. פון ווייט, ווייט האָבן צוויי וואָלקנדלעך ווי ווייסער זילבערנער פוך געקוקט אויף דער אויפגייענדיקער זון און ווי געצויגן זיך צו איר אָנצוואַרעמען זיך. עס האָט נאָך געשמעקט מיט רעגן און ס'האָט זיך געטראָגן דער ריח פון גרינוואַרקס.

ס'איז געווען שטיל.

די זון איז אַ רונדע און אַ פייערדיקע געשטיגן פון דעם לייק און גע־וואָרפן איר רויטן שמייכל אין די פענצטער פון בערגס צימער.

בערג האָט ליב געהאַט אויפגעוועקט צו ווערן פון דער זון. ס'איז געווען גוט צו ליגן אַזוי אַזאויסגעצויגענער אויפן בעט און פילן, ווי עס בלאָזט דאָס ווינטל דורך דעם אָפענעם פענצטער, פילן ווי עס קאַטשעט זיך אויף דער נאַקעטער ברוסט און שפּילט זיך באַ די נאַקעטע פיס.

דאָס מאָל, ווען בערג האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער פאַרגעסן אָן דער זון. ער האָט דערפילט לעבן זיך אַ וואַרעמקייט, און דער געדאַנק האָט אַ שלאָג געטאָן מיט אַ כוואַליעדיקער פרייד: דאָס איז דאָך ביולאַ, ביולאַ, ביולאַ... ביולאַ איז לעבן אים. עס ליגט לעבן אים זיין ווייב, זיין שיינע ווייב. פון אירע ליכטיג־בלויע זיידענע פאַדזשאַמעס זעען זיך אַרויס אירע נאַקעטע הענט, איר ענטבלויזטער אַקסל. זי שלאָפט נאָך. אי־רע לאַנגע שוואַרצע וויעס ציטערן און די רויטע ליפּן זיינען האַלב אָפן און ער זעט אירע גלייכע, ווייסע, אַזעלכע ווייסע ציין.

ער האָט מורא געהאַט אַ ריר צו טאָן זיך. זיי זיינען אַזוי שפּעט אַנט־שלאָפן געוואָרן. ער געדענקט אַפילו ניט ווי אַזוי. אַט אַזוי, ביידע אָוועקגע־טראָגן געוואָרן, צעגאַנגען געוואָרן אין שלאָף. איצט קוקט די זון אַריין. אַ־אַ!.. וויזט זיך אים שמייכלט די זון.. אַ־אַ! שמייכלט ער אויך. ס'איז, אים גוט. ער ליגט אַזוי אויסגעצויגן און רירט זיך ניט.

עס איז נאָך סיי ווי צו פרי אויפצושטיין. עס סווישטשען פייגעלעך. דאָס סווישטשען זייערס אין בלויען פאַרטאָג און די שפּיל פון ליכט און

שאָטן וועקט אין אים שטענדיק אַ געפיל פון טרויער און זיסקייט, פון אָר־מעט און פרייד, פון געזאַנג און טריבקייט... דאָס פלאַטערן אַרום אים און אין אים די בלויע פליגל פון דער פאַרשוואונדענער נאַכט און די ווייסע פליגל פון דעם קומענדיגן טאָג

ער וואָלט געוואָלט, אַז אויך ביולאַ זאָל זען די אויפגייענדיקע זון און הערן דאָס סווישטשעריי פון די פייגעלעך... זי וועט עס נאָך זען, און זי וועט עס נאָך הערן. היינט זאָל זי שלאָפן.

מיט דעם שטייגן פון דער זון, האָבן זיך די שאָטנס אין צימער פאַר־רוקט אין די ווינקלען.

ביולאַ האָט געעפנט די אויגן. האַלב פאַרשלאָפן און פאַרוואונדערט געקוקט אויף אים. צוגעטוליעט זיך צו אים אַ שמייכלענדיקע און ווידער פאַרמאַכט די אויגן. דער פרימאָרגן איז געווען גאָר אַנדערש ווי אַלע פרי־ערדיקע פרימאָרגנס אין איר לעבן.

און ווען זי האָט ווידער איינגעדרימלט האָט זיך בערג שטילערהייט אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום פענצטער. אויך פאַר אים איז דער פרי־מאָרגן געווען אַ באַזונדערער און ער האָט עס געזאָגט דער זון, געזאָגט עס דעם בלויען כוואַליעדיקן לייק, געזאָגט עס צו די סוויסטשענדיקע פייגע־לעך, געזאָגט עס מיט איין וואָרט — ביולאַ.

ער האָט זיך אָנגעטאָן, געלאָזט ביולאַן שלאָפן און איז אַרויס פון צימער. עפענענדיק די טיר האָט ער דערזען מערין. זי איז גראַדע אַרויס פון איר צימער אין דערזעלבער צייט מיט בערגן, און דאָס ערשטע וואָס זי האָט געפרעגט איז געווען וועגן ביולאַן. אַך ,אַזאַ טייערינקע, — האָט זי געזאָגט און געזוכט בערגס בליק. בערג, האָט זי געזאָגט, וועט דאָך, מסתמא, זיין פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג, וועט זי שוין זען אַז ביולאַ זאָל ניט זיין אַליין. זי וועט שוין זען איר אַרויסהעלפן מיט וואָס ס׳איז נייטיק און זי וועט איר אויך ווייזן די קאָלאָניע, אויב ער האָט גאָרנישט דאַגעגן, פאַרשטייט זיך. ער האָט נאָר אַ שמייכל געטאָן און אַ קוק געטאָן אויף איר מיט זיין אָפענעם בליק. ער וועט שוין היינט, מסתמא, אַליין אַכטונג געבן אויף איר. און אַרויסגייענדיק פון הויז האָט ער אַ טראַכט געטאָן אַז... ווער ווייסט צי זי וועט זיך קאָנען אַקלימאַטיזירן דאָ צווישן די נייע מענטשן און מיט די נייע אומשטענדן און פליכטן. און אַ מין פאַרדרוס אויף עפעס און אַ צוויפל און אַ מורא פאַר זיך, פאַר איר און פאַר דעם אַרומיקן זיינען ווי שוואַרצע פייגל אָנגעפלויגן אויף אים. אפשר האָט ער עס צו פיל גלויבן אין זיך און אין די מענטשן אַרום... אפשר איז ער אַ צו גרויסער אָפּטימיסט? די שטימונג האָט אָבער געדויערט בלויז אַ רגע. דאָס ברייטע פעלד און די וואַרעמע זון האָבן געגאָסן דעם אָפּטימיזם אין זיין האַרצן און געצויגן צו זיך.

הײַנט גראַדע איז פאַר אים פאַרגעשטאַנען אַ טאָג פון אַרבעט: ערשטנס האָט ער באַדאַרפט זען, אַז כײַפעץ זאָל נעמען מיסעס שײַנדל צו דער סטאַנציע צו אַ דענטיסט און ער זאָל שוין אין דערזועלבער צײַט אויסגעפינען די פרײַז פאַר צווײ נײַע שינעס צום טראַק, ווי אויך די פרײַז פון אַ פעסל געזאַלין און אַ פעסל אויל און ער זאָל שוין טאַקע קויפן אַ ליידיקע פאַס וואָס איז נײטיק פאַר דער אָסאָניזאַציע.

בערג האָט אויך אַ טראַכט געטאָן, אַז ער וועט דאַרפן איבעררײדן מיט קרופּקינען און פאַררופן אַ מיטינג פון "ראַטקאָם" אויף פאַרנאַכט צו באַטראַכטן דעם פּלאַן וועגן קויפן די קי פון דזשאַנסאַנען און אין דערזעלבער צײַט דורכשמועסן זיך וועגן קריגן אַן הלואה אין דער באַנק. דאָס אַלעס האָט בערג באַדאַרפט באַזאָרגן. עס האָט אים אָבער ווייניק געקימערט. ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער גייט ניט, נאָר עפּעס טראָגט אים אין דער לופטן ליכט און שפּילעוודיק. און ניט נאָר ער, דאַכט זיך אים, פילט אַזוי. פון די מענטשן אַרום אים שפּרודלט אויך מיט פרייד און עס שפּריצט מיט ליכט פון זייערע אויגן, און ברייט איז דער שמייכל אויף זייערע ליפּן. האָט ער פאַרשטאַנען: אַט מיט דער פרייד און מיט דעם שמייכל זאָגן זיי אים דאָס, וואָס זיי קאָנען ניט און שעמען זיך אַרויסצוזאָגן מיט ווערטער. ס'איז אַ יום־טוב ביי אים, ווילן זיי אים וויַיזן, אַז אויך זיי פילן עס, אַז דער יום טוב איז אויך זייער יום טוב. מ'רעדט וועגן דעם רעגן; מ'רעדט וועגן דעם ניט צעאַקערטן שטיק ערד, וואָס מ'האָט איבערגעלאָזט איינצופלאַנצן ביימער; מ'רעדט וועגן דער צוקונפטיקער היינער פאַרם, אָבער קיינער זאָגט ניט וואָס ער טראַכט, ווען ער קוקט אין בערגס אויגן. און ער, בערג ווייסט, אַז יעדער איינער טראַכט וועגן אים און ביולאַן. טראַכט אַז אין דערדאָזיקער נאַכט איז ער, בערג געשלאָפן מיט אַזאַ שײַנער, מיט אַזאַ וואונדערבאַרער פרוי. אַז אין דער נאַכט זיינען זיי דאָ אָפּיציעל, פאַר אַלעמען געוואָרן מאַן און ווייב. קיינער רעדט ניט אָבער וועגן דעם, מ'שמייכלט אָבער. און מיט דעם לאָזט מען אים וויסן, אַז ס'איז טאַקע יום טוב, אָבער רעדן מיט אים וועגן דעם — דאָס ניט. זיי האָבן צופיל רעספּעקט פאַר אים צו קיבעצן...

הײַנט גייט מען ניט אין פעלד אַריין. די אַרבעטער, וועלכע מען האָט געדונגען אַרויסצוהעלפן אין דער אַרבעט, האָבן נאָך נעכטן אין אָוונט פאַרלאָזט די קאָלאָניע. זיי האָבן צוגעזאָגט אומצוקערן זיך צום שניט און זיינען אָוועקגעגאַנגען מיט דער מיינונג, אַז די קאָלאָניע האָט אַ צוקונפט און זי קאָן זיך צעוואַקסן, אויב... דעם "אויב" האָבן זיי ניט פאַרענדיקט, אָבער קרופּקין וואָס האָט זיי אויסגעצאָלט דאָס געלט האָט לויט זייער שמייכל פאַרשטאַנען, אַז זיי גלייבן ניט אין יידישער פאַרמעריי, אין יידישער צוגעפּאַסטקייט צו ערד, איבערהויפּט עפּעס אַזעלכע מאָדנע יידן.

היינט האָט מען געקאָנט שלאָפן שפּעט, האָבן אייניקע געפעלט צום פרישטיק .די איינציקע וועלכע האָבן אָנגעהויבן דעם טאָג ווי אימער זיי־נען געווען ביטריס, דער "דאָקטאָר", קרופּקין און מיסעס אַקערמאַן.

אַרום עלף אַזייגער האָט בערג באַשלאָסן צוריקקערן זיך צו זיך אין צימער און זען צו ביולאַ איז שוין אויפגעשטאַנען. ער וועט זי נעמען עסן אָנבייסן, האָט ער געטראַכט, מיסעס אַקערמאַן האָט אים שוין געלאָזט וויסן, אַז היינט ספּעציעל האָט זי צוגעגרייט אָן אָנבייסן, אַז דער פּרעזידענט אַליין מעג אים עסן. היינט האָט זי אים צוליב געטאָן. ס'וועט זיין נאָר מילכיקס. קיין ברעקל פליייש ניט.

ווען ער איז צוגעקומען צו דער טיר, האָט ער דערהערט מעריס שטימע. ער האָט אָנגעקלאַפּט, און מערי האָט געעפנט אַ שמייכלענדיקע, אַ קוק געטאָן אויף אים שעלמיש און ביולאַ האָט זיך אַ האַלב אָנגעטאָנענע געלאָזט לויפן צום אַלקערל, וואו זי האָט גענומען אַרויפשלעפּן אויף זיך דאָס קלייד.

— נו איצט קאָן איך שוין גיין. — האָט מערי אַ זאָג געטאָן. — מיר וועלן זיך נאָך זען ביולאַ. איך וועל קומען העלפן. — און אַרויסגייענדיק האָט זי ווי אומגערן אָנגעשפּאַרט זיך אָן בערגן און ער האָט דערפילט איר לייכטן דרוק. — באַי באַי!...

ביולאַ איז געשטאַנען קעגן אים אין איר גרוי געפּאַסטן קלייד און געשמייכלט. ער האָט געקוקט אויף איר און ערגעץ אין מח האָט נאָך אַלץ געפּלאָנטערט זיך אַ פאַרוואונדערונג.

שטייענדיק קעגן אים האָט זי געוואַרט ער זאָל צוגיין צו איר און אַרומנעמען זי. ער האָט זי אָבער ניט אַרומגענומען. ס'האָט זיך אים אויס־געוויזן, אַז ס'וועט זיין אינגליש, אַז ס'וועט אויסקוקן מאָדנע. ער וואָלט זי ליבערשט אָנגענומען באַ דער האַנט און וואָלט מיט איר געגאַנגען איבערן פעלד, צום לייק. זי איז אָבער אָנגעטאָן אַזוי שיין. זי וואָלט אפשר באַ־דאַרפט זיין אָנגעטאָן אַנדערש. ער ווייסט ניט ווי אַזוי אנדערש, אָבער . . .

איר שמייכל האָט אים אַצי געטאָן האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט, צוגעדריקט צו זיך און דערנאָך אויפגעהויבן זי הויך, ווי ער וואָלט אויפגעהויבן דעם שענסטן און טייערסטן געשאַנק פון דעם גאָט פון ליבע. און זי האָט געלאָזט איר קערפּער ליגן פריי און אָן מורא אויף זיינע שטאַרקע הענט. און ווידער האָט ער זי צוגעדריקט צו זיך, און געטראָגן צום בעט, און אנידערגעלעגט זי לאַנגזאַם און פאַרזיכטיק, און אָנגעבויגן זיך איבער איר, און געקושט אירע פאַרמאַכטע אויגן און איר שטילן שמייכל. ביולאַ...

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין עס־צימער, זיינען שוין כמעט אַלע געזעסן באַ די טישן. פאַר זיי זיינען געשטאַנען אָנגעגרייט צוויי שטולן און ווען זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט, האָט זי געקוקט אויף אַלעמען אַ צעפרי־

דענע און אַ גליקלעכע. אַז די אַלע מענטשן אַרום, וועלכע האָבן נעכטן אין אָוונט אויסגעקוקט אַזוי פּראָסט און קאָמיש, און האָבן אַזוי געליאַרעמט, און האָבן אַזוי אומגעלומפּערט געטאַנצט, אַז די זעלבע מענטשן האָבן איצט אויסגעקוקט אַנדערש, היימישער, איבערהויפּט מיט די קינדערלעך אַרום. די שיינענדיקע זון האָט געגאָסן ליכט דורך די פענצטער און די ראַ־דיאָ האָט אין צווייטן צימער געשפּילט, ווי וואונדערבאַר געשפּילט, געבראַכט דורך דעם זעפיר צעטראָגן די צויבערנדיקע מוזיק. פון אַזעלכע ווייטע ווייטן קומען די זינגנדיקע פידלען אַהערצו צו דעם פעלד, אַהערצו צו די פּשוטע מענטשן. זי וועט זיין ווי אַ קעניגין פאַר זיי. זי וועט די קינדערלעך לערנען טאַנצן, זי וועט . . .

בערג האָט געקוקט אויף איר, ער האָט געזען, אַז זי טראַכט פון עפּעס, אַז זי טרוימט... און ווען זי האָט דערפילט זיין בליק האָט זי געקוקט אין זיינע אויגן לאַנג, לאַנג און אירע בליקן האָבן זיך פאַראייניקט מיט די טענער פון דער סימפאָניע און האָבן מיטגעזונגען.

מיסעס אַקערמאַן האָט איר צוגעטראָגן יעדער מאכל, און יעדעס מאָל געפרעגט צי די חברטע, מיסעס... בערג האָט עס ליב, צי די חברטע, מי־סעס בערג איז אויך אַ וועגעטעריאַנערקע; צי וועט די חברטע, מיסעס בערג קאָנען אפשר ווירקן אויף דעם דירעקטאָר, אַז ער זאָל אָנהייבן עסן פלייש. זיי האָבן דאָך היינט פאַר סאַפּער אַזעלכע גוטע קאָטלעטן . . .

און מערי וועלכע האָט געשפּילט פאַר ביולאַן די ראָלע פון דער אינטעלעגענטקע אין דעם "סבראַד", האָט באַ יעדער פראַגע פון מי־סעס אַקערמאַן געקוקט אויף ביולאַן און געקניפּט זי שטילערהייט. זי, מע־רי האָט זיך שוין געפילט גאַנץ היימישלעך מיט ביולאַן, און ווי די איבעריי־קע באַם טיש האָבן זיך דורכגעשמועסט, האָט זי אַריבערגעכאַפּט אַביסל די מאָס. וואָס האָט זי ניט קיין צייט. שוין טאַקע וויל זי ווערן מיט איר אַ גאַנצער פאַני בראַט. מע פאַרשטייט איר קעפּעלע, מע פאַרשטייט... איבער־הויפּט האָט עס ניט געקאָנט פאַרליידן מיסעס כייפעץ. זי האָט איר ניט פאַרגונען איר פעאיקייט צו צושאַרן זיך און גלייך פאַרבינדן אַ פריינט־שאַפט.

ביטריסעס אַריינקומען האָבן אַלע אויפגענומען מיט מאַסקירטער גלייכגילטיקייט. זי איז אַריינגעקומען מיט שנעלע טריט, ניט קוקנדיק אויף קיינעם און אַוועקגעזעצט זיך באַם צווייטן עק טיש, צווישן מיסעס בלאַק און מיסעס שאַפּיראָ. זי האָט זיך באַמיט צו זיין רואיק און אַ פּאָר מאָל אַפילו אַ שמייכל געטאָן. אָבער פון הינטער די אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט זי גע־שיקט בליקן ווי שפּיזן צו בערגן און צו ביולאַן און אַלץ בלייכער און בליי־כער איז געוואָרן איר פּנים.

ווען מ'האָט אָפּגעגעסן האָט בערג לאַווירט אַזוי, אַז ער מיט ביולאַן

זאָלן בלייבן שטיין לעבן ביטריסן. זי האָט זיך שוין אויך אויפגעהויבן פון טיש און געלאָזט זיך גיין צו דער טיר.

— ביטריס — האָט בערג אַ רוף געטאָן.

זי איז געבליבן שטיין און אַ קוק געטאָן כלומרשט פאַרוואונדערט.

— איך האָב דיך געוואָלט באַקענען מיט ביולאַן — האָט ער געזאָגט — איך האָף אַז איר וועט זיין גוטע פריינט.

—אהה, זעהר אנגענעם, — האָט ביטריס געזאָגט מיט אַן איבערגע־טריבענער העפלעכקייט, אָבער ניט אויסגעהאַלטן די ראָלע און גלייך צו־געגעבן מיט אַן איראָנישער מינע: נו, ווי געפעלט איך דאָ צווישן די פאַר־מער, מיסעס... בערג?

—אַ דאַנק. עס געפעלט מיר. —האָט ביולא אַ שמייכל געטאָן.

— נו, ענטשולדיקט, איך דאַרף איצט גיין, — האָט ביטריס איילנדיק געזאָגט — מיר וועלן נאָך האָבן דאָ די געלעגנהייט צו באַקאַנען זיך בעס־טער, מיסעס... ביולאַ.

— איך האָף אַזוי.

ווען זיי זיינען געבליבן אַליין, האָט ביולאַ אַ קוק געטאָן אויף בערגן:

— דאָס איז זי?

— יאָ.

ביולאַ האָט מער גאָרנישט געזאָגט. זי האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף אים און אַ שמייכל געטאָן, ווי איינער וואָס באַדויערט. און ער האָט ניט געוואוסט וועמען זי באַדויערט, צי אים, צי ביטריסן. ער איז אָבער גע־ווען צופרידן, וואָס די באַקאַנטשאַפט איז שוין פאָרגעקומען. ער האָט גע־וואוסט, אַז צווישן ביולאַן און ביטריסן וועלן נאָך פאָרקומען לייכטע צו־זאַמענשטויסן און די צוזאַמענשטויסן וועלן זיכער זיין פראָוואָצירט און אינסטיגירט פון ביטריסן. ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז דאָס קאָן מען ניט פאַרמיידן און ביולאַ מיט איר ראַפינירטקייט און טאַקטישקייט וועט דערוועקן דעם געהעריקן רעספעקט.

איצט האָט ער גענומען ביולאַן ארומפירן איבער דער קאָלאָניע און וויזן איר וואָס ס'איז געווען צו זען. און קוקנדיק אויף די הייזער, אויף די קאַמערן און אויף דעם גאַנצן אינווענטאַר אַרום און אַרום, האָבן זיי ביידע געטראַכט דעם זעלבן געדאַנק: אַז זי וועט דאָך אויך דאַרפן ווערן איצט איינע פון די האַרעפּאַשניקעס, איינע פון די דאָזיקע, וואָס טוען אַ טייל פון דער אַלגעמיינער אַרבעט. וואָס וועט זי דאָ קאָנען טון אין דער קאָלאָניע? אפשר טאַקע דאָס איינציקע: לערנען מיט די קינדער טאַנצן. דאָס אַליין וואָלט אָבער ניט באַרעכטיקט איר מיטגלידערשאַפט און וואָלט ניט געווען גענוג אויסצולייזן אירע פליכטן. זי וועט זיך אָבער צוגעוואוינען. די נאַטור אַרום, און דאָס נאָרמאַלע לעבן, די געזונטע שפּייז און דער אַלגעמיינער

קאָלעקטיווער גייסט פון שאַפן און דער באַוואוסטזיין, אַז זי שאַפט דאָ צו־זאַמען מיט בערגן אַ פּראָדוקטיוון באָדן פאַר זיך און פאַר די אַרומיקע, — דאָס אַלעס וועט זיכער וועקן אין איר די ענערגיע און דאָס שווערע וועט ווערן לייכט און דאָס גראָבע, דאָס ניט ראַפינירטע וועט ווערן נאַטירלעך ווי די ערד.

די געדאַנקען האָבן זייביידן אָנגעפילט מיט האָפנונג און פרייד. זיי זיינען צוריקגעקומען צו זיך אין צימער, געשטאַנען אַרומגענומענע באַם פענצטער, אַרויסגעקוקט און געשוויגן.

*

אונטער ביולאַס הענט איז בערגס צימער אינגאַנצן טראַנספאָרמירט געוואָרן. ער האָט עס ניט דערקאָנט. דאָס צימער, האָט זיך אים אויסגעוויזן, איז געוואָרן גרעסער און שענער. ביולאַס קאַסטנס האָבן געהאַלטן אין זיך אַן אוצר מיט זאַכן, וועלכע האָבן געשאַפן אַ באַזונדערע אַטמאָספערע פון אַרטיסטישקייט, דאָרט, וואו ס'איז פריהער געווען גרוי און אונהיימלעך. דאָס ערשטע, וואָס ס'האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, איז געווען דאָס בעט. ס'איז געוואָרן עפּעס נידעריקער און ברייטער, און ס'האָט אויסגעזען, ווי אַן אָטאָמאַנע, צוגעדעקט מיט אַ גאָלד־ברוינעם צודעק; באַ די פענצטער האָבן געהאַנגען פאָרהענגלעך און פאָרטיערן פון דעמזעלבן גאָלד־ברוינעם מאַטעריאַל; דער טיש... נישט אין דערמיט, ווי פריהער, נאָר באַ דער וואַנט; אויפן טיש בערגס ביכער און זשורנאַלן; איבערן טיש, צו־געקלאַפּט צו דער וואַנט ,האָט געהאַנגען אַ רוסיש־פּויערישער טעפּיך און באַם טיש איז געשטאַנען בערגס שטול. באַ דער צווייטער וואַנט זיינען גע־שטאַנען ביידע קאַסטנס, איבערגעדעקט מיט אַ געשטריקטן צודעק און אי־בער די קאַסטנס האָט געהאַנגען אַ שפּיגל אין אַ זילבערנער ראָם. דער דיל און די אויסגעוואַשענע פענצטער האָבן געבלענדעט מיט ריינקייט און אַרום האָט געשמעקט מיט אַ באַזונדערן גערוך, גלייך ווי אַלע זאַכן אין צימער האָבן געאָטעמט מיט פּאַרפיום.

מערי האָט זיך זייער באַמיט אַרויסצעווייזן ביולאַן איר פולע פריינט־שאַפט, און זי איז, טאַקע געווען דידאָזיקע, וואָס האָט אויסגעוואַשן די פענצטער אין צימער און דערביי האָט זי באַמערקט, אַז זי האָט עס שוין פון לאַנג געוואָלט טאָן. אמת, דאָ אין צימער באַ בערגן איז זי קיינמאָל נישט געווען, זי האָט אָבער פון דרויסן באַמערקט, אַז די פענצטער זיינען געווען אַזוי פאַרשטויבט, אַז ער האָט זיך געקאָנט באַגיין אפילו אָן פאָר־האַנגלעך. אַריינגיין צו אים און אָנבאָטן אויסוואַשן די פענצטער, האָט זי נישט געוואָלט. ער וואָלט עס אפשר אויסגעטייטשט אַביסל... אַנדערש, נאָך אַלעמען... בערג איז אַ מאַנסביל, און די מענער, נו.. (דאָ האָט זי צווידיי־

טיק אַ שמייכל געטאָן) מענער זענען זאַכן אַנדערש... נו, פאַרלאָזן זיך אויף מיסעס אַקערמאַן, אָדער אויף מיסעס שינדל... — עט! (זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט) זי פאַרשטייט גאָר נישט ווי אַזוי די מיס ביטריס לעווין, די לערערין, האָט נישט געהאַט געניג שכל צוצערוימען אַמאָל באַ בערגן. זי פלעגט דאָך יאָ אַריינקומען צו אים אין צימער... נאָך ביכער, מסתמא... (דאָ האָט מערי אַ קוק געטאָן פון די ווינקלען פון אירע אויגן אויף ביולאַן. ביולאַ האָט קוים אַ שמייכל געטאָן). אייגנטלעך איז זי ביטריס אַ וואוילע מיידל, אַביסל אין די יאָרן, מ׳קאָן עס שוין זען אין די קנייטשעלעך באַ די אויגן און באַ דעם מויל. אָבער... עפּעס איז פאַראַן אין איר, עפּעס אַזעלכעס גאַליקעס... זי איז דוכט זיך פאַרליבט אין בערגן — נאַרישע מיידל . . .

— בערג האָט מיר אַלעס דערציילט וועגן איר — האָט ביולאַ אַ קוק געטאָן אויף מערין מיט איר אָפענעם בליק.

— יע?! — האָט זיך מערי פאַרוואונדערט, און ביולאַ האָט געזען, ווי עס פינקלט באַ איר די נייגעריקייט צו וויסן, וואָס בערג האָט איר דערציילט וועגן ביטריסן. צי, טאַקע אַלעס, צי נאָר אַזוי פיל וויפל עס לוינט זיך זיי, די מענער, צו דערציילן.

אָבער ביולאַ האָט שוין ווידער געשמייכלט, און קוקנדיק אויף איר ווייכן, און האַלב־טריבן שמייכל, האָט מערי באַשלאָסן, אַז ביולאַ ווייסט פון גאָרנישט. ער האָט איר דערציילט מסתמא, אַזוי, ווי מענער קאָנען דערציילן, זי, מערין, קאָן מען נישט בלאָפן. זי איז אַ מבין אויף אַזעלכע זאַכן. זי האָט אַפילו עפּעס געזען און זי ווייסט אַפילו, פאַרוואָס ביטריס איז ניט געקומען אין יענעם אָוונט צום מיטינג, און זי ווייסט פאַרוואָס ביטריס גייט אַרום אַזאַ בלייכע און נערוועזע. און נישט נאָר זי ווייסט. מיסעס כייפעץ און מיסעס אַקערמאַן וויסן אויך עפּעס צו דערציילן. זי וועט נאָך אָבער געוואויר ווערן ביולאַ. אַזאַ זאַך איז ווי אַ קאַץ אין אַ זאַק... שווער צו באַהאַלטן . . .

— ס׳איז מאָדנע דאָ, אַ? — האָט זי אַ פרעג געטאָן, באַשליסנדיק נישט צו זיין צודרינגלעך און נישט איבערצוכאַפּן די מאָס.

— עס געוועגדט זיך ווי מ׳קוקט אויף דעם — האָט ביולאַ געענטפערט.

— יע... זיכער, — האָט מערי אַ שמייכל געטאָן, — עס געווענדט זיך אָן די אומשטענדן. אָט פאַר איך, שטעל איז זיך פאָר, דאַרף אַלעס אויסזען אינטערעסאַנט אַפילו. ווייל ביי איך איז עס פאַרבונדן מיט ראָמאַנס. אַנדערע אויף זייער האָניק חודש פאָרן אין די בערג, צי אין דעם יעלאָוסטאָן פּאַרק, נאָר... נו בערג, איז אַן אַנדער מין מענטש.. מיט אים קאָן דאָ אויך זיין אינטערעסאַנט גענוג. — און, אַרומקוקנדיק דאָס צימער,

דאָס בוך איז פון דער
איקוף ביבליאָטעק
און דיך יאַרס

האָט זי אַ זאָג געטאָן, אַז ס׳וואָלט געווען נישט מער ווי רעכט, ווען בערג נעמט די צוויי צימערן אין ״הויז נומער איינס״. נאָך אַלעמען איז ער דאָך דער דירעקטאָר, און איצט, ווען ער איז פאַרהייראַט, קומט אים אודאי אַ בעסערע וואוינונג. זי ווייסט, בערג איז זייער אַ געוויסנהאַפטער מענטש און ער וואָלט קיינמאָל ניט איינגעשטימט איינצואָרדענען זיך באַקוועמלעכער, ווי אַנדערע, אָבער איצט קומט עס אים. אין ״הויז נומער איינס״ וואוינען די בלאָכס, די אַקערמאַנס, און בערג איז באַרעכטיקט פונקט ווי זיי צו אַ באַקוועמער וואוינונג. זי רעדט שוין נישט וועגן זיך אַליין. זי האָט דוכט זיך איינגעצאָלט מער ווי אַלע איבעריקע. זי האָט אינוועסטירט דאָס גאַנצע געלט, וואָס זי האָט פאַרמאָגט. זי איז געווען גרין אין די ביזנעס, און, אַז זי האָט געזען, אַז ס׳פעלט געלט, האָט זי נישט געזשאַלעוועט. דעם אמת זאָגנדיק האָט זי עס געטאָן דערפאַר, ווייל זי האָט צוטרוי אין בערגן און אָט דעם צוטרוי האָט זי אים טאָקע געוואָלט אַרויסווייזן. און אַפילו דאָס צימערל דאָ האָט זי אויך גענומען דערפאַר, ווייל זי האָט באַשלאָסן, אַז ס׳וועט פאַר איר זיין אנגענעמער צו האָבן בערגן פאַר אַ שכן, איידער די בלאָכס. אָך, די בלאָכס... (זי האָט אַ מאַך געטאָן מיטביידע הענט), די סמעטענע פון דער געזעלשאַפט! ביז ניט לאַנג צוריק האָט זי נישט גע־האַט מיט וועמען אַפילו אַ וואָרט אַרויסצורעדן. דאָ די פאַרמעס, דאָרט די סטאָליערס, דאָרט דער שוסטער און דער באַרבער. די איינציקע מיט וועמען מ׳קאָן זיך ניט ווי ס׳ניט צונויפרעדן, זיינען די שאַפּיראָס, קרופּקין און די כייפּעצעס. ביטריס איז אַלרייט, אָבער... אַנטיפּאַטיש, נו, און די באַיעס דאָרט, וואָס זיינען געקומען פון פּאַלעסטינע, און דער רויזענבוים וואָס שרייבט לידער און וויל נאָר ריידן אידיש, זיי זיינען גלאַט אַזוי לײַנגווייליקע מענטשן. בלייבט דער ״דאָקטאָר״... איז ער גלאַט אַ משוגענער. מ׳וואוינט שוין דאָ דריי חדשים, האָט מען נאָך קיין איין איינציקע פּאַרטי נישט גע־מאַכט. לעקציעס אַליין זיינען נישט גענוג. און אַמאָל אַ טענצל מיט די פאַרמערס נאָך אַ מיטינג, איז אויך אפשר אינטערעסאַנט פאַר מיסעס בלאָך אָדער פאַר מיסעס אַקערמאַן. זי לעכצט נאָך עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל דער־מאָנען אין שטאָט און ראַפינירטער געזעלשאַפט. איז עס, אפשר, מוז זי זאָגן דעם אמת, בערגס שולד. ווייל בערג דאַרף פאַרשטיין, אַז מענטשן דאַרפן זיך אויך פאַרווײַלן, אַמוזירן. קיין טעאַטער איז דאָ נישטאָ, און קיין מואווי אויך נישט. האָט זי אים אַמאָל געבעטן, אייגענטלעך געגעבן נאָר אָנ־צוהערעניש, אַז ער זאָל זי מיטנעמען מיט זיך ווען ער פאָרט אין שטאָט פאַר ביזנעס, האָט ער זיך ביידע מאָל אויסגעדרייט פון אַ דירעקטן ענטפער.

— אפשר האָט ער מורא געהאַט מ׳זאָל נישט איבעררײדן וועגן דעם אין דער קאָלאָניע און ס׳זאָל דערנאָך נישט אָנקומען צו אייך — האָט זי געזאָגט האַלב שפּאַסיק און האַלב ערנסט.

— אַ ניין . . . — האָט ביולאַ געלאַכט, — בערג, דוכט מיר, האָט גלאַט פיינט מואוויס, מיך האָט ער אויך צו קיין מואוויס און אַפילו אין טעאַטער נישט גענומען.

— קיינמאָל נישט?! — האָט זיך מערי פאַרוואונדערט.

— קיינמאָל.

און פּונקט ווען מערי איז שוין געווען גרייט אַ פרעג צו טאָן ווי אַזוי ביולאַ האָט זיך באַקאַנט מיט בערגן, האָט בערג געעפנט די טיר און מערי האָט ווילנדיק נישט ווילנדיק, געמוזט אָפּלייגן און אויפהאַלטן איר נישט באַפרידיקטע נייגעריקייט ביז אַ צווייטן מאָל. עס האָט זי אָבער נישט געאַרט. די פאַרבינדונג מיט ביולאַן איז פאַרגעקומען, און זי האָט געוואוסט, אַז זי האָט מער שאַנסן ווי אַלע איבעריקע אין דער קאָלאָניע צו ווערן ביולאַס נאָענטער פריינט, צו געווינען איר צוטרוי, און אַזוי אַרום אויך די נאָענטע פריינטשאַפט און צוטרוי פון בערגן.

— נו, ביולאַ, דאַרלינג, — האָט זי זיך אויפגעהויבן. — איך האָב אייך שוין דאַכט זיך גענוג אָנגעדולט דעם קאָפּ. איך האָב שוין פון לאַנג בעדאַרפט גיין פרעסן דאָס גרייט מיט מיסעס שאַפּיראָ. איר הערט... איך אַ פרעסערין אויף דער עלטער! זי וועט שוין זאָגן, אַז איך בין אַ סאַבאָ־טאַזשניצע. נו, גוד־באַי, גוד באַי, דירעקטאָר, באַי־באַי.

— גוד באַי — האָט בערג געענטפערט.

ד.

עס איז געווען ערשט דער פערטער טאָג נאָך ביולאַס אָנקומען אין דער קאָלאָניע. בערג איז געווען באַשעפטיקט גאַנצע טעג, אָפט ביז שפּעט אין דער נאַכט, מיטאָגצייט פלעגט ער אָבער אַריינקומען צו זיך אין צי־מער און פאַרברענגען מיט ביולאַן, וועלכע האָט נאָך דערווייל ניט גע־אַרבעט און האָט נאָך ניט געהאַט אירע באַשטימטע פליכטן, ווי יעדער מיטגליד פון דער קאָלאָניע. זי איז לויט דעם "דאָקטאָרס" פאַרשלאָג, גע־ווען צוגעפּאַסט צו ווערן דערווײלע די אַסיסטענטקע פון דעם סעקרעטאָר שולנער און בערג האָט צוגעשטימט און האָט שוין אפילו געבראַכט איר אַ שרייב־מאַשין אויף וועלכן זי האָט געקאָנט אין דער פרייער צייט פּראַק־טיצירן.

ביולאַ איז אָבער ניט געזעסן ביי זיך מיט פאַרלייגטע הענט. נאָך דעם ווי זי האָט איינגעשטעלט דאָס צימער לויט איר געשמאַק, האָט זי זיך פאַראינטערעסירט מיט אַלע אַרבעטן און פליכטן פון די איבעריקע מיט־גלידערינס אין דער קאָלאָניע. זי איז געגאַנגען זען ווי מ'מעלקט די קי, זי האָט באַזוכט די וועשעריי. אָפטער איז זי געקומען אין קיך אַריין אַרויס־העלפן דער מיסעס אַקערמאַן און דער מיסעס כייפעץ, וועלכע זיינען גע־ווען די שטענדיקע פאַרוואַלטערינס פון דער קיך. און מיסעס אַקערמאַן

האָט איראָניש געשמייכלט, קוקנדיק ווי ביולאַ טוט אָן די לאַנגע גומענע הענטשקעס, נעמענדיג זיך צו דער אַרבעט.

און כאָטש די באַציאונג צו איר איז געווען אַ העפלעכע, דאָך האָבן אייניקע דערפילט עפּעס אַ מין בייזקייט צו איר און שטילערהייט דאָ מיט אַ וואָרט און דאָ מיט אַ בליק געמאַכט צו נישט איר שיינקייט, און איר האַלטן זיך, און איר ווייסקייט, וואָס זי האָט אַזוי אָפּגעהיט. און מיסעס אַקערמאַן, וועלכע האָט, אייגענטלעך, געשאַפן די „שטימונג, האָט זי גע־קרוינט מיט נאָמען "פּרינצעסע" און פּונקט ווי זי איז פריער געווען אָנ־געלאָדן געגען ביטריסן און ניט געקאָנט פאַרליידן איר גרויס־האַלטן זיך, פּונקט אַזוי האָט זי איצט פּלוצים רחמנות געקראָגן אויף איר, דער "פּאַר־פירטער מיידל", נעבעך, באַ וועמען מ'האָט אויסגענאַרט די לעצטע פּאָר סענט, און זי האָט אָנגעהויבן אַרויסצעווייזן איר, איר סימפּאַטיע, פון וועל־כער ביטריס האָט זיך אָפּגעטרייסלט מיט בייזקייט און מיט פאַראַכטונג.

זונטיק האָבן אַלע גערוט. איינער פון די ברידער בלושטיין האָט אַפילו פאַרגעשלאָגן, אַז אַזוי ווי די קאַלאָניע איז אַ יידישע, זאָל מען איינ־שטעלן שבת אַלס רו־טאָג; קיינער האָט אָבער ניט אָנגענומען זיין פאַרשלאָג, איז זונטיק, ווי מ'איז שוין געוואוינט געוואָרן, פאַרבליבן דער רו־טאָג.

דער פערטער טאָג נאָך ביולאַס אָנקומען איז געווען — זונטיק. דער טאָג איז געווען אַ וואָלקענדיקער, זיינען כמעט אַלע געווען באַ זיך אין די צימערן.

ביולאַ איז געלעגן אויף דער נידעריקער סטודיאָ־קאַנאַפּע, די הענט פאַרוואָרפן הינטערן קאָפּ, געקוקט מיט אַ שמייכל אויף בערגן און צוגע־הערט זיך ווי ער רעדט.

— . . . איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט, — האָט ער גע־זאָגט, — אַז דער געדאַנק וועגן אַ פרוי קאָן זיך איינוואָרצלען אין מיין לעבן, ווי עס וואָרצלט זיך איין אַ בוים אין דער ערד.

— זאָג דעם אמת, שעם זיך ניט — בין איך ניט דאָ אַ לאַסט פאַר דיר? — זאָט זי געפרעגט.

— שוין טאָקע? — האָט ער זיך צעלאַכט.

— ניין, איך מיין עס... האָסטו דען געטרוימט וועגן אַזאַ ווייב ווי איך. דיינקסטו טאָקע וועגן מיר ווי וועגן אַ חברטע, וואָס קאָן מיטאַרבעטן און מיטשאַפן מיט דיר אין דיין לעבן און אין דיינע אַספּיראַציעס?

—ווילסט איך זאָל לאַכן? — האָט זיך בערג ווידער צעלאַכט. — זעסט דען ניט ווי איך שטיי אויף יעדן פאַרטאָג מיט געזאַנג אין מיין ברוסט. און פאַרוואָס? ווייל מיין טרוים, און מיין לעבן, און דו זיינען אין מיר אַזוי האַרמאָניש... אָט ?דאָס פעלד, און דער באָדן, און דו — דער

שענסטער בוים אויף דעם באָדן. אַוודאי וועסטו זיין מיין חברטע און מיין אַרויסהעלפּערין. אָט אַזוי האָב איך עס אויסגעטרוימט און אַזוי ווערט עס פאַרווירקלעכט. אמת, צווישן די זאַנגען דאָ זיינען אויך פאַראַן ביטערע גראָזן... וועלן מיר זיי אַרויסרייסן צעביסלעך. אָבער עס פאָדערט זיך אַר־בעט און איבערגעגעבנהייט.

— איך האָב נעכטן געהאָלפן אין דער קיך, — האָט זי זיך דער־מאָנט צו זאָגן אים, — האָבן זיי שטילערהייט געלאַכט פון מיר, ווען איך האָב אָנגעטאָן גומענע הענטשקעס צו פאַרהיטן די הענט.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך בערג צעלאַכט.

— אָט דו לאַכסט אויך . . .

— איך לאַך, ווייל עס איז כאַראַקטעריסטיש.. — האָט ער געזאָגט — אָבער ווילסט מיך פאָלגן? טו ניט אָן מער די הענטשקעס. ס'איז אַזוי גוט צו קוקן אויף דיינע פינגער און איך האָב זיי שטענדיק באַוואונדערט, ווען איך האָב געזען ווי פלינק זיי פליען אויף די קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ. זיי וועלן אָבער נאָקעטערהייט ווערן אַזוי... מענטשלעך און שוועסטערלעך אין דער אַרבעט. דו מוזט ניט עקספּלואַטירן זיי און פאַרוואַנדלען זיי אין שוואַרץ אַרבעטער, אָבער לאָז זיי פריי, ווי איך לאָז מיינע... געזונטע, שטאַרקע, און.... — האָט ער ניט פאַרענדיקט.

— וואָס נאָך? שעם זיך ניט, זאָג.

— און דיינע קליידער, ביולאָ. זיי זיינען אַזוי שיין. אָבער... שיין דאָרט — אין שטאָט. דאָ מעגן זיי זיין פשוטע... קוק ווי גראַציעז צוגעפּאַסט עס ליגט אויף דיר דאָס גרויע קלייד... דאָ אָבער מוזטו ווערן איינפאַ־כער, איינע פון אונדז.

— דיינקסטו, אַז ס'וועט מיר געלינגען?

— אַוודאי וועט דיר געלינגען. דו דאַרפסט בלויז פּרובירן פאַרשטיין און איינלעבן זיך מיט דעם לעבן פון די מענטשן דאָ.

— זיי זיינען ד אָ אַלע אַזוי פאַרשידן. — האָט זי געזאָגט.

—יאָ, — פאַרשידן אין כאַראַקטער און פאַרשידן אין לעבנס דערפאַ־רונגען, פאַרשידן אין דערציאונג און פאַרשידן אין זייערע טרוימען און אַספּיראַציעס. אָבער, שרעק זיך ניט, ווייל אינדיווידואַליטעט ווערט ניט פאַרטושירט און ווערט ניט פאַרלוירן. ווייל אַפילו אין די פּשוטסטע קליי־דער און אין דער פּשוטסטער אויפפירונג וועט דיין אינדיווידואַליטעט דאָך אַרויסשיינען, ווי עס שיינט אַרויס אַ וואונדערבאַרער געדאַנק צווישן פּשוטע רייד. איך וויל זאָלסט מיט דיין לייב און לעבן און מיט דיין נשמה אַריינפּאַסן זיך אין דעם לעבן און עס וואָלט זיך מיר געוואָלט, אַז דו זאָלסט ווערן די אָנפירערין.

— די אָנפירערין... כאַ כאַ כאַ! — האָט זי זיך צעלאַכט. — אַך, ביס־

טו אַ טרוימער בערג... אָבער איך וועל דיר פאַרטרויען אַ סוד.. די פּרויען, דאַכט זיך, לאַכן אָפּ אַביסל פון מיר, דערפאַר זיינען די מענער, די מענער זיינען משוגע פאַר מיר. דער... כייפעץ, און דער דאָקטאָר, און קרופּקין, און די איבעריקע... איך פיל, אַז איך געפעל זיי. זיי זיינען אַזוי גוט צו מיר.

— יאָ? דאָס פרייט מיך טאַקע זייער. — האָט בערג געשמייכלט. — און דאָס דערמאָנט מיר, איך דאַרף זען קרופּקינען.

— און דאָס דערמאָנט מיר אויך אָן עפּעס.—האָט זי זיך אויפגעהויבן.

— ערשטנס, אַלס פרוי פון דעם חבר דירעקטאָר, אויף וועמען איך האָב אַ גרויסן איינפלוס, האָט מיך מיסעס שינדל געבעטן, אַז איך זאָל דיך בעטן, אַז מ׳זאָל געבן די גאַנטשעס אַן אַנדער צימער. זי שלאָפט ניט קיין נעכט איבער די גאַנטשעס בייבי. דאָס קינד האַלט אין איין וויינען און דאָס נערווירט זי אַזוי שטאַרק, אַז זי האַלט באַם צעזאַמענברעכן.

— און צווייטנס? — האָט בערג געפרעגט.

—צווייטנס, וועל איך זיך אַנידערזעצן באַם שרייבמאַשין און וועל פּראַקטיצירן.

און דריטנס — האָט בערג פאַרענדיקט מיט אַ קיבעץ, — פאַרגעס ניט אָנצוטאָן די גומענע הענטשקעס . . .

— דו, דו, דו... — איז זי צו צו אים און אַרומגעכאַפּט אים מיט איר ווייסע- ענטבלויזטע הענט. — שלעכטער, קיבעצער . . .

בערג איז אַרויס פון צימער אַ לאַכנדיקער און ביולאַ איז אַ ווײַלע געשטאַנען אַ פאַרטראַכטע, אַ שמייכלענדיקע; צוגעגאַנגען צו דער שרייב-מאַשין, געקלאַפּט אויף איר ווי אויף קלאַווישן פון אַ פּיאַנאָ. דערהערט, אַז עמעצער קלאַפּט אין טיר, איז זי צוגעגאַנגען עפענען.

דערזעענדיק ביטריסן, איז זי אויף אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטע.

— עס וואונדערט אייך, מסתמא, וואָס איך בין אַרייַנגעקומען? — האָט ביטריס געפרעגט אין ענגליש און מיט קוריאָזיטעט באַטראַכט דאָס צימער.

— ניין — האָט ביולאַ געשמייכלט רואיק. — איך האָב, דעם אמת זאָגנדיק, אַליין אויך געקליבן זיך אַרייַנצוגיין צו אייך. זיצט, איך בעט אייך.

— דאָס צימער, קוקט אויס גאָר אַנדערש ווי פריער... — האָט ביט-ריס געזאָגט, אַנידערזעצנדיק זיך אויף דעם שטול באַ בערגס טיש, אַרומ-געקוקט זיך ווי זוכנדיק עפּעס, געפונען דאָס שאַכטל מיט סיגאַרעטן און האָט פאַררויכערט. צוגערוקט דאָס שאַכטל צו ביולאַן:

— איר רויכערט?

— ניין איך רויכער ניט, — האָט ביולאַ געזאָגט. — בערג רויכערט אויך ניט, אָבער סיגאַרעטן האַלט ער שטענדיק אויף דעם טיש.

— איך ווייס. — האָט ביטריס אַ שמייכל געטאָן. — דערפאַר האָב איך געפונען די סיגאַרעטלעך.

— ווי איך פאַרשטיי, זענט איר נאָענט באַפריינדעט מיט בערגן. — האָט זיך ביולא אַנידערגעזעצט אויף דעם בעט. — דעם אמת זאָגנדיק, וואָלט איך ניט געוואָלט, אַז אייער פריינטשאַפט צו אים און צו מיר זאָל איבערגעריסן ווערן.

— דאָס לעבן איז לײדער גרויזאַם — האָט ביטריס געבלאָזן דעם רויך. דער באַנאַלער אויסדרוק אַז איינעמס גליק ווערט געבויעט אויף דעם צווייטנס אומגליק איז לײדער ניט בלויז אַ פראַזע. און מיר דאַכט זיך, אַז פריינטשאַפט איז מעגלעך בלויז אין געמיינשאַפטלעכן גליק.

— ניין, איך שטים ניט איין מיט איך. — האָט ביולא געזאָגט. —וואָרן גראַד אומגליק איז אָפט די קייט, וואָס פאַרבינדט אין פריינדשאַפט. לײדער קאָנען ניט אַלע דערהייבן זיך צו טאָלעראַנץ און צו פריינטשאַפט. וואָרן פריינטשאַפט טאָר ניט געמאָסטן ווערן מיט אַ פינגערהוט, וואָס יעדער איינער טראָגט מיט זיך אַלס זיין מאָס פון פריינטשאַפט. אַך, מיס לעווין...

— איר קאָנט מיר רופן ביטריס. — האָט ביטריס געזאָגט ווייכער.

— גוט, ביטריס... — האָט ביולאַ אַ שמייכל געטאָן. — מ'זאָגט, אַז מיר פרויען לעבן מער מיט עמאָציע און מיט אינטואיציע, ווי מיט לאָגיק. איך גלייב ניט אין דעם. מיר זיינען פונקט אַזוי לאָגיש ווי די מענער און די מענער זיינען פונקט אַזוי עמאָציאָנעל ווי מיר. אָבער איין זאַך, אונטערשיידט אונדז פון די מענער: מיר פאָדערן שטענדיק פון זיי, אַז זיי זאָלן אַנערקענען אונדזער שוואַכקייט. מיר אַליין שטעלן זיך שטענדיק אַרויס אין דער ליכט פון באַליידיקטע און דערנידעריקטע. מיר אַליין שאַפן דעם איינדרוק, אַז מיר זיינען אָפּהענגיק פון זיי, אַז מיר זיינען די דאָזיקע, וואָס דאַרפן לעכצן נאָך ליבע, וואָס דאַרפן וויינען און זיפצן... מיר פאַרלאָזענע און פאַרשטויסענע, נעבעך... דאָס אונטערשיידט אונדז פון די מענער און עס איז ניט גוט פאַר אונדז.

— איר זענט זייער טאַקטיש ביולא. — האָט שוין ביטריס אַ שמייכל געטאָן. — עס איז אַלעס אמת, וואָס איר האָט געזאָגט. אָבער עס איז דאָך ניט אַזוי לייכט צו פרעטענדירן אויף לאָגיק און שטאַרקייט, ווען מיר ווערן פאַרט אַוועקגעטראָגן עמאָציאָנעל ווייטער און טיפער, ווי עס וויל זיך. איך פאַרשטיי, אַז איר האָט געוואָלט מיט אייערע רייד דערמוטיקן מיך צו נעמען זיך אין די הענט אַריין, דערוועקן אין זיך מער... שטאָלץ, אַזוי צו זאָגן. נו, פרוביר איך אַליין. און ניט נאָר דאָס, איך פרוביר אַפילו צו באַקעמפן אייך מיט אַלע וואפן, וואָס מיר פרויען פאַרמאָגן.

— אויב איר מיינט עס ערנסט, — האָט ביולאַ געזאָגט, — ווייס איך ניט צו איך דאַרף אייך אָנווייזן אויף דעם זיין אָדער אומזין פון קאַמף פאַר ליבע. ווארן קאַמף פאַר ליבע, איז ווי קאַמף פאַר... האַס, אַ שטייגער. קאָן מען קעמפן מיט איינעם ער זאָל דיך האָסן? ליבע און האָס קומען דאָך פון דעם זעלבן קוואַל. מ׳קאָן ניט קעמפן, אָדער באַצווינגען אַ געפיל, מ׳קאָן אָבער מיט טאַטן שאַפן אַזאַ געפיל.

— אַבסטראַקט גערעדט זענט איר גערעכט. — האָט ביטריס פאַררויכערט אַ צווייטן סיגאַרעט. — דאָך . . .

זאָגט.

— איך פאַרשטיי אייער צושטאַנד סיי־ווי־סיי... — האָט ביולאַ געזאָגט.

— אפשר — האָט ביטריס אויפגעהויבן זיך און גענומען גיין הין און צוריק איבערן צימער — אפשר... אָבער אייער פאַרשטיין העלפט מיר ווייניק.

— איך ווייס. — האָט בילאַ צוגעגעבן. — אָבער מיר דאַכט זיך, אַז ווען מיר וואָלטן געוואָרן נענטער באַפריינדעט, וואָלטן מיר געפונען אַ וועג.

— כאַ־כאַ! — האָט זיך ביטריס נערוועז צעלאַכט.

—לאָמירביידע פּרובירן צו ווערן... די פליגל, אַזוי צו זאָגן, פאַר בערגן, פאַר זיין אַרבעט... העלפן אים שטייגן און מאַכן פון דער קאָלאָניע אַ מוסטער, אַ דערפאָלג.

— און איר האָט ניט מורא... — האָט ביטריס געפרעגט.

— ניין, איך האָב ניט מורא. — האָט ביולאַ פאַרשטאַנען זי — איך האָב ניט מורא. און אויב עס וואָלט אַמאָל ווידער געקומען צו אַן אינטימער דערנענטערונג צווישן אייך, וואָלט דאָס דאָך זיכער געווען בלויז אַ מאָמענט אַזאַ, אַ פריינדלעכער מאָמענט, וואָס איז אויפגעוועקט געוואָרן אפשר פון זכרונות און עמאָציעס פון אַמאָל. אַזעלכע עפּיזאָדן טרעפן און עס וואָלט מיך ניט געאַרט. איך וואָלט פּרובירט פאַרשטיין.

— דערלויבט מיר אייך צו זאָגן, אַז איך גלויב ניט אין אַזאַ מין אידעאַלער טאָלעראַנץ.—האָט זיך ביטריס שמייכלענדיק אויפגעהויבן.—אָבער.. לאָמיר פּרובירן. ווארן ווען צוויי פרויעןריידן אויף אַ לאָגישן אופן.... כאַ! און.. יע, איך וועל זיך אַריינטראַכטן אין אייער געדאַנק וועגן.. געמיינשאַפטלעכער פריינטשאַפט. צוויי פליגל... כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זי זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און נערוועז אויסגעלאָשן דעם סיגאַרעט.

זיי האָבן אַ ווילע געשוויגן. ביולאַ איז געזעסן אויפן בעט אַ רואיקע, מיט איר טריבן שמייכל אויף די ליפּן און ביטריס האָט מיטאַמאָל אָפּגעזיפצט, ווי באַשליסנדיק עפּעס און, צוגייענדיק צו ביולאַן האָט זי געזאָגט.

— איך האָב געמיינט, אַז אונדזער געשפּרעך וועט זיין אַ שטורמדי־קער. איך מוז אייך אָבער קאָמפּלימענטירן: איר האָט מיט אייער... אינטע־ליגענץ געצוימט מיין נערוועזן און אויפגערעגטן צושטאַנד, וואָס האָט מיך אַ טרייב געטאָן צו אייך. נו, גוט אַזוי. — האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט צו ביולאַן. — ס׳איז נאָך ניט פריינטשאַפט, אָבער זיכער פאַרשטענ־דעניש.

— איך האָף, אַז ס׳וועט זיין אויך פריינטשאַפט, — האָט זיך ביולאַ אויפגעהויבן.

— לאָמיר האָפן — האָט ביטריס געלאָזט זיך גיין צו דער טיר און אַרויסגייענדיק שוין, האָט זי געזאָגט: — אַ באַפליגלטע פריינטשאַפט...

ביולאַ איז געבליבן אַליין מיט אַ געמישטן געפיל פון טריבקייט און צעפרידנקייט.

*

ביולאַ האָט ליב געהאַט די פאַרטאָגן. די ערשטע צייט, ווען בערג פלעגט אויפשטיין, האָט זי אין דער האַלב־אויפוואַכונג, ווי דורך אַ מאַט־גלעזערנער וואַנט געהערט און געזען זיין הויך געשטאַלט, זיינע שטילע טריט, זיינע דויערהאַפטע בליקן אויף איר; און יעדעס מאָל, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער, פלעגט זי אויסציען איר קערפּער אויף דעם בעט, אויסציען אים, ווי זי פלעגט עס טאָן באַם טאַנצן, און דערנאָך פלעגט זי אַראָפּגיין און, אַראָפּנעמענדיק די פּאַדזשאַמעס, קוקן אויף אירע שלאַנקע פיס, באַטראַכטן זיי אונטער די ליכטיקע פאַסן פון די זון־שטראַלן, וואָס האָבן זיך געריסן דורך אַלע שפּאַרונעס פון פאַרצויגענעם פאַרהאַנג; מאַכן אַ פּאָר טאַנץ באַוועגונגען און שמייכלען מיט אַן אומזעבאַרן שמייכל: ווי גוט עס איז צו זען די אייגענע פיס. אָט אַזוי אין טאַנץ, אַפילו דאָ, אַזוי ווייט פון דער בינע, אַזוי ווייט פון דער קונסט־סביבה, פון מוזיק . . .

אָבער אַזוי האָט זי געטראַכט און געפילט די ערשטע עטלעכע וואָכן, שפּעטער צו האָט זי אָנגעהויבן אויפצושטיין צוזאַמען מיט בערגן, עסן פרישטיק צוזאַמען און, אָנגעטאָן אין אירע בלויע הויזן און דינע בלוזע, פלעגט זי טראָגנדיק אַ קויש מיט זערנע אַרויסגיין צו די הינער, וואָס האָבן זיך ווי אַ צעריסענע קוראַכקענדיקע סטייע, ווי דורך אַ כישוף געשפּריַיט באַ אירע פיס ווי אַ ווייסער טעפּיך, אַ בילד וואָס האָט געפרייט דאָס אויג און דאָס האַרץ מיט דער הנאה פונדער באַזונדערער, פרישער און געזונ־טער נאַענטקייט צום הימל און צו דער ערד. און אָפט, ווען די זון איז נאָך ווי אַ רויטער באַלון געשוואומען אויף דעם לייק, איז זי אין דער בלוי־קייט פון פאַרטאָג, אונטער דעם קריי פון די הענער געגאַנגען מיט בערגן שווימען אין די קילע, לאַשטשענדיקע כוואַליעס.

און אויך אין פעלד, אונטער דער ברענענדיקער זון, אין איר גרויסן שטרויענעם הוט, וואָס האָט פאַרדעקט איר גאַנצן פנים, האָט זי אַ פלינקע, אַ באַוועגלעכע, און צוגעוואוינטע צו קערפּער איבונגען, געגאַנגען מיט די איבעריקע פון בייט צו בייט; און בערג, קוקנדיק אויף איר ווי זי רייסט די ווילדע גראָזן אַרום, האָט ניט איינמאָל געטראַכט, אַז ס'איז פאַלש די גאַנצע טעאָריע פון צוגעפּאַסטקייט, אָדער ניט־צוגעפּאַסטקייט צו ערד־אַרבעט פון אַזעלכע מענטשן, צי דאָס איז ביולאַ, צי דער "דאָקטאָר", צי קרופּקין, צי ביטריס—אַלע זיינען צוגעפּאַסט, ווען זיי ווערן צוגעוואוינט צו דעם, ווען זיי האָבן ליב די אַרבעט, ווען די אַרבעט ווינט ניט, נאָר זינגט אונטער די הענט. ווער וואָלט זיך געגלייבט, אַז דאָס איז ביולאַ, די צאַרטע באַלעט טענצערין, ווען מ'טוט אַ קוק אויף איר, ווי זי גייט געבויגן פון בייט צו בייט, און אירע בלויע אַרבעטס־קליידער, וואָס אַנטפּלעקן די גראַציעזקייט פון איר קערפּער... — ביולאַ אין דעם גרויסן שטרייענעם קאַפּעליוש . . .

די דירה פראַגע האָט אָפּט און אַממערסטן באַאומרואיקט בערגן. ער האָט געוואוסט, אַז ס'דאַרף נעמען צייט, און געדולד ביז דאָס לעבן אין דער קאָלאָניע וועט זיך איינשטעלן אויף נאָרמאַלע יסודות. אָט, דער זומער האָט ער געהאָפט, וועט באַווייזן אויף וויפל זיינע אויסזיכטן זיינען גינסטיק, אָדער אומגינסטיק פאַר דער צוקונפט. ׳

אַ גרויסע שטרעקע אין פעלד איז געווען פאַרזייט מיט קאָרן און דער איבערריקער שטח איז געווען איינגעטיילט אויף קאַרטאָפל, און זייסע קאַרטאָפל, קרויט, אַרבעס, מערן, פּאַטלאַזשענס (טאָמייטאָס) און קוקורוזע. דאָס פעלד האָט געבליט און געפרייט דאָס אויג, אויך די פאַרהונדערט הינער, קאַטשקעס און גענדז האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ דערפרייענדיק בילד און מיט דעם איינשטעלן פון די אינקובאַטאָרס האָט ער געהאָפט, אַז די הינער פאַרם וועט מיט דער צייט ברייננען אַ גוטן פּראָפיט. וואָרן אַפילו איצט שוין, האָט ער געזען האָט ער אַ גוטן מאַרק פאַר די הינער און אייער צוליב די רעזאָרט האָטעלן אַרום, וואָס קויפן אָפּ ביי דער קאָלאָניע כמעט די גרעסטע טייל פון הינער, אייער און גרינוואַרקס. אויך די אַמאָליקע מיסעס בלאַק, מיט וועלכע ער האָט זיך באַקאַנט, אַרבעטנדיק ביי נאָוואַקן, וועלכער ער האָט געגעבן זיינע בראָשורן צו לייענען, אויך זי האָט זיך אין אַ שיינעם טאָג באַוויזן מיט אַ רייכן האָטעל אונטערנעמער פון אַ שכנהדיקן רעזאָרט און דער דאָזיקער האָטעל־אונטערנעמער האָט פון דאַמאָלסט אָן אָפּגעקויפט אַ גרויסע טייל פון די פאַרם־פּראָדוקטן. אין אַלגעמיין האָבן אַלע שכנהשע רעזאָרטן פּאַטראָניזירט די נייע קאָלאָ־

ניע. די קאָלאָניע האָט שוין באַקומען אַ נאָמען און מ'האָט געקוקט אויף איר מיט אינטערעס, ווי אויף עפּעס אַ קליין, טשיקאַווע מלוכהלע, וואָס האָט זיך פאַרנומען אויף נייע, אָריגינעלע וועגן. זיינען דערווייליע, די איינ־קונפטן געווען גוטע.

בערג האָט שטענדיק געהאַט אַ פּאַרטיקע סכעמע פון דער קאָלאָניעס צעזאַמענשטעל: אַריינרעכענענדיק זיך און ביולאָן, זיינען אין דער קאָלאָ־ניע געווען זעקס פאַרהייראַטע פּאָרלעך, ניין פאַמיליעס מיט דרייצן קינ־דער,, זיבן אומפאַרהייראַטע מענער און איין אומפאַרהייראַטע מיידל. צע־זאַמען — איין און פופציק.

אָט די איין און פופציק מענטשן האָבן זיך דערווייליע איינגעאָרדנט אַזוי: דריי פאַמיליעס אין הויז נומער איינס (אויף דעם ערשטן שטאָק איז געווען דער אָפּיס, דער גרויסער "האָל", אָדער עס־צימער, די קיך און אַ פּאָר זייטיקע צימערן, וועלכע כייפעץ מיט זיין פאַמיליע האָט פאַר־נומען. אויף דעם צווייטן שטאָק — פיר גרויסע צימערן מיט צוויי פאַמי־ליעס). אין דער דיסטאַנץ ניט ווייט פון לייק איז געשטאַנען אַ קליינע הייז־קע פון פינף צימערן, וואו נאַוואַק האָט געוואוינט. איידער ער האָט אויסגע־בויעט דאָס גרויסע הויז. אין דעם דאַזיקן הויז באַם לייק האָבן זיך באַ־זעצט די פאַרמערס זעלצער און בלאַך מיט זייערע פאַמיליעס. זיי האָבן דאָרט אויף זייער שטייגער איינגעפירט אַ "באַלעבאַטישקייט" און דאָס הויז האָט באַקומען אַ פּנים. די איבעריקע, חוץ שטערנטאַלן האָבן זיך באַ־זעצט אין דעם גרויסן הויז נומער צוויי וואו עס זיינען געווען צוויי און צוואַנציק צימערן, וועלכע נאַוואַק האָט צוגעגרייט פאַר זיין פּלאַנירטן רע־זאָרט.

אייניקע פאַמיליעס האָבן געקוקט מיט קנאה און מיט פאַרדרוס אויף די דאָזיקע, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין הויז נומער איינס און אין דעם הויז באַם לייק, איבערהויפּט מיסעס גאַנטש און מיסעס אַקערמאַן, ווענען ס'איז ניט געפעלן געוואָרן צו וואוינען אין "קעסל גאַרדן" ווי זיי האָבן געקרוינט דאָס הויז נומער צוויי. אַממערסטן אָבער האָט מען ניט פאַר־גינען שטערנטאַלן דעם "פּאָסעסאָר" ווי מ'האָט אים גערופן.

שלום שטערנטאַל איז געווען, ווי קרופּקין האָט אים אין שפּאָס אָנ־גערופן דער "קולאַק" אין דער קאָלאָניע. ער האָט אָנגענומען און אויסגע־פירט אַלע כללים פון דעם קאָלעקטיוו, ער האָט אָבער אויסגעקעמפט פאַר זיך דאָס רעכט צו פאַרענדיקן דעם קאטעדזש וואָס נאַוואַקס עלטערער זון האָט אָנגעהויבן צו בויען פאַר זיך, מיט דעם געדאַנק צו באַזעצן זיך אין אים נאָך דער הייראַט. דער קאטעדזש האָט געפאָדערט נאָך אַ דריי־פיר וואָכן אַרבעט און אַביסל קאַפּיטאַל פאַרענדיקט צו ווערן. האָט שטערנ־טאַל פאָרגעשלאָגן צו אינוועסטירן דאָס געלט, מיט דעם תנאי, אַז אים

זאָל געגעבן ווערן דאָס רעכט צו וואוינען אין דעם קאַטעדזש, אַזוי לאַנג ווי ער וועט וואוינען אין דער קאָלאָניע. די פאַמיליע זיינע איז באַשטאַנען פון 5 מענטשן און צוויי צימערלעך זיינען פאַר אים ניט גענוג, האָט ער געטענהט. און ער האָט אויסגעפירט זיינס, כאָטש דער אַלגעמיינער מיטינג האָט זיך באַצויגן צו דעם מיט ווייניק צוטרוי. וואָס הייסט אַמענטש בויעט עפּעס פאַר זיך אַליין אַ הויז אויף דעם קאָמונאַלן באָדן? דער "ראַטקאָם" האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז ס'שאַדט נישט. פאַרקערט, וואָס מער הייזער, און גוטע הייזער, אַלץ בעסער. ווייל אין פרילינג און זומער צייט קאָן מען זיך ווי ס'ניט איז צופרידענשטעלן מיט די צימערן אין הויז נומער צוויי, ווינטער אָבער וועט זיין שווערלעך און... ס'וועט זיכער זיין "טראָבל". עס איז אָבער פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דאָס הויז איז נישט זיין אייגנטום. אַז ער טאָר עס צו קיינעם נישט איבערגעבן אָדער פאַרקויפן, אַז דער רשות אויף דעם הויז געהערט צו דער קאָלאָניע און מיט דער צייט וועט ער קריגן אויסגעצאָלט דאָס געלט וואָס ער האָט אינוועסטירט, אָדער ס'וועט צוגערעכט ווערן צו זיין חלק.

האָבן אים טאַקע אַלע מקנא געווען, דעם "פּאָסעסאָר" און אין דערזעלבער צייט באַוואונדערט זיין פלייסיקייט און זיין באַלעבאַטישקייט. ווייל חוץ דער אַרבעט וואָס ס'פלעגט אים אויסקומען צו טאָן אין פעלד, האָט ער ניט געשפּאָרט זיינע כוחות און פלעגט יעדע פרייע מינוט אָפּגעבן דער "פּאָסעסיע" דאָס קאַטעדזשל, כאָטש ניט קיין גרויס, האָט געשיינט מיט נייקייט. עס איז געשטאַנען נעבן צום טייך און איז געווען אַרומגעצוימט מיט דראָט, וועלכע איז געווען פאַרפלאָכטן מיט אַ גרינעם נעץ פון ווילדע טרויבן־געוויקסן. אַרום דעם הויז האָט ער איינגעפלאַנצט רויזן־קוסטעס; פון די סקאַלעסביים טייך האָט ער געטראָגן שטיינער און אויסגעברוקירט סטעזשקעס; לעבן הויז איז אויך געשטאַנען אַ קאַנורע פאַר אַ הונט, קיין הונט האָט ער אָבער, דערווייל, נאָך נישט געהאַט. שלום שטערטאַל האָט באַזונדערס ליב געהאַט הינט און פערד. ער פלעגט זאָגן, אַז אַ הונט באַם הויז טראָגט צו עפּעס אַ מין באַזונדער געפיל פון זיכערקייט, פון רויִקייט און באַלעבאַטישקייט. אָט אָ די טבע זיינע צו ריידן וועגן "באַלעבאַטישקייט", האָט נישט איינמאָל אַרויסגערופן דעבאַטן און אפילו קריגעריי, און נישט איינמאָל האָט מען פאַרגעוואָרפן דעם "ראַטקאָם" וועגן דער "בורזשואַזער "באַלעבאַטישקייט", וואָס האָט זיך איינגעפלאַנצט אין די סאַמע געדערים פון דער קאָמונע. און ברעג פלעגט שמייכלען. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס רעדט פון די אָפּאָנענטן די קנאה. יעדער פון זיי וואָלט געוואָלט אַזאַ שטיקל בורזשואַזע באַלעבאַטישקייט. און ער האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז, פאַרקערט, סאיז גוט אַזוי. יעדער איינער וועט מיט דער צייט האָבן אַזאַ קאַטעדזש דאָ. אָט גרייט זיך שאַפּיראָ אויך אויפצובויען פאַר זיך

אזא באַלעבאַטישקייט. נישקשה, עס וועט דער קאַמוניע ניט שאַדן.

—אַ מענטש האָט אַביסל געלט און וויל וואוינען ווי אַ מענטש — אַרט עס! — פלעגט שאַפּירא פאַרטיידיגן שטערנטאַלן. — אַז שייך! טאַקע אַלע גלייך ווילן זיי! מיסעס גאַנטש און בערג —ביידע גלייך! נישט חלילה, ווייל ער האָט עפּעס קעגן מיסעס גאַנטש, אָבער . . . . (מיט אַ מינע פון אַ באַליידיקטן עסטעט) מענטשן דאַרפן דאָך האָבן אַביסל שכל, אַביסל אייג־זעניש.

*

עס זיינען שוין אַוועק פיר וואָכן, זינט עס האָט גערעגנט. דאָס פעלד איז געלעגן טרוקן און דורשטיק און ווי געוואַרט אויף אַ רעגן, אויף אַ שטורם. דער שטורם איז אָבער ניט געקומען. איעדער איינער אין דער קאָלאָניע האָט געוואַרט, און יעדער קיל ווינטל באַנאַכט האָט זיך אויסגע־וויזן שעפּטשעט: ער, קומט... ער קומט דער רעגן..: דער רעגן איז אָבער ניט געקומען. האָט שוין מיסעס אַקערמאַן איינגענומען בושהס מיט איר "רעוומאַטיזם", אומזיסט נביאות געזאָגט: היינט וועט זיכער רעגענען, מיין "רעמאַטיז" האָט מיך נאָך קיינמאָל ניט אָפּגענאַרט. ס'האָט זיך אָבער אויס־געלאָזט מיט גאָרניט. ס'האָט ניט גערעגנט.

בערג האָט שוין אַ פּאָר מאָל מאָביליזירט אַלע קאָלאָניסטן און איז אין די פאַרנאַכטן אַוועק מיט זיי צום לייק נאָך וואַסער צו באַוואַסערן די פעלדער, כייפּעץ מיט צוויי גרויסע פעסער אויף דעם טראָק און מיט אַ האַנט־פּאָמפּ און אַ יעדער איינער מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, מיט אַן עמער, מיט אַ טאָפּ, מיט אַ סלוי, אַלע האָבן זיך געלאָזט צום לייק נאָך וואַסער, און דערנאָך דאָ און דאָרט באַגאָסן די פאַרטריקנטע ערד און געוויצלט זיך דערביי אויף גאָטס חשבון: ווען דער אייבערשטער וויל נאָר באַווייזן אַ קונץ... וואָלט מען שוין פאַרשפּאָרט צו ברעכן די קריזשעס און מ'וואָלט פאַרשפּאָרט די גאַנצע מוטשעניניע, אָבער גיי שריי חי וקים, — ער וויל ניט און טו אים עפּעס. און בערג האָט טאַקע איינגעזען, אַז די גאַנצע אַרבעט איז אַן אַרויסגעוואָרפענע; מיט טעפּ און מיט עמערס און אפילו מיט צוויי פעסער אויף דעם טראָק, וועט מען קיין סאַך ניט העלפן.

די טעג זיינען געווען הייסע, מאַנאָטאָנע. די פרויען און די קינדער האָבן מערסטנס פאַרבראַכט ביים לייק אין די באַד קאָסטיומען. געלעגן אויפן זאַמד געשמועסט וועגן טויזנטער קליינקייטן, קאָנקורירט מיט די אָפּגעברענטע לייבער און האָבן זייער הנאה געהאַט ווען די אָדער יענע האָט אויסגעקוקט אין די אויגן פון די איבעריקע, ווי אַ רעגעלע נעגערטע".

ביולאַ פלעגט אויך אַרויסגיין מיט די איבעריקע צום לייק, אָבער

אין איר ווייסקייט, וואָס זי האָט פיל מי אַפּגעהיט, איר ראַפינירטקייט און איר מאַניער צו ריידן און אָנטאָן זיך, האָט נאָך אַלץ אָפּגעטיילט זי פון די איבעריקע, ווי מיט אַ דורכזיכטיקער וואַנט. אַזוי איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, מ׳איז אויפגעשטאַנען, מ׳האָט געגעסן פרישטיק, מ׳איז געגאַנגען אין פעלד אַריין, אפילו ווען מ׳האָט ניט באַדאַרפט; מ׳האָט זיך באַשעפטיקט אין קיך, אין די קאַמערן, אין דער וועשעריי; מ׳האָט געוואַשן און גערייניקט די צימערן, געזייערט פרוכטן, אוגערקעס און פעפערס, געפּרעגלט מאַלינעס און פלוימען — אַ יעדן איינעם איז אָבער נאָכגעגאַנגען עפּעס אַ פוילקייט, אַ נודעניש, וואָס האָט גענאָגט.

דער דאָקטאָר האָט פּרובירט אָרגאַנזשירן אַ פּאָר לעקציעס אין דרויסן אין די אָוונטן, האָט מען זיך אויסגעזעצט אויף די בענק און מיסעס גאָנטש מיטן קינד אויף די הענט האָט געמאַכט חוזק פון אַלץ: נו, אָט זיצט זי דאָ אין געהאַקטע וואונדן, זיצט זי דאָ און וויל אויף טשיקאָוועס הערן, וואָס דער משוגענער וועט היינט רעדן. ווער דאַרף עס זיין פּלאַפּלען דאָרט, ווער? אָבער אַ ברירה האָט מען, אַז מ׳איז ווי סאָלדאַטן דאָ, ווי קאָנצענטראַציע-קעמפּס. אין קעמערל דאָרט זיצן, איז דאָך אויך, אַז אַך און וויי, וועט זי שוין זיצן דאָ . . .

— אַ רעגעלער טעאַטער, — האָט מיסעס כייפעץ געשטורכעט אין דער זייט אַריין די מיסעס שאַפּיראָ.

מיסעס שאַפּיראָ איז אָבער געזעסן אַ פאַרחלומטע. זי האָט גע-טראַכט, אַז ווען זי פלעגט וואוינען אין שטאָט און עס פלעגט, קומען דער זומער, האָט דער מאַן געשיקט זי אין דער קאַנטרי; פלעגט זי מיט נאָך אַ פּאָר פון אירע פריינט אָפּדינגען אַ קאָטעדזש און מ׳פלעגט אָפּזיצן גאַנ-צע טעג און נעכט און שפּילן פּאָוקער; און דאָס עסן איז געווען געשמאַק, און דאָס באָדן אין לייק איז געווען גאָר אַנדערש און מ׳האָט ניט באַדאַרפט אַרבעטן אַזוי שווער, און ס׳איז געווען גוט אויף דער נשמה... איצט האָט זי דאַכט זיך, די גאַנצע קאַנטרי פאַר זיך אַליין — אַזוי פיל פעלד, און אַזוי פיל לופט און אַ לייק אַ אייגענעם... — עס פעלט אָבער עפּעס.. וואוהין זאָל זי פאָרן נעמען אַ קאָטעדזש, אין שטאָט אַריין?

און ניט נאָר מיסעס שאַפּיראָ אַליין האָט געטראַכט אַזוי. אויך פאַר מיסעס זאַנענפעלד און מיסעס כייפעץ האָט דאָס לעבן אין דער קאָלאָניע אויסגעוויזן ווי אַן אַרויפגעצוואונגענער חוב, ווי אַן אָפּקומעניש, ווי עפּעס, וואָס עס מוז סוף כל סוף פאַרשווינדן, און דאָס לעבן וועט אפשר ווידער אַ שפּיל טאָן מיט שטאָטישע פאַרבן און פייערן.

אָפט האָבן זיי גערעדט און דערמאָנט די שטאָט און די גרויסע גע-שעפטן, וואו זיי פלעגן קויפן מציאות, און די גרויסע מואווי-טעאַטערס, וואו מ׳פלעגט אַריינשפּאַצירן צוויי-דריי מאָל אַ וואָך — דערמאָנט מיט

ביינקשאַפט, מיט אַ באַזונדער געפיל פון ליבשאַפט.

בערג און קרופקין האָבן אָפט שפּאַצירט אין די פאַרנאַכטן. פלעגן טיילן זיך מיט די פלענער, מיט די מיינונגען און איינדרוקן, און זיי פלעגן ביידע קומען צום שלוס, אַז אין דער קאָלאָניע הערשט עפּעס אַ מין אַפּאַ־טיע; אַז עס פעלט ענטוזיאַזם, עס פעלט די רואיקע צעפרידנקייט — און זיי פלעגן זוכן מיטלען, ווי אויפצואוועקן אַן אינטערעס צו דעם, וואָס ווערט געטאָן, צו דעם לעבן, וואָס ווערט דאָ געבויט.

און קרופקין האָט גאַנץ אָפט מיט אויפריכטיקער ערנסטקייט גערעדט וועגן די מיטגלידער אין דער קאָלאָניע. ער האָט זיי אַלעמען גוט פאַרשטאַ־נען. צוגעהערט זיך צו זייערע רייד און געלייענט זייערע באַהאַלטענע גע־דאַנקען, ווייל אויב מ'האָט זיך פאַר בערגן ניט באַקלאָגט און מ'האָט ניט אַרויסגעזאָגט, וואָס עס האָט גענאָגט, האָט אָבער קרופקין, דער מער פּראַקטישער, פּשוט'ער, געהאַט מער מעגליכקייטן און געלעגנהייטן צו קו־מען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט די מיטגלידער אין דער קאָלאָניע. ער האָט אַלעס באַמערקט און אַלעס האָט ער אויפגענומען, אַנאַליזירענדיק יע־דע דערשיינונג און שטימונג.

ער האָט געוואוסט אַז ביטריס סאַבאָטאַזשירט אירע פליכטן. דאָס גאַנצע לעבן אירס אין דער קאָלאָניע איז איצט געווען אַן אָפּקומעניש, ער האָט עס געוואוסט. און דערפאַר האָט זי פאַרנאַכלעסיגט די קינדער. די אויפריכטיקייט אירע איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן. די קינדער שפּירנדיק אירע שטימונגען און איר אַפּאַטיע האָבן אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם אָפּשיי פאַר איר און די עלטערע פון זיי, אויפכאַפּנדיק באַמערקונגען פון די עלטרן וועגן אירע באַציאונגען צו בערגן, האָבן אין דער נעבלדיקייט פון זייער אינטו־איטיוון פאַרדאַכט אָנגעהויבן צו קוקן אויף איר מיט דעם ספּעציפיש קינ־דישן שמייכעלע. און דאָס האָט זי נאָך מער אויפגערייצט קעגן זיי און צו־ליב דעם פלעגט זי אָפט אַן אויפגערעגטע און נערוועזע אינגאַנצן אַנט־לויפן פון זיי צו זיך אין צימער, פאַרשפּאַרן זיך דאָרטן און ליגן אַ פאַר־טרונקענע אין מרה שחורהדיקע געדאַנקען. און טיף אין האַרצן האָט ער־געץ גענערט זיך דער האַס און דאָס געפיל פון וועלן נעמען נקמה.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט האָט קרופקין אָנגעקלאַפּט אין איר טיר.

— ביטריס, איר'ט גיין שפּאַצירן?

זי האָט זיך דערפרייט. זי וועט גיין, און טאַקע מיט קרופקינען. ווייל ער איז איצט דאָכט זיך דער איינציקער צו וועמען זי פילט נאָך ניט דעם האַס. ער איז דאָך פאַר איר דער לעצטער פונקט, אין וועמען זי וועט זיך דאַרפן אָנהאַלטן אויב דאָס לעבן וועט זי צופירן צום אָפּגרונט.

זיי זיינען געגאַנגען צום טייך, עס האָט געבלאָזן אַן אָנגענעם ווינטל און קרופקין האָט געקוקט אויפן האָריזאָנט און געזוכט וואָלקנס.

— מ׳דאַרף אַ רעגן, ווי דאָס לעבן.

[redacted]

— אַ רעגן, ווי ווייניק עס פֿאָדערט זיך איך צופֿרידענצושטעלן.

— ווייניק? מיר דאַכט, ס׳איז אַזוי פֿיל. איר וועט מיר גלויבן ביט־ריס, איך פֿיל זיך איצט פּונקט, ווי אַ טייל פֿון דער ערד אויף וועלכער מיר לעבן, — די ערד איז פֿאַרשמאַכט, זי ווערט געברענט און געבראָטן, זי דאַרף אָפּפֿרישונג. איך דאַרף אויך אָפּפֿרישונג און מיר דאַכט זיך, אַז איך בין שוין אויך געוואָרן אַ טייל פֿון אָט דער נאַטור דאָ, און אַ רעגן וואָלט מיך אויך אָפּגעפֿרישט, אָנגעפֿילט מיך מיט זאַפֿט, מיט . . .

— מאָדנע... — האָט זי געזאָגט.

— אפֿשר מאָדנע... פֿון אייער שטאַנדפּונקט. — האָט קרופּקין גע־רעדט רואיק — מיר דאַכט זיך אָבער, אַז ס׳איז נאָך מער מאָדנע וואָס איר, אַ פֿרוי מיט אַזוי פֿיל פֿאַרשטאַנד האָט זיך אָבגעגעבן צו בייזע ווינטן און עס אַרט אייך ניט וואוהין זיי וועלן אייך אַוועקטראָגן.

— אפֿשר זענט איר גערעכט. — האָט זי צוגעשטימט.

— ניט אפֿשר, נאָר זיכער. איר רייסט זיך אָפּ אַליין מיט אייער גאַנצן וועזן פֿון אַ ראַציאָנאַלן, געזונטן באָדן.

— ראַציאָנאַלער... געזונטער... באָדן.. וואו איז ער? — האָט זי ווי געציילט די ווערטער.

— אַז מ׳וויל, איז ער דאָ. — האָט קרופּקין געזאָגט.

— המ... דאָ? — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים און ביטער אַ שמייכל געטאָן.

— איר האָט דאָ אַזאַ דאַנקבאַרע אַרבעט. — האָט קרופּקין אָנגענומען זי באַם אָרעם — לערנען קינדער איז דאָך אַזאַ וואונדערבאַרע אויפֿגאַבע... פֿאַר אייך איז דאָס, זע איך, אַן אָפּקומעניש. ווען איך וואָלט ניט פֿאַרשטאַ־נען אייער צושטאַנד, וואָלט איך געזאָגט, אַז איר סאַבאָטאַזשירט, און ס׳איז ניט גוט אַזוי ביטריס. די קינדער, איבערהויפּט די עלטערע, שפּירן איי־ערע שטימונגען און אייער אַפּאַטיע. איך בין זיכער, אַז איר אַליין האָט עס אויך באַמערקט. איר באַהאַלט זיך צו אָפֿט באַ זיך אין אייער צימער און איר פֿאַרלירט דעם קאָנטאַקט מיט זיי און מיט אַלעמען. ס׳איז ניט גוט אַזוי.

— אפֿשר. אָבער וואָס איז דער אונטערשייד?

— וואָס הייסט וואָס איז דער אונטערשייד? — האָט קרופּקין כמעט אויסגעשריגן — און דאָס לעבן, די נאַטור, די אידייע און אַרבעט, דאָס דאַרף דאָך... אָנפֿילן אייך מיט קראַפֿט, מיט גלויבן ! . .

— שיינע פֿראַזן.

— שיינע פֿראַזן, אַה? — האָט קרופּקין רעפֿלעקטירט מיט איראָניע

און מיט ענטוישונג.

— זענט איר אויפריכטיק קרופקין? — איז זי געבליבן שטיין און האט א קוק געטאן אויף אים, ווי ווילענדיק איינמאל פאר אלע מאל דערגיין דעם אמת.

— און איר גלייבט ניט אין לעבן, אין ארבעט אין אידייען? — האט אויך קרופקין געפרעגט.

— ניין, איך גלייב ניט — דא. — האט זי פעסט געזאגט. — עס גלויבט זיך מיר ניט... אז מענטשן, וואס האבן זייער גאנץ לעבן פארבראכט אין שטאט, וואס זיינען אויסגעוואקסן מיט אלע ספעציפיש־שטאטישע אייגנ־שאפטן, וואס האבן אריינגענומען אין זיך דעם שטאטישן פולס, די שטראמען, דעם גערויש און גערודער, — גלייבט זיך מיר ניט, אז דידאזיקע מענטשן זאלן זיין אומשטאנד צו דערשטיקן אין זיך די טיף איינגעווארצלטע שטאטישע געוואוינהייטן. דיינקט איר טאקע, אז די אלע ווייבער זיצן און חלומען וועגן א רעגן, וועגן ערד? און איך, איך מיינט איר, דארף אויך זיצן דא און פארגרעבט ווערן און ווארטן אויף דערדערפרישונג פון א רעגן?

קרופקין האט אוויילע געשוויגן. זיי זיינען צוגעקומען צום לייק און־צום שטיין, וואו זיי פלעגן אפט זיצן. דער לייק איז געווען שטיל ווי א שפיגל און די לבנה האט זיך געשפיגלט אין איר גאנצער געלער פראכט.

— ס'איז ניט נאר די ערד און די נאטור — האט קרופקין ווידער אנ־געהויבן דעם געשפרעך. — ס'דארף דא אויך זיין דער ווילן אויסצולעבן זיך אויף א גערעכטן, ערלעכן שטייגער, אן עקספלואטאציע אין וועלכער יעדער שטאט מענטש ווערט אריינגעצויגן.

— הערט אויף קרופקין... הערט אויף פרעדיקן די נארישע פאנטאזיעס אייערע —האט ביטריס געזאגט און פארויכערט א סיגארעט. — א פאנטא־זיע איז די גרעסטע פארנארערין און פארפירערין. איר ווילט מיר זאגן, אז דא גייט אלץ צו מיט גערעכטיקייט און אן עקספלואטאציע? איר ווילט מיר זאגן, אז די מענטשן דא, וואס בערג און איר האט צעזאמענגענומען, לעבן דא צוליב אן אידעאל? ווער. מיסעס גאנטש? מיסעס בראדערזאן? צי אדער ביולא מיט אירע זיידענע זאקן — ווער?

—, ניט מיסעס גאנטש און אפשר ניט מיסעס בראדערזאן. — האט זיך קרופקין באמיט צו רעדן רואיק. — ניט אויף זיי ווערט געבויעט די קאלאניע און אונדזער אידעאל. עס זיינען דא אבער פאראן אנדערע, ווי בערג, ווי אויך שטערנטאל, ווי שאפירא, ווי די צוויי ברידער ציוניסטן, ווי די פארמערס זעלצער און בלאך, ווי כייפעץ, ווי דער דיכטער אפילו, און ווי דער "דאקטאר", אפילו און ווי ביולא אפילו... ניין, איר זענט אומגע־רעכט. מיר וויסן ,אז אפילו מיר זיינען ניט די פארהארטעוועטע פיאנערן, אבער ס'איז דא דער ווילן און ס'איז דא דער קרבן.. און הערט, ביטריס,

איך מוז אייך זאָגן, וואָס איך דאַרף אייך זאָגן. און איך וועל עס אייך זאָגן אַזוי שאַרף ווי מעגלעך. אפשר וועט איר זיך דעמאָלט פאַרטראַכטן וועגן זיך און וועגן די אַנדערע.

— טוט עס, איך בעט אייך. איך בין ניט פון די שרעקעוודיקע. — האָט זי געלאָזט וואַלקנס רויך.

— גוט, אויב אַזוי, — האָט ער זיך אויפגעהויבן. — איר זענט לויט מיין מיינונג זייער עגאָאיסטיש, כאָטש איך רעספּעקטיר אין אייך אייער ווילן צו זעלבסטשטענדיקן דיינקען, אָבער . . .

— אָבער... — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— אָבער איר דאַרפט אַ מאַן.

— וואָס מיינט איר אַ מאַן? — האָט זי געפרעגט ווי פאַרוואונדערט

— איך האָב שוין געהאַט אַ מאַן. בערג איז געווען מיין מאַן, פונקט ווי ער איז איצט ביולאַס.

— איך מיין ניט אַ מאַן צוליב ליבע בלויז — האָט קרופּקין געשוי־בערט זיינע געדיכטע האָר. — און איך מיין ניט אַזאַ צוזאַמענלעבן, ווי עס איז געווען צווישן אייך און בערגן. וואָרן איר זעט דאָך: עס איז ניט גע־ווען קיין פונדאַמענט. עס איז געווען אַ ראָמאַנס אויף פליגל. ווען איך זאָג אַ מאַן, מיין איך אַ מאַן פאַר אַ היימישן רואיקן צוזאַמענלעבן. אַ מאַן, און קינדער, און ברויט, און זאַלץ און אויך בלומען, דעמאָלט וואָלט איר אפשר ניט געווען אַזוי ציניש, וואָס איז זייער אומגעזונט פאַר אייך און פאַר אונדז אַלעמען, ווייל איר זענט אַ טייל פון אונז.

— און... איר מיינט מסתמא אַזאַ מאַן ווי איר זענט אַ שטייגער? — האָט ביטריס מיט איר געוויינלעכן בייסיקן קיבעץ אַ פרעג געטאָן.

— ווי איר פאַרשטייט — האָט קרופּקין געענטפערט. — איך האָב איצט גערעדט ניט וועגן זיך, נאָר וועגן אייך.

— איר זענט אַ וואוילער בחור, קרופּקין, זייער אַ וואוילער. — האָט זי זיך אויפגעהויבן פון שטיין. — און עס געפעלט מיר אַפילו אייער צודרינג־לעכקייט... נו, וועגן קינדער... וועלן מיר נאָך אַמאָל ריידן, דערווייִ־לע.... לאָמיר אַהיים גיין, אויב מ׳קאָן עס אָנרופן — אַ היים.

*

קרופּקין און שולנער האָבן ניט געלעבט בשלום. אויסערלעך זיינען זייערע באַציאונגען איינער צום צווייטן געווען טאַקטיש און געצוימט, אי־נערלעך האָט אָבער איעדער פון זיי געפילט אַן אומצוטרוי. קרופּקינען האָט זיך אויסגעוויזן אַז באַם אָפּגעבן חשבון יעדע צוויי וואָכן, לויפט ער שול־נער איבער די ציפערן מיט אַן אַבזיכטלעכער שנעלקייט איבערצוקומען און פטור צו ווערן פון דעם און שולנערן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז קרופּ־

קין שטעלט אַן זיין אויער און זיין נאָז שוין צופיל און מיט זיין האַלב אָפּע־נעם אומצוטרוי באַליידיקט ער אים.

דער אומצוטרוי איז נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן, ווען קרופקין, אַריינקומענדיק איינמאָל אין אַן אינדערפרי אין אָפיס, האָט דערזען ווי שול־נער טוט אַ כאַפּ עפּעס פאַפּירן פון טיש און וואַרפט זיי איילנדיק אַריין אין שופלאָד. קרופקין האָט גאָרנישט געזאָגט, בלויז אַ שמייכל געטאָן און שולנערן איז דער שמייכל ניט געפעלן געוואָרן.

— איר ווילט עפּעס? — האָט ער אַ פרעג געטאָן טרוקן.

— וואָס עפּעס אַזאַ פראַגע, חבר שולנער, און עפּעס אין אַזאַ טאָן?

— כ'ווייס... כ'האָב אייך ניט דערוואַרטעט, פרעג איך.

— נו, אַז איר ווילט וויסן, וועל איך אייך זאָגן. איך בין היינט ווידער דער אויפזעער, מאַך איך אינספּעקציע, אַזוי צו זאָגן, אָבער מיר דאַכט זיך אַז איר זענט עפּעס ניט מיט אַלעמען . . .

— און איר זענט מיט אַלעמען. — האָט שולנער געפרעגט זוכנדיק עפּעס צווישן די פאַפּירן.

— איך האָף אַזוי. — האָט קרופקין געענטפערט

— אומזיסט אייער האָפנונג. ניט איר און ניט קיינער פון אונדז איז מיט אַלעמען — האָט שולנער פּרובירט ריידן אין אַ ווייכערן טאָן.

— אַ שטייגער? — האָט קרופקין געפרעגט.

— די קאָלאָניע איז דער גאַנצער שטייגער.

— נו, נאָך ניט געפּערלעך. — האָט קרופקין געזאָגט. — אַ גוטער רעגן קאָן שטעלן די גאַנצע קאָלאָניע אויף די פיס.

— די קאָלאָניע איז טרוקן ווי אַ שפּענדל און בלויז אַ קליין שוועבעלע וואָלט אפשר געשטעלט אַלעמען אויף די פיס.

— אַ וואָס? — האָט זיך קרופקין צוגעבויגן צו אים, ווי ניט דער־הערנדיק, וואָס שולנער האָט געזאָגט.

— אַ שוועבעלע. — האָט שולנער ווידערהאָלט טרוקן און איינטאָניק.

— אַ פייער מיינט איר?

— וואָס דען מיין איך? — האָט שולנער אָקוק געטאָן אויף אים מיט אַ קאַלטן בליק.

— איר שעמט זיך גאָרניט צו זאָגן דאָס. — האָט אים קרופקין אָנגע־קוקט מיט פאַרוואונדערונג.

— פאַרוואָס זאָל איך זיך שעמען? צוליב וואָס מיינט איר פאַרזיכערט מען זיך.

— ניט צוליב דעם, אַז מ'זאָל מאַכן אַ פייער .

— ווער רעדט דען פון מאַכן אַ פייער?! — איז שולנער געוואָרן בייז. — אָבער ווען סע ברענט — ברענט.

— עס פּאַסט ניט צו טראַכטן אַפילו פון דעם. — האָט קרופּקין גע־זאָגט שטרענג.

— אַה, לאָזט צורו! ווער טראַכט פון דעם?! — האָט שולנער בײַז פאַרשלאָסן דעם שופלאַד און געלאָזט זיך צו דער טיר.

— אייער אידעאַליזם איז דאַכט זיך אַביסל... מעכולע... — האָט קרופּקין אַ שמייכל געטאָן.

—אַזוי איז אויך אייער און בערגס אידעאַליזם. — האָט שוין שול־נער געזאָגט בײַ דער טיר. — אידעאַליסטן! ...

קרופּקין איז געבליבן שטיין מיט אַ טרויעריקער מינע. — וואָס קומט דאָ פאַר.. וואָס קומט דאָ פאַר.. — האָט ער געטראַכט.

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון הויז, געבליבן שטיין אויף די טרעפּ און פּלוצים דערפילט, ווי עס טראָגט אַ ווינט פון לייק... די קילקייט פון ווינט האָט אים אַרומגעכאַפּט, ווי מיט לאַשטשענדיקע הענט און אויפגעהויבן אוועקצוטראָגן אים . . .

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און דערזען ווי אויף דעם האָריזאָנט גייט אויף אַ טונקעלע, מיט זילבערנער ליכט באַזוימטע, מאַסע, וואָס רוקט זיך העכער און העכער אַרויף צו דער טיפער ליכטיקער בלוי־קייט.

קרופּקינס פּנים האָט אויפגעלויכטן. ער האָט זיך געלאָזט לויפן צום סקלאַד, וואו בערג איז געווען און האָט נאָך אויף דעם וועג געשריגן:

— בערג! ער קומט! ער קומט... דער רעגן! בערג! . . .

אַ גאַנצן טאָג איז דער הימל געווען פאַרוואָלקנט. די כמאַרעס זיי־נען ממש געלעגן אויף דעם פעלד און געשפּרייט אַ טונקלקייט. דער ווינט האָט געבלאָזן און געוויגט די תבואה; און די קאָלאָניסטן, ניט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן אויף דעם וואָלקן־אויסגוס, זיינען כמעט אַלע געזעסן אין דרויסן בײַ די הייזער. עס האָט זיך דערנענטערט דער אָוונט.

ביטריס איז געזעסן בײַ זיך אין צימער. איר שטימונג האָט האַר־מאָנירט מיט דער אומרואיקער נאַטור. זי האָט פּרובירט לייענען און האָט ניט געקאָנט: צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט; געזען דעם טונקעלן האָריזאָנט, געקוקט ווי די תבואה וויגט זיך אינדערוויטנס ווי געגלעט פון אומזעבאַרע הענט; געקוקט און ניט געקאָנט איינשטיין... עפּעס האָט געצייגן, עפּעס האָט גערופן, געברויזט אין בלוט און דערמאָנט, דערמאָנט... זי האָט געעפנט דאָס פענצטער, האָט דער ווינט אַרומגעכאַפּט זי מיט הייסקייט און געריסן פון איר די בלוזע, דאָס קלייד.. דער געדאַנק אַ צעפלאַקערטער, האָט זיך געלאָזט פאַנגען און פאַרטראָגן ווערן צו פאַר־צערנדיקן באַגער... זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט און האָט זיך איינ־געגראָבן אין קישן מיט די פינגער. און בערגס פּנים האָט אין אירע פאַר־

מאכטע אויגן געברענט מיט בליצן פון תאוה.

זי האָט זי דמיטאמאל אויפגעהויבן. געבליבן זיצן אויפן בעט מיט פאַרקלעמטע פויסטן און מיט פאַרקלעמטע ציין און אין איר האַרץ האָט דאָס בלוט געפּאָמפּעט אונטערן שווערן דרוק און אין מוח האָט דער געדאַנק געדרייט זיך געקאַרטשעט זיך, גערעדט און געביסן... ניין, ניין, ניין. מ׳טאָר זיך ניט אונטערגעבן... דאָס לעבן, דאָס איינציקע לעבן טאָר מען ניט מקריב זיין, טאָר מען ניט צוטיילן אויף שטיקער — אַ שטיק דעם, אַ שטיק יענעם און זיך, זיך — גאָרניט... דאָס לעבן דאַרף מען נעמען, שטור־רעמען אַזוי לאַנג ווי מ׳לעבט, אַזוי לאַנג ווי עס לעבט דער באַגער, אַזוי לאַנג ווי דאָס בלוט פאָדערט... בערג, טייערער בערג. קיינער, קיינער האָט קיין רעכט ניט אויף איר לעבן, וואָס איז בלויז איינמאָל אירס... איצט איז די צייט,, איצט איז די צייט.. ער איז אַליין, ביולא איז אינדרויסן דאָרט.. גיי, גיי . . .

געשטאַנען אַזוי אַ ווײַלע אין מיטן צימער, צוהאַלטנדיק מיטביידע הענט דאָס ציטערדיקע, פלאַטערדיקע האַרץ... געעפנט די טיר און געלאָזט זיך גיין צו בערגס צימער.

ביולא איז געזעסן אין דרויסן מיט קרופּקינען און מיט דעם דאָקטאָר ווייל בערג איז געזעסן אין צימער און האָט געשריבן. דער שטורם און דער קומענדיקער רעגן האָבן אים אינספּירירט צו שרייבן... ער האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געשריבן... האָט זי געזאָגט.

אויך רויזנבוים דער דיכטער איז צוגעקומען, געשטאַנען אַ ווײַלע און צוגעהערט זיך וועגן וואָס מ׳האָט גערעדט, ווען ער האָט אָבער דערהערט די ווערטער ״אינספּיראַציע״ און ״שרייבן״, האָבן זיך זיינע הענט אַ צי געטאָן צו דער קעשענע וואו ער האָט געהאַלטן אַ צייטונג.

— האָט איר געזען, קרופּקין? — האָט ער אַ פרעג געטאָן און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין דער צייטונג

— געזען וואָס? — האָט קרופּקין געפרעגט.

— מיין ניי ליד אין דער ״פאַלקס שטים״.

— יאָ? — האָט זיך קרופּקין דערפרייט. — טאַקע אַ נייע ליד? אדרבה, לייענט, לאָמיר הערן.

— איצט ניין.. — האָט רויזנבוים אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און האָט אָנגעוויזן אויף דעם הימל, וואו עס האָבן זיך פלוצים צעשפּילט בליצן און עס האָבן זיך דערהערט ווייטע ברומענדיקע דונערן — איצט ווען די נאַטור רעציטירט איר שענסטע, דראַמאַטישסטע פּאָעמע, זאָל איך לייענען מיין ליד? ניין, איך האָב אַ גרויסן דרך ארץ פאַר אַט דעם... — האָט ער ווי־

דער אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף דעם הימל, וואָס איז געוואָרן טונקעלער און טונקעלער מיט שוואַרצקייט פון אָנגעלאָפענע כמאַרעס.

— איר זענט זייער באַשיידן. — האָט קרופקין געזאָגט אין שפּאַס.

— כאַ, כאַ, איר זענט אַ קיבעצער, — האָט רויזנבוים פאַרשטאַנען דעם שפּאַס און האָט צוגעגעבן: — ווען זעאוס רעדט — שווייגן אַלע געטער.

קרופקין האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבן אַ באַאומרואיקטער. עס איז אים געקומען אויף דעם געדאַנק ביטריס. עס האָט אים ניט געוואונדערט וואָס זי זיצט ניט צוזאַמען מיט אַלע אינדרויסן, ער האָט געוואוסט ווי זי איז טריי אירע שטימונגען און איר דעמאָנסטראַטיוון סנאָביזם; עפּעס האָט דאָך באַאומרואיקט און אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין האָט עמי־צער ווי געקלאַפּט מיט אַ העמערל: ביטריס.. ביטריס.. ביטריס

ער איז געשטאַנען אַ ווילע און, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, געלאָזט זיך גיין אין הויז אַריין. און אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט געעפנט די טיר, האָט ער דערזען ביטריסן. זי איז געגאַנגען מיט שנעלע טריט צו בערגס צימער און גייענדיק האָבן זיך פון די צעעפנטע פאַלדן פון איר נאַכט־מאַנטל אַרויסגעזען אירע נאַקעטע פיס.

איידער ער האָט נאָך געהאַט צייט צו באַשליסן ווי צו האַנדלען, איז זי שוין אַריין אין בערגס צימער. קרופקין האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט אים ניט געזען. ער האָט אָבער ניט געוואוסט וואָס ער דאַרף אונטער די אומשטענדן טאָן. ווי דאַרף ער האַנדלען, אַז די האַנדלונג זאָל באַרעכטיקט ווערן סיי פון אַנשטענדיקייט און סיי פון פריינטשאַפט. צו בערגן, צו ביט־ריסן און צו ביולאַן.

די פיס האָבן אים שוין אָבער ווי אָן זיין ווילן און צושטימונג גע־פירט צו בערגס טיר... ער האָט געקאָנט הערן ווי זייריידן: בערג אָן אויפ־געקעגטער, ביטריס מיט געבעט.

אַ טיפע צופרידנקייט האָט זיך צעגאָסן אין אים, הערנדיק זייער גע־שפּרעך. און פּלוצים האָט געגומען קראַכן. דורך די פענצטער און קאָרידאָר האָט ער געקאָנט זען ווי דאָס פעלד טוט זיך אַ באַווייז ווי אויף אַן עקראַן, ווי באַלויכטן מיט אַ מאַגישער ליכט און אונטער דעם קראַך פון די דונערן טראָגט זיך צו דער ערד מיט שנעלקייט און מיט פּלוצימדיקער קראַפט אַ שטורימדיקער, שטראָמיקער רעגן — און די טירן און די פענצטער קלאַפּן... און פריילעכע געשרייען פון די לויפנדיקע קאַלאָניסטן מישן זיך אויס מיט דעם באַראַבאַנענדיקן קלאַפּן אין דאַך.

ער האָט געוואוסט, אַז באַלד קומט אָן ביולאַ, האָט ער מיטן פויסט אַ קלאַפּ געטאָן אין בערגס טיר און געלאָזט זיך לויפן צו זיין אייגענעם צי־

מער. און,שטייענדיק שוין באַ דער אייגענער טיר, האָט ער געזען ווי ביו־לאָ איז מיט לאַנגזאַמע רואיקע טריט צוגעקומען צו דער טיר, געעפנט און איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אַן אומבאַוועגלעכע. פאַרמאַכט די טיר און געלאָזט זיך גיין מיט שטילע טריט צו דעם ווייטן פענצטער אין קאָרידאָר, וואו זי איז געבליבן שטיין ווי אַ טונקעלער שאָטן אויף דעם פאָן פון דעם בליצנדיקן הימל. ביטריס איז אויך גלייך אַרויסגעקומען פון בערגס צימער און מיט אַ טראַציק אויפגעהויבענעם קאָפּ געלאָזט זיך גיין צו איר צימער.

אין דעמזעלבן אָוונט איז דער דיכטער רויזנבוים געשטאַנען באַ זיין פענצטער אַן איינזאַמער, פאַרטראַגן פון געדאַנקען און פון זכרונות. די צײַ־טונג אין וועלכער עס איז געווען אָפּגעדרוקט זיין ליד איז געלעגן אויפן בעט אויך איינזאַם און ווי פאַרגעסן. דאָס ליד האָט דערפרייט זיין האַרץ ווען ער האָט עס דערזען אָפּגעדרוקט. ער האָט אָבער געטראַכט, אַז אויך דאָס ליד שוועבט ערגעץ אַן איינזאַמעס און קיינער לייענט עס ניט און קיי־נער הערט ניט דאָס געזאַנג פון דער נשמה. אַמאָל... ווי ווייט אַמאָל?... ניט ווייט אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט ער געוואוסט אַז איעדער ליד זיינס וועט געלייענט ווערן פון איר, פון זיין פרוי. איצט — וואו און ווען וועט זי זען זיינע לידער און וואו און ווען וועט זי זיי לייענען.

ער הערט אַזוי קלאָר איר לאַך... ערגעץ אין די ווינקלען אַרום.. ער זעט, דאַכט זיך אים, דעם גלאַנץ פון אירע אויגן, דעם רויטן שמייכל און דעם בליץ אין אירע ווייסע ציין... ער קאָן שפּירן דעם דינעם גערוך פון איר פּאַרפיום אין דער פאַרנאַכטיקער גרויקייט. לאהלע — זיין פרוי... לאהלע — די יידישע אַקטריסע. ער דערמאָנט זיך, ווען זי האָט צום ערשטן מאָל פאַרגעלייענט זיינע אַ פּאָעמע און גלייך דערפילט ווי ער ווערט פאַרבונדן מיט איר דורך אַ גייסטיקער נאָענטקייט, דאָסזעלבע האָט זי אויך געפילט, ווי זי האָט עס אים דערנאָך געזאָגט. די באַגעגענישן זייערע זיינען גע־וואָרן אָפטער, אָנגעפילטע מיט בליציקע שטימונגען. זי האָט געוואוסט ווי אַזוי און זי האָט געקאָנט שאַפן אַ שטימונג, שאַפן עס מיט געזאַנג, מיט וואָרט און מיט איר פרויעשן צויבער וואָס האָט געהאַט אין זיך אַזוי פיל יידישן חן. די שפּעטע שעה׳ן אין די קאַפע־הייזער, די נאָך שפּעטערע שעהן ביי איר טיר און אַמאָל אין צימער, — דאָס האָט אָנגעפילט זיינע טעג און נעכט מיט זינגנדיקע שטימונגען. זיינע לידער האָבן גע־שפּילט מיט אַלערליי פאַרבן און דאָס לעבן האָט גערופן... סיי ער, און סיי זי זיינען שוין געווען אָנגעפילט מיט דער צייטיקייט און מיט דער זאַפט פון לעבן, ווי עס פילן זיך אַן פרוכטן אין די מיטזומערדיקע טעג. און סיי ער און סיי זי האָבן געוואוסט, אַז ס׳איז צייט איינצובייסן זיך, און טרינקען די זאַפט און פילן דעם ברען און דעם אַראָמאַט פון זייער צעבליטן זומער.

און אַזוי איז דאָס געשען. אָבער ניט אויף לאַנג. דאָס צוזאַמענלעבן זייערס איז געווען ווי אַ חלום און די צעשיידונג איז געקומען פּלוצים, ווי עס קומט פּלוצים אַ שלעכטע בשורה. זי האָט גערעדט צו אים, ווי מ׳רעדט צו אַ יונג־פאַרליבטן בחורל, און געטרייסט ווי מ׳טרייסט איינעם וואָס איז געווען פאַרליבט אין אַ זינלאָזן חלום. ניין, איר וועג גייט דורך קוליסן צו בינע־שפּיל, צו קאָלירפולע דעקלאַמאַציעס און ליכט עפעקטן, צו בראַוואָ־פאַ־טשעריי און באַגייסטערונג... איר לעבן איז אויף באַנען, אין האָטעלן, אין פרעמדע צימערן פון שטאָט צו שטאָט, פון יאָר צו יאָר — אין געוויין, אין געלעכטער און געזאַנג, אין טאַנץ און אין נויט... זיין וועג, זיין לעבן איז צו שטיל, צו באַשיידן פאַר איר טעמפּעראַמענט; זיין טאָג איז אַגע־דאַנק און אַ שטימונג אין ליד, — איר נאַכט איז אַ ראַקעט אין באַנאַכטיקן הימל, זאָל זיין בלויז אויף אַ מאָמענט, אָבער צעשאָטן אין קאַסקאַדן פון קאָלירפולע פייערדיקע פונקען . . .

איז זי אַוועק מיט באַנען צו ווייטע שטעט און צו פרעמדע הימלען און ער איז איצט אַליין — מיט זיין ליד און מיט דעם שטורם — אין האַרצן און אין הימל, איינער קעגן דעם צווייטן.

אָבער ניט דאָס אַליין האָט גענאָגט, דאָס יידישע לעבן, וואָס איז אים געווען אַזוי טייער, אַזוי נאָענט און דאָך אַזוי פאַרפלאָנטערט מיט אַזוי פיל פאַרשידענע פּראָבלעמען, האָט גענאָגט. גיין קנעלן מיט יידישע קינדער, וואָס האָבן ניט גערעדט קיין יידיש, האָט נאָך מער פאַרשאַרפט זיין פּעסע־מיזם, זיין פאַרצווייפלטן בליק אויף די וועגן פון יידישן פאָלק. ער האָט געזען, ווי דער יונגער דור ווערט כמעט אינגאַנצן אָפּגעריסן פון שורש און ניט די עלטערן האָבן דאָס געזען און ניט די יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט גע־רעדט צום יידישן פאָלק וועגן יידישער קולטור; און ניט די שרייבער און לערער האָבן געוואוסט ווי אַזוי צו פאַראייניקן, צו פאַרבינדן מיט איין שפּראַך, מיט איין נשמה, מיט איין קולטור דאָס אויפגייענדיק און פאַרגייענדיק יידיש לעבן. עס איז שווער געווען צו זען, ווי כמעט די גאַנ־צע יידישע קולטור־אָנפירערשאַפט איז פאַרטאָן אין אייגענער, ענגער, עגאָ־צענטרישער וועלט אין וועלכער דער קיום און אינהאַלט פון יידישן לעבן איז פאַר זיי ווערטפול אויף אַזוי פיל אויף וויפיל עס רירט אָן זייערע אייגענע אינטערעסן, זייער פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט און אין דער שאַפנדער סביבה. אַיעדער איינער, האָט ער געזען, האָט געהאַט זיינע איי־גענע וואָגשאָלן מיט וועלכע ער האָט געוואויגן די פּערל פון דער יידישער קונסט און פון דער יידישער קולטור. און די וואָגשאָלן זיינען, מערסטנס, געווען פאַלשע, מיט דער באַוואוסטזיניקייט, אָדער אומבאַוואוסטזיניקייט פון דעם וועגער. און טאַקע דער באַוואוסטזיין, אַז אויך ער גייט אַריין אין דער־דאָזיקער קאַטעגאָריע, אַז אויך ער איז אַנטלאָפן פון דעם ניט צעאַקערטן

פעלד, וואו ער האָט איבערגעלאָזט אַזוי פיל ווילדע גראָזן און האָט פאַר זיך אויסגעקליבן אַ ווינקל, באַ די שטילע פאַרוואָרפענע ברעגן פון לעבן, וואו ער וויל זיך אויסלעבן מיט ריינער, באַטירלעכער אמתדיקייט און איגנאַ־רירט אינגאַנצן די אַרבעט, וואָס איז באמת זיין אַרבעט — איבערצונעמען די דערציאונג פון די קינדער, אַרויסנעמען זיי פון ביטריסעס הענט און אַנ־הייבן איינצופלאַנצן אין זיי די וואָרצלען, די זערנעס פון דער יידישער טראַדיציאָנעלער קולטור, — אָט דער באַוואוסטזיין פון זיין אַנטלויפן האָט אים געפייניקט טאָג איין, טאָג אויס.

אָט איצט ליגט דאָס ליד אויף זיין בעט און קיינער אין דער קאָ־לאָניע און קיינער פון די קינדער, קיינער חוץ אים אַליין האָט עס ניט גע־לייענט און האָט ניט דערפילט דעם פריידיקן ציטער פון דער נשמה.

ניין, עס מוז נעמען אַ סוף, ער מוז זיך צוריקקערן צוריק, צו דער אמתער נשמה זיינער, צו דער אמתער אַרבעט זיינער — צעאַקערן דאָס פעלד פון יידישן וויסן, פאַר זיי, פאַר די יידישע קינדער, שוין, ניט וואַר־טנדיק . . .

*

קרופקין איז אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטער. עס איז שוין אַוועק אַ וואָך צייט זינט דער שטורמדיקער נאַכט, וואָס האָט געלאָזט די שפורן פון אַ שטורם אויך באַ אים אין מח. ער האָט געזוכט די אויגן פון ביולאַן, ווי ער וואָלט געוואָלט געפינען אין זיי אַ פענצטערל צו איר שטימונג, צו אי־רע געדאַנקען און זען און וויסן וועגן וואָס זי טראַכט ווי אַזוי זי פילט נאָך יע־נער שטורם נאַכט. אָבער אין אירע באַציאונגען צו בערגן האָט ער ניט באַמערקט קיין שום ענדערונג. זי איז געווען פונקט אַזוי אַנגענעם און גע־שמייכלט פונקט אַזוי ליבלעך און טריבלעך ווי פריער, און גערעדט צו אים מיט דעם זעלבן חברשן און רעספּעקטפולן צוגאַנג.

קוקנדיק אויף איר, האָט זיך קרופקין געגומען באַרואיקן. געטראַכט, אַז דאָס לעבן איז ניט אַן אינצידענטן און ווען מ'קאָן זיי אַנגעמען פילאָ־זאָפיש און מיט טאָלעראַנץ, ווערט דאָס לעבן לייכטער און דאַנקבאַרער.

אָבער מיט אַ וואָך שפּעטער, אין דעם טאָג, ווען בערג איז אַוועקגע־פאָרן אין שטאָט אַריין; האָט פאַסירט נאָך אַן אינצידענט, וואָס האָט ווידער גענומען טראָגן קרופקינען צו שווערע שטימונגען און מעדיטאַציעס.

דאָס איז געווען אין דעם טאָג ,ווען דער באַרבער שאַץ האָט גע־דאַרפט שערן די קינדער. געוויינלעך, פלעגט ער דאָס טאָן נאָך דעם אָנבייסן. און אַזוי ווי נאָך דעם שערן האָבן אַלע געוואָלט גיין צום לייק באָדן זיך, זיינען זיי אַלע געקומען אין זייערע באָד קאָסטיומען.

שאַץ'ס לאַנג פּנים מיט די לאַנגע רויטלעכע באַקן־פאות, די לאַנגע

קרומלעכע נאָז, זיינע דאַרע פּיס און הענט מיט נערוועזע צעקרימטע פינ־ גער, האָבן זייער האַרמאָנירט מיט זיין כאַראַקטער. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געשטרעבט צו ווערן אַן אַקטיאָר. אָבער זיין גאַנצע אַקטיאָרישע קאַר־ יערע האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גרימירן מיטגלידער פון דראַמאַטישע קלובן. ער האָט כמעט ניט געהאַט קיין פריינט אין דער קאָלאָניע, פלעגט טאָן זיין אַרבעט אַ שווייגנדיקער, אַמאָל אַריינוואַרפן אַ וואָרט אָדער אַ באַ־ מערקונג אָבער אימער אַ שטעכיק אָדער אַ ציניש וואָרט אַ וואָרט מיט אַ געלעכטערל.

בערג האָט זיך זייער געוואונדערט, ווען שאַץ איז געקומען פאַר־ שרייבן זיך אַלס אַ מיטגליד. עפּעס איז אים ניט געפעלן אין אים. גיין גריב־ לען זיך אין זיין פאַרגאַנגענהייט, האָט ער ניט געוואָלט. עס איז געווען געגען זיין געשמאַק און פּרינציפּ צו פאָרשן און אונטערזוכן דאָס לעבן פון אַ מענטשן. אַ מענטש איז וויליק צו ווערן אַ מיטגליד אין דער קאָלאָ־ ניע, און אַ שערער אין דער קאָלאָניע וועט זיכער צונוץ קומען און די באַשטימטע סומע געלט וועט ער איינצאָלן, טאָ פאַרוואָס מאַכן אויסנאַמען.

אָבער ערשט נאָכדעם, וואָס שאַץ איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער קאָלאָניע, האָבן זיך צו בערגן דערטראָגן קלאַנגען, אַז אין שאַץ׳ס פאַר־ גאַנגענהייט זיינען פאַראַן פלעקן — און די קאָלאָניע איז אַ מין מקלט פאַר אים, נאָך דעם וואָס ער האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַ מיאוסע שטיקל אַרבעט באַ די באַלעבאַטים, וואו ער האָט געאַרבעט אין שטאָט. דאָס אַלעס האָט זיך בערג דערוואוסט פון אַן אַנאָנימען בריוו, וואָס עמיצער האָט אַריינגעשיקט אין דער קאָלאָניע. בערג האָט אָבער פאַרשוויגן די גאַנצע זאַך. אָנהייבן אַן אויספאָרשונג און מיט דעם אַוועקשטעלן שאַצן אין אַן אומאַנגענעמער און אַפילו אין אַ געפערלעכער פּאָזיציע האָט ער ניט געוואָלט. האָט ער די ערשטע צייט געהאַלטן אַן אויג אויף אים. און דערנאָך אינגאַנצן פאַרגעסן אַן דעם בריוו און אַן דער געשיכטע. איבערהויפּט, ווען שאַץ האָט זיך אויפ־ געפירט שטיל און אַנשטענדיק, ניט ערגער פון אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דער קאָלאָניע.

ס׳איז געווען אַרום דריי אַזייגער נאָך מיטאָג, ווען ביטריס האָט צו־ נויפגענומען אַלע קינדער און געבראַכט זיי צעפירן צו שאַצן. און ווען שאַץ האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט איז זי דערוויילע אַריינגעגאַנגען אין דער ביבליאָטעק, אויסצוואַרטן דאָרטן ביז ער וועט פאַרטיק ווערן.

שאַץ האָט אָנגעהויבן מיט די יונגערע און דערביי האָט ער געבעטן שוירלי שטערנטאַל די עלטסטע און שענסטע פון די קינדער זי זאָל אים אַרויסהעלפן מיט דער אַרבעט. אין קיין איבעריקער הילף האָט ער זיך איי־ גענטלעך ניט גענייטיקט. ער האָט אָבער געוואָלט, אַז די דרייצניאָריקע שוירלי זאָל שטיין לעבן אים. עס האָט אים געצויגן צו קוקן אויף איר און

אַנצורירן אירע הענט און פּיס. ווען ער האָט זי דערזען צווישן די קינדער אין איר דינעם קורצן באַד קאָסטיום, האָט זיין האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרקער און גיכער. ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט, אָבער זיינע הענט האָבן געציטערט און זיין בליק האָט זיך ניט געקאָנט אָנזעטיקן און אָפּרייסן פון שוירלי'ס יונגען, גוט ענטוויקלטן קערפּער — אירע שלאַנקע פּיס, איר באַקעטע פּלייצע, אירע הויכע שפּיציקע בריסטלעך און איר יע־דע באַוועגונג האָט געצונדן זיין בלוט, און יעדער אָבר זיינער האָט וויב־רירט מיט גלוסט. האָט ער איר געהייסן שטיין לעבן אים און צוהאַלטן די קינדער, וועלכע ער האָט געשוירן. שוירלי איז געבליבן די לעצטע. ער האָט זי גענומען שערן און שערנדיק האָט ער יעדעס מאָל צוגערירט זיך צו איר און געגלעט איר קאָפּ און אירע הענט און פּיס און עפּעס גערעדט און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט שנעלער און די הענט און פּיס האָבן געציטערט.

און פּלוצים האָט ער זי ווי אַ פאַרנעפּלטער אַרומגעכאַפּט מיט די הענט און איינגעזויגן זיך אין איר האַלדז; — זי האָט אַ בלייכע און אַ דער־שראָקענע גענומען שרייען און רייסן זיך פון זיינע הענט — האָט ער זי אָפּגעלאָזט און זי איז אַרויס פון הויז. זי איז געלאָפן אַהיים, אומקוקנדיק זיך יעדע ווייַלע צי ער לויפט איר ניט נאָך, און איז אַריינגעפאַלן אין הויז אַ ווייִנענדיקע ניט קאָנענדיג אַרויסריידן אַ וואָרט פון שרעק.

דער מוטער האָט זיך קוים איינגעגעבן אויסצוגעפינען פון איר וואָס עס האָט פּאַסירט. און ווען זי האָט דאָס דערהערט איז זי גלייך אַוועק צום הויז און אויפן וועג מיטגעשלעפּט מיט זיך וועמען זי האָט נאָר געטראָפן. ס'האָט ניט גענומען לאַנג און די גאַנצע קאָלאָניע כמעט איז געווען באַם הויז נומער איינס, און שאַך איז געשטאַנען צווישן זיי אַ בלייכער און פרוּ־בירט אויסלאָכן, מאַכן צונישט די גאַנצע פּאַסירונג: מאַלע וואָס אַ קינד ווייזט זיך דאָרט אויס . . . — און אַז ער האָט איר געגעבן אַ קוש איז וואָס — טאָר מען שוין קיין קינד ניט קושן אין דער קאָלאָניע?

עס האָט אים אָבער ניט געהאָלפן.

אין דעם געשריי און געפּילדער איז פרידמאַן צו צו אים, אָנגעכאַפּט אים באַ די לאַצן און גענומען טרייסלען — און נאָך פרידמאַנען איז צו שאַ־פּירא און פאַרמאַסטן זיך שוין אַראָפּצולאָזן אים אַ פּאַטש — עס האָבן זיך אָבער אַריינגעמישט קרופּקין און דער "דאָקטאָר". זיי האָבן אים אַרויסגעג־שלעפּט פון דעם אויפגעדרעגטן עולם און אַוועקגעפירט אים אין זיין צי־מער, איבערגעלאָזט אים דאָרטן, אָפּזאָגנדיק אים אַ גוטע פאַרציע מוסר. זאָל ער זיצן באַ זיך אין צימער ביז עס וועט רואיקער ווערן. ס'איז אַ פּאַס־קודנע געשיכטע אין דער קאָלאָניע — פע... זאָל שוין בערג קומען — וועט מען שוין עפּעס זען ווי ס'ניט איז איינשטילן.

די קאָלאָניע האָט געזאָטן און געברויזט. די פּאַסירונג

האָט פאַנאַנדערגעבלאָזן יעדן איינעמס פאַנטאַזיע. מ'האָט זיך גענומען דער־מאָנען און דערציילן זאַכן וועגן שאַצן, וואָס זיינען ניט געשטויגן און ניט גע־פלויגן. און נישט נאָר וועגן שאַצן. און מיסעס אַקערמאַן האָט פון דער הוילער הויט גענומען אַריינזאָגן מערין — זי, מערי דאַרף שווייגן, וואָס רעדט זי דאָרטן די מאַכערטע; ווען זי טראָגט הויזן וואָלט זי געווען ניט בע־סער פון שאַצן. און מיסעס גאַנטש האָט אַלע אירע בייזע חלומות אויסגע־לאָזט צו דער גאַנצער קאָלאָניע, און צו דעם "דרעקטאָר" בערג, וואָס האָט אַרויסגענאַרט דאָס געלט און האָט זיך געמאַכט אַ קאָלאָניע; — זאָל ער נאָר קומען, מ'וועט שויןריידן מיט אים. און מיסעס אַקערמאַן האָט אָנגע־הויבן מיט "חשבון" און געשריגן, אַז זי פאַרלאָזט די קאָלאָניע, אַז מ'איז דאָך דאָ ניט זיכער מיט דעם לעבן, אַז גאַרניט איז דאָ ניטאָ און אַפילו אַ פּאָליסמאַן, צו אַלדע שווארצע יאָר, האָט מען דאָ אויך ניט.

קרופּקין האָט פּרובירט אַלעמען באַרואיקן, אַ ווינק געטאָן צו ביור־לאָן זי זאָל אַריינגיין צו זיך אין צימער. האָט זי אים געפאָלגט. און נאָך ביולאָן האָבן זיך די איבעריקע אויך אָנגעהויבן פאַנאַנדערצוגיין.

עס איז ווידער געוואָרן שטיל אַרום.

ביטריס איז געגאַנגען לעבן קרופּקינען און געשמייכלט. אויף דעם גאַנצן אינצידענט האָט זי געקוקט ווי אויף אַ לאַגישן רעזולטאַט פון דער עקספּערימענטאַלער קאָלאָניע — עס האָט זי ניט איבעראַשט און עס האָט זי ניט באַאומרואיקט די גאַנצע געשיכטע.

— וואָס שמייכלט איר? — האָט קרופּקין געפרעגט.

— עס איז צום לאַכן — האָט זי זיך שוין צעלאַכט. — בערג וויל בויען אַ מלוכה, כאַ־כאַ־כאַ! ניין, ניט מיט אַזעלכע שוואַכינקע מיטלען, און ניט מיט ווערטער און מיט גוטן ווילן אַליין קאָן מען צאַמען און ענדערן די מענטשלעכע נאַטור. נו, וואָס וועט איר איצט טאָן מיט דעם שאַצן? לינטשן אים צי פאַרשפּאַרן אפשר אין אַ תפיסה. אַז בערג האָט גאָר פאַרגעסן צו בויען אַ תפיסה, כאַ־כאַ־כאַ! צי אפשר איז די גאַנצע קאָלאָניע... אַ תפיסה, כאַ־כאַ!

— ווי פאַר ווענען. — האָט קרופּקין געזאָגט.

— אויך פאַר אייך, קרופּקין. אויך פאַר אייך. איר האָט, אָבער מורא צוצוגעבן עס, ווייל איר האָט מורא צו פאַרלירן דעם גלויבן... און אָט־אָ דעם סענטימענט . . .

— פאַרוואָס דיינקט איר, אַז ס'איז בלויז אַ סענטימענט.

— וואָס דען, אויב ניט קיין סענטימענט? —האָט זיך ביטריס געפילט שטאַרק אין איר אַרגומענט; — די פּראַקטישע רעזולטאַטן באַווייזן דאָך עפּעס אַנדערש און איר קלעפּט זיך נאָך אַלץ צום באַדן ווי אַ פליג צו קלעפּיק פּאַפּיר, איז וואָס איז דאָס, אויב ניט אַ קלעפּיקער סענטי־

מענט? גלייבט איר טאַקע, אַז נאָר דאָ, אַז נאָר אַלס פּויערים קאָן מען לעבן אַ פרייהייטלעך אידעאַלן לעבן? און אין שטאָט, אַז מ'וויל קאָן מען ניט? זייַנען שוין טאַקע די שטאָטישע פּאַראַורטיילטע קרבנות? האָט איר זיך נאָך ניט איבערצייגט אַז קיין גרויסע פּאַטריאָטן פון זייער נייעם פּאָטערלאַנד דאָ, זיינען די קאָלאָניסטן ניט געוואָרן? זעט איר דען ניט, אַז די מערסטע פון זיי זיינען בלויז מאַלפּעס און זאָלן זיי געוואויר ווערן וואו מ'קאָן מאַכן אַ בעסער לעבן, וועלן אַלע אייערע פייגעלעך צעפליען זיך... און האָט איר זיך ניט איבערצייגט, אַז מענטשלעכע ליידענשאַפטן און קליינקייטן זיינען די ווערעמלעך, וואָס פרעסן דורך און דורך די שטאַרקסטע באַלקנס און דעמבעס. מיר האָבן דאָך שוין ניט איינמאָל גערעדט וועגן דעם און איר האָט מיך ביז איצט נאָך ניט איבערצייגט, אַז איך בין ניט גערעכט. אויף וואָס האָט בערג געשטיצט זיינע חלומות? אויף וועמען? איר ווייסט, אַז בלויז אויף סענטימענטן. און ווען ער וועט זיך אויסניכטערן, וועט ער דערזען, אַז מיט אידעאַל און מיט ליבע צו דער זאַך אַליין קאָן מען ניט בויען קיין אינדזל־קאָלאָניע אינמיטן פון אַ . . . פּיראַטן־ים. אַפילו ניט בערג, דער דאָן קיכאָט, מיט אייך, זיין . . . ווי האָט ער דאָרט געהייסן... סאַנקאָ־פּאַנטשאָ . . .

קרופּקין האָט געקוקט אויף איר און געוואונדערט זיך, וואו עס נעמט זיך ביי איר אַזויפיל פאַרגלייבטקייט אין דער אמתדיקייט פון אירע ווערטער. מיט אַמאָל האָט אַרויסגעשוואומען פאַר אים דאָס בילד פון דעם שטורמדיקן אָוונט, ווען ער האָט זי דערזען אַ האַלב־נאַקעטע אַריינגיין צו בערגן אין צימער אַריין. יאָ, אין דעם הינזיכט, איז זי אפשר גערעכט; מ'קאָן אפשר ניט צאַמען מענטשלעכע תאווה און די מענטשלעכע נאַטור, אָבער אויפנעמען דאָס לעבן אַזוי מאַטעריאַליסטיש און אַזוי ציניש, ווי זי טוט עס, דאָס איז שוין אַביסל צופיל. זי וואָלט געמעגט רעדן מיט אַביסל ווייניקער איראָניע און סאַרקאַזם וועגן בערגן און וועגן סענטימענטן און אידעאַלן אין אַלגעמיין. ער האָט דערפילט אַ בייזקייט אויף איר כאַראַקטער און איר פייאיקייט צו טרעפן אין די אָפענע וואונדן, האָט אים מיטאַמאָל אַרויסגעבראַכט פון זיך, און ניט קאָנענדיק מער קאָנטראָלירן זיך, און וועלנדיק איינמאָל פאַראַלע מאָל אָוועקשטעלן זי פאַר דער דילעמאַ ,אָדער, אָדער . . . האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איך וויל אייך היינט זען ביטריס. איך מוז רעדן מיט אייך.

— ווען היינט?

— היינט אין אָוונט. איצט בין איך צופיל אויפגערעגט... קאָן איך ניט.

— וועגן וואָס וועט איר רעדן מיט מיר?

— וועגן אייניקע זאַכן, וואָס אינטערעסירן מיך זייער.

— אויב ס'איז וועגן מיר, איז אומזיסט אייער ריידן.

— היינט אין אָוונט באַם, לייק... אהז — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אין אירע אויגן.

— אָל רייט... היינט אין אָוונט, אַרום זיבן אַזייגער.

דער טאָג איז אַוועק אין צעקאָכטן בלוט. קרופּקין אָבער האָט גע־פילט אַז אייגענטלעך, איז דאָ ניט פאַרגעקומען וועך ווייסט וואָס פאַר אַ טראַגעדיע, פאַר וועלכער מ'דאַרף זיך שלאָגן און אויפרייצן ביז בלוט די געמיטער. אמת, זייער ניט קיין אנגענעמענע געשיכטע, אָבער אַנמאַכן אַזאַ טאַראַראַם... אַזוי האָט ער געטראַכט קרופּקין און געוואַרט אויף בערגס אָנקומען. ווארן בערג, האָט ער געוואוסט, וועט וויסן ווי צו באַרואיקן, ווי איינצושטעלן שלום און נעמען די בייטיקע שריט צו פאַרמיידן אין דער צוקונפט אַזעלכע מין אינצידענטן.

אין אָוונט, באַם מאָלצייט, האָבן זיך די געשפּרעכן געמישט און גע־קלונגען צוזאַמען מיטן געקלאַנג און קלאַפּעריי פון די לעפל, מעסער און געשיר. שאָץ איז געווען באַ זיך אין צימער און קיינער האָט אים מער ניט געזוכן.

ביולאַ איז געזעסן באַם טיש אויף איר פּלאַץ און מיט איר שמייכל און מיט די שטילע רייד געשאַפן אַרום זיך אַ פאַרהעלטעניסמעסיקע רו־איקייט.

דער אָוונט איז געווען אַן אויסגעשטערנטער און אַ קילער. איבערן לייק איז געפלויגן אַ סטאַיע פייגל און מיטן קראַקן געריסן די פאַרנאַכטיקע שטילקייט.

קרופּקין, איז שוין געזעסן אויפן שטיין באַם לייק און האָט געוואַרט אויף ביטריסן. ער איז געווען צופרידן צו זיין אַ ווײַלע אַליין און באַ־טראַכטן וואָס ער וויל איר זאָגן — ווי אַזוי צו זאָגן עס איר.

ענדלעך האָט ער דערזען אַ טונקעלן סילועט. זי איז צוגעקומען מיט לאַנגזאַמע טריט, מיט איר געבלימלטן שאַל אויף די פּלייצעס. אַנידערגע־זעצט זיך שווייגנדיק, ווי ניט זעענדיק אים.

— אַ גוטן אָוונט ביטריס. — האָט קרופּקין געזאָגט. — ווען ס'וואָלט היינט געווען אַ לבנה, וואָלט איך געמיינט, אַז איר זענט אַ באַכטוואַנדלערין.

— פאַרוואָס אַ נאַכטוואַנדלערין?

— איר גייט און שוויגט און זעט ניט קיינעם, ווי אַ פאַרטיפטע אין שלאָף.

— אה . . .

— ס'איז גוט, וואָס איר האָט גענומען דעם שאַל — ס'איז קיל.

— צוליב וואָס האָט איר מיך געבעטן קומען אַהער. — האָט זי גע־פרעגט.

— הערט אויס, ביטריס. — איז ער צוגעגאַנגען צו איר. — איך בין ניט פון דידאַזיקע, וואָס שטופּן זיך וואוהין מ׳דאַרף ניט און איך בין אויך ניט קיין פּאָליסמאַן, וואָס טוט אַכטונג אויף דער... מאָראַל. איך האָב אָבער געמיינט, אַז צווישן אונדז איז פּאַרט פאַראַן עפּעס אַ פריינטשאַפט, וואָס דערנענטערט אונדז, וואָס גיט מיר דאָס רעכט צו ריידן צו איך . . .

— ריידן קאָן יעדער ווער עס וויל נאָר... צום באַדויערן האָבן מיר שוין אָבער צו פיל רעדנער . . .

—אָבער ניט צופיל פריינט.

— מ׳קאָן זיין זייער גוטע פריינט.. פונדערווייטנס .

— אַך ביטריס... פאַרוואָס זענט איר אַזאַ . .

— וואָס אַזאַ?

— אַזאַ בייזע... אויפגערעגטע, שלעכטע . . .

—איר האָט דאַכט זיך ערשט געזאָגט, אַז איר זענט ניט קיין פּאָליס־מאַן און ניט קיין מאָראַל־פּרעדיקער. זאָגט, וואָס האָט איר מיך גערופן אַהער, לאָמיך הערן.

— איך האָב איך געזען אין יענעם אָונט אַריינגיין צו בערגן.

— יאָ? איז וואָס?

— גאָרניט און דאָך.. און דאָך ניט אַזוי גלאַט . .

— איז דאָס אַלעס וואָס איר האָט מיר געוואָלט זאָגן? — האָט זי זיך אויפגעהויבן און געוואָלט גיין.

— וואַרט, ביטריס, — האָט ער זי אָנגענומען באַ דער האַנט. — פּרעטענדירט ניט צו זיין אַזוי גלייכגילטיק צו דעם ענין.

— וואָס גייט עס איך אָן? איר זענט אייפערזיכטיק?

— ניין, ניט וועגן דעם האַנדלט זיך עס. עס איז צוליב אונדז אַלע־מען. צוליב איך, צוליב בערגן, צוליב ביולאַן... זעט איר דען ניט ווי זי גייט אַרום אַ טריבע, אַן ענטוישטע... אין בערגן, אין אַלץ . .

— אַזוי? ווי דראַמאַטיש . . . און סענטימענטאַל

— האָט איר דען ניט געהאַנדלט דראַמאַטיש און סענטימענטאַל?..

— ניין, איך בין ניט סענטימענטאַל: איך בין פּראַקטיש און דרייסט. איך ווייס וואָס איך וויל.

— איך גלויב ניט, אַז איר זענט אַזוי פּראַקטיש. אייער צודרינגלעכע פּראַקטישקייט קאָן ניט אַרויסרופן צופיל רעספּעקט און צופיל ליבע צו איך... פון בערגן.

— מענער זיינען שטענדיק מוחל דעמדאָזיקן "פאַרברעכן", ווען דער מאָטיוו איז ליבע. — האָט זי אַ שמייכל געטאָן.

— ניט אין דעם פאַל.

— וואָס אייגענטלעך, ווייסט איר וועגן דעם פאַל, חוץ וואָס איר האָט

דאָס בוך איז פון דער
איקוף ביבליאָטעק

מיך געזען אַריינגיין צו בערגן אין צימער? מיט וואָס, אייגענטלעך, איז דערדאָזיקער פאַל אַן אויסנאַם פאַל? איר ווייסט מיינע און בערגס באַציאונגען . . .

— יאָ, — וואָס איר האָט געהאַט ביז ביולאַ איז געקומען. — האָט קרופקין באַמערקט.

— פון וואַנען ווייסט איר עס אַזוי גוט, אַז די באַציאונגען האָבן געדויערט ביז ביולאַ איז געקומען?

— ווייל, אום צו איבערציינגן זיך, האָב איך צו מיין אייגענעם פאַרדרוס, אונטערגעהערט זיך בא דער טיר, און איך האָב געהערט, ווי איר האָט געזאָגט בערגן, אַז קיינע מיטלען וועלן אייך ניט אָפּשטעלן צו . . . טיילן מיט אים דאָס לעבן, פונקט ווי ער טיילט עס מיט ביולאַן. און איך האָב געהערט, ווי ער האָט פּרובירט צו איבערציינגן אייך, אַז מענטשן האָבן אַ רעכט אויף ליבע, בלויז דאַן, ווען ביידע טראָגן אין זיך דעם זעלבן דראַנג, דאָס זעלבע אומצעטיילבאַרע געפיל.

— כאַ! עס ווייזט אויס, אַז זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אויף אייך אַ שטאַרקן איינדורק, — האָט זיך ביטריס צעלאַכט. — איר געדיינקט זיי וואָרט אין וואָרט.

— דער אמת האָט אַטבע אַריינצוקריצן זיך אויף אייביק. — האָט קרופקין געזאָגט. — איר ווילט עס ניט באַגרייפן. איר האָט עס ניט געוואָלט באַגרייפן אפילו אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט אַזוי מענטשלעך און דזשענטעלמעניש געבעטן אייך אַרויסצוגיין, ווייל ביולאַ קאָן צו יעדער מינוט אַריינקומען און ס'וואָלט זיך אים ניט געוואָלט, אַז זי זאָל אייך דערזען אין אַזאַ ליכט.

— נו, פאַרענדיקט שוין... וואָס ציט איר אַזוי... — איז זי שוין געוואָרן נערוועז. — איר האָט ווייזט אויס הנאה פון אייער . . . סאַדיזם . . .

— איך האָב אייך ניט געוואָלט ווי טאָן. — האָט ער געזאָגט. — מ'מוז אייך אָבער ווי טאָן, צו ברענגען צום זינען.

— איך האָס אייך... איך האָ ס זי אויך... פאַרוואָס זענט איר ניט געגאַנגען צו איר, צו דערציילן עס איר.

— דאָס איז ניט מיין אויפגאַבע.

— און ריידן צו מיר איז יאָ אייער אויפגאַבע?

— איר נייטיקט זיך אין... דעם.

— איר מיינט, איר נייטיקט זיך אין דעם... — האָט איר שטים געציטערט.

— מיר נייטיקן זיך אַלע אין דעם. — האָט קרופקין געזאָגט רואיק.

— און מיין ציל אין רעדן צו אייך, ווען אפילו עס האָט מיר פאַרשאַפט אַזוי פיל... ווייטיק, איז געווען, צו לאָזן אייך וויסן, אַז דאָס איז דאָס לעצ־

טע מאָל וואָס כ'האָב גערעדט צו אייך... אַלס פריינט. איך האָב געמוזט אַלעס קלאָר מאַכן פאַר זיך און פאַר אייך. איצט דאַרפט איר אַלעס קלאָר מאַכן פאַר זיך, פאַר מיר און איבערהויפּט פאַר ביולאַן.

זי האָט אַקוק געטאָן אויף אים מיט אַ פאַרניכטענדן בליק, געשטאַנען אַ ווײַלע ווי וועלנדיק עפּעס זאָגן, מיט אַמאָל אויסגעדרייט זיך און געלאָזט זיך גיין צוריק צו דער קאָלאָניע. קראָפּקין האָט זיך אויפגעהויבן און גע־לאָזט זיך גיין נאָך איר.

ווען קראָפּקין האָט דערגאַנגען איינער אַליין געשפּאַצירט אינדרויסן, איז אַנגעקומען בערג פון שטאָט. זיי האָבן ביידע געשפּאַצירט אַ ווײַלע און קראָפּקין האָט אים דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט אין זיין אַפּוועזנ־הייט.

בערג איז געווען צערודערט.

— כ'האָב מורא, אַז די גאַנצע מי איז אומזיסט... — האָט ער גע־זאָגט צו קראָפּקינען. — כהאָב געמאַכט ווייזט אויס, דעם חשבון אָן דעם באַלעבאָס.

— וואָס מיינט איר אָן דעם באַלעבאָס? — האָט קראָפּקין געוואָלט פאַרשטיין וואָס בערג מיינט.

— אָן דעם באַלעבאָס, וואָס הייסט די מענטשלעכע נאַטור. — האָט בערג געזאָגט, און קראָפּקינען האָט עס פאַרדראָסן צו הערן עס איצט פון בערגן, ווען ער האָט עס ערשט ניט לאַנג געהערט פון ביטריסן. — די מענטשלעכע נאַטור — האָט בערג ווייטער גערעדט — איז דאַכט זיך אַזאַ, וואָס לאָזט זיך בייגן און קנעטן, קנופּן און בינדן, — זי איז אָבער ווי... אַ גומענער שטריק אין אַ קאַסטן. האַלטסטו די האַנט אויף דעם דעקל, איז גוט. לאָזטו אָפּ אויף אַ ווײַלע, — טוט דער גומענער שטריק מיט אימ־פּעט און מיט קראַפט אַ צענעם די קנופּן און די רינגען און שיסט אַרויס ווי אַ שלאַנג. און ווען איך זאָג אַ קאַסטן, מיין איך ניט די קאָלאָניע. דעם קאַסטן וועגן וועלכן איך רייד,טראָגט יעדער איינער מיט זיך. און אָט אויף דעם קאַסטן דאַרף ער שטענדיק האַלטן די האַנט, — זיין אייגענע האַנט. אַלע כמעט אין דער קאָלאָניע האָבן אַראָפּגענומען די הענט פון די דעק־לעך און ס'טוט מיר באַנג נאָך דער מי און נאָך דער ענערגיע, וואָס איך האָב דאָ אַוועקגעגעבן. צו וואָס? צוליב וועמען? זיי ווילן עס ניט און זיי דאַרפן עס ניט. ווייל ס'איז לייכטער צו לעבן אַ שקלאַפיש לעבן אין דער ציוויליזאַציע, ווי בויען און קעמפן און ברענגען קרבנות צוליב אַ... פשוטן פרייען לעבן.

— איך ווייס ווי איר פילט, — האָט קראָפּקין שטיל געזאָגט, — עס איז אָבער, גלייב איך, אַ מאָמענט אַזאַ בײַ אייך. איך ווייס, אַז ס'טוט אייך ניט באַנג און אַז איר וועט ניט אויפגעבן... מאָמענטן זיינען אָפּט כישוף־

מאַכערס... אַט מאַכן זיי פון ליכטיק פינצטער און אַט פון פינצטער ליכטיק.
ס'וועט נאָך זיין גוט, בערג, איר וועט זען.
— איך האָף אַזוי. האָט בערג אַ שמייכל געטאָן. — נו, צייט צו גיין שלאָפן. אַ גוטע נאַכט.
— אַ גוטע נאַכט. — האָט קרופקין געענטפערט.
אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי, ווען די קאָלאָניסטן האָבן דערזען בערגן, זיינען זיי אַלע צו צו אים און אַלע מיט אַמאָל האָבן געוואָלט ריידן.
עס איז אים קוים געלונגען איינצושטילן זיי. ער האָט יעדן איינעם אויסגעהערט. ער האָט גערעדט מיט האַרץ, מיט ענטוישונג און מיט ווייטיק. שאַצן האָט ער גלייך אָפּגעפּטרט: ער וועט אויסגעשלאָסן ווערן פון דער קאָלאָניע. אין דער קאָלאָניע איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַזעלכע מענטשן. יעדנפאַלס אין אַ פּאָר טעג אַרום רופט ער אַ מיטינג און מ'וועט אַלעס באַטראַכטן. מ'איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען שווייגנדיקע און יעדער איינער האָט געפילט, אַז אויך בערג איז ענטוישט. צעזאַמען מיט אַלע ענטוישט.

*

דער טאָג איז געווען אַ זוניקער און אַ קילער. די לופט האָט געשמעקט מיט מיאַטקע. שולנער איז שוין געווען אין אָפּיס. צוגעגרייט דעם פּראָטאָקאָל פאַר דעם מיטינג. ערגעץ וואו אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין האָט ער שלום געמאַכט מיט זיין דורכגעפאַלענער פירערשאַפט אין דער קאָלאָניע ווייל עס האָט שוין געליעט אין אים אַ נייער באַשלוס אַז נאָך דעם שניט, צו ווינטער צו, וועט ער זען אַרויסקריגן דאָס געלט, וואָס ער האָט אינוועסטירט אין דער קאָלאָניע, ער וועט זיך צוריקקערן קיין ניו יאָרק און וועט דאָרט אָליין, מיט דער זעלבער מעטאָדע און מיט די זעלבע מיטלען ווי בערג אָפּקויפן אַ פאַרם און מיט אַ אויסגעקליבענעם, ערשטקלאַסיקן צוזאַמענשטעל פון מאַנשאַפט, איינשטעלן אַ קאָלאָניע־רעזאָרט, וואָס וועט זיך באַצאָלן מיט מזומן, ניט מיט אידעאַליזם.
ער איז געזעסן ביים טיש און האָט געשריבן. די זון האָט געוואָרפן ליכטיקע פאַסן אויף דעם דיל און באַם פענצטער האָבן געסווישטשעט פייגעלעך. אַרויסגעקוקט, דערזען אינדערוויטנס קרופקינען, ווי ער שטייט אַן דעם העמד אַ האָריקער און פעסטער, שטייט געבויגן איבער אַ צעבראָכענעם פאַס און קלאַפּט צענויף די קלעפּקעס.
ער האָט דערהערט שווערע און פעסטע טריט און דערזען כייפעצן, ווי ער שטייט באַ דער טיר מיט אַ ברייטן שמייכל, די פיס צעשפּרייט און באַ די פיס אַ הונט.
— וואָס איז דאָס? — האָט שולנער אַנגעוויזן אויפן הונט.
— וואָס מיינט איר וואָס איז דאָס?! האָט כייפעץ זיך צעלאַכט. — אַ

הונט! אַן אמתער גוטער הונט. וואָס מיינט איר, שטערנטאָל איז ניט גע־רעכט? וואו האָט איר געזען אַ דאָרף, צי אַ קאָלאָניע אָן אַ הונט.

— ניט צו פאַרזינדיקן... עס פעלן ניט. — האָט זיך שולנער גע־כאַפּט צו די פּאַפּירן.

— איר דערציילט מיר? — האָט שוין כייפּעץ ניט געלאַכט, נאָר קלוג געשמייכלט. — אַנו, דו. — האָט ער זיך געווענדעט צום הונט. — אַנו, זאָג עפּעס צו אונדזער סעקרעטאַר... גיי גיב אים אַפּ שלום! נו כאַ־כאַ! ער הערט אונדז ווי דעם קאָטער, הערט ער אונדז.

— איר האָט עפּעס געוואָלט, כייפּעץ? — האָט שולנער געשעפטס־מעסיק געפרעגט.

— וואָס האָב איך געקאָנט וועלן? — איז כייפּעץ נאָך אַלץ געווען אין אַ גוטער שטימונג. — כ'בין געקומען פון דער שטאָט און האָב גע־בראַכט אַ כלב, האָב איך אייך געוואָלט באַקאַנען. אַי, ווען דער הונט וואָלט געקאָנט ריידן, וואָלט ער זיכער עפּעס געזאָגט.

— איר קאָנט דאָך — האָט שולנער געזאָגט טרוקן אָבער מיט אַ שמייכל.

— אַהאַ, איר ווילט זיך קיבעצן. כאַ־כאַ! נו, גוט, האָט מיר און זייט מיר, כ'האָב וויכטיקערע זאַכן צו טאָן. — האָט ער געזאָגט און איז אַרויס־געגאַנגען. דער הונט נאָך אים.

דער טאָג איז ווי געוויינלעך אַוועק מיט אַרבעט — דאָס אין די שטאַלן און אין די היבער־קאַמערן, וואָס האָבן זיך שוין פון לאַנג געניי־טיקט אין אויסרייניקונג. דאָס מאָל האָבן גאַנטש, שינדל, פרידמאַן און קרופּקין פאַרנומען זיך מיט דער דאַזיקער אַרבעט. און אַרבעטענדיק, ווי געוויינלעך, גערעדט וועגן דער קאָלאָניע און וועגן דעם וואָס עס גייט אָן אין דער קאָלאָניע.

שינדל איז דאָס מאָל געווען דער דאַזיקער וואָס האָט "געגנאָגט", ווי קרופּקין האָט עס גערופן. די ווייב, האָט ער געזאָגט, דערגייט אים די יאָרן. אַ דעה, זאָגט זי, האָט זי דאָ אַ קנאַפּע, און אַרבעטן דאַרף זי אַרבעטן ווי אַ פּויערטע, מ'שטיינס געזאָגט, און קיין געלט פון די ביזנעס דאָ, אַ ביזנעס וואו עס איז אפילו קיין "רעדזשיסטער" ניטאָ, האָט זי אויך ניט, — טאָ וואָס וואָלגערט זי זיך דאָ און ווערט אויסגעריסן, רחמנא־לצלן?

גאַנטש האָט געשוויגן, אָבער די גאַנצע צייט האָט ער געשמייכלט און צוגעשאָקלט, צו שינדלס רייד, מיטן קאָפּ.

— צו וואָס רעדט איר צו קרופּקינען? — האָט פרידמאַן געלאַכט. — איר האָט טענות, — לייגט עס אַוועק אויף אַ טעלער און טראָגט עס צו היינט באַנאַכט צו בערגן און זאָגט אים: נאַ, שמעקט, פּאַני דירעקטאָר! כאַ־כאַ!

אַלע האָבן געלאַכט, קרופּקין האָט עס גענומען ערנסט. ער האָט שוין ניט איינמאָל געהערט די דאָזיקע רייד און וועט זיי נאָך, מסתמא, ניט איינמאָל הערן. אויסמיידן אומצופרידנקייט, האָט ער געוואוסט, איז שווער. וואָרן אַפילו בײַ די בעסטע רעזולטאַטן און בײַ דעם בעסטן צושטאַנד, וואָלטן זיך סיִיוּי געפונען אומצופרידענע, וואָס וואָלטן גענאַגט און באַקלאָגט זיך. דאָך וואָלט גוט געווען צו געפינען אַ עצה צו דעם. און די איינציקע עצה, וואָס ער ווייסט, איז פּטור צו ווערן פון אָט דעם מין עלעמענט, אויסצאָלן זיי און זאָלן זיי גיין. פון דעמדאָזיקן געדאַנק האָט זיך זיין שטימונג געביטן צום גוטן און ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ער וועט טאַקע אין דעם זעלבן טאָג אַ שמועס טאָן מיט בערגן וועגן דעם.

דער מיטינג אין אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָר שטונדן נאָך דעם מאָלצייט. ערשטנס, האָבן די פּאַרנומענע אין דעם עס צימער און אין דער קיך באַדאַרפט צום ערשטן פאַרטיק ווערן מיט דער אַרבעט; צווייטנס האָבן אייניקע פון די מוטערס באַדאַרפט לייגן די קינדער שלאָפן.

אַלע זיינען דאָס מאָל געקומען מיט אַ באַזונדערער שטימונג. אייני־קע פון די פרויען האָבן אַפילו פאַרביטן די אַרבעטס־קליידער, די "איבער־אַלעסן", ווי רויזנבוים האָט עס גערופן ,אויף קליידלעך און אַפילו די מע־נער האָבן דאָס מאָל אויסגעקוקט ריינער און פרישער. קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען און ווי אַזוי, אָבער עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז בערג וועט באַם מיטינג ריידן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין און אַז דאָס איז די נאַכט, ווען יעדער איינער קאָן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַרויסזאָגן וואָס עס ליגט אים אויפן האַרצן.

ווען אַלע טישן זיינען שוין געווען צוגערוקט צו די ווענט און די ביינקלעך אויסגעשטעלט, האָט קרופּקין פאַרשפּרייט דעם לאַנגען טיש אויף דער פּלאַטפאָרמע מיט דעם גרינעם טישטוך, אַנידערגעשטעלט אויפן טיש אַ פלאַש מיט וואַסער און עטלעכע גלעזער און איז אוועקגעגאַנגען צו זיך אין צימער אויסרוען זיך אַביסל, ביז דער מיטינג וועט זיך אָנהייבן.

די ערשטע צו קומען זיינען געווען מיסעס אַקערמאַן, וועלכע האָט נאָך אַלץ ניט ליב געהאַט ווען מ'האָט איר גערופן חברטע. צוזאַמען מיט איר איז געקומען מיסעס גאַנטש, דערנאָך מיסעס כייפעץ, שאַפּירא און מיסעס שאַפּירא, בראַדערזאַן און מערי בראַדערזאַן און מיסעס פרידמאַן. מ'האָט זיך אויסגעזעצט אויף די בענקלעך, באַטראַכט איינע די צווייטע, צי זעט מען ניט עפּעס אַ נייע בלוזע, אַדער אַ נייע קלייד, אַדער אַ ניי פינ־גערל אַדער אוירינגלעך .

מיסעס אַקערמאַן האָט באַטראַכט מיסעס כייפעץ און ניט געקאָנט אָפּ־וואונדערן זיך, וואָס אירע ליפּן זיינען אָנגעפאַרבט מיט עפּעס אַזאַ מאָדנער פאַרב, ניט ווייַן קאָליר, און ניט מאַלינע קאָליר, נאָר עפּעס אַזאַ מין מאָד־

נע בלוי־גרינלעכער קאָליר, אַז גאָט זאָל אָפּהיטן... — נו, — האָט זי גע־קוועטשט מיט די אַקסלען... נו אַ נייע מאָדע — און פּלוצים האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— וואָס מאַכט עפּעס אייער קדיש, מיסעס כייפעץ?

— מיין קדיש? האָט זיך מיסעס כייפעץ פאַרוואונדערט.

— איך מיין דעם הונט, וואָס כייפעץ האָט אייך געבראַכט.

— אה, ער — האָט מיסעס כייפעץ אַ שמייכל געטאָן און באַוויזן אירע טיפע חן גריבעלעך אין די באַקען — ער האָט אייך געלאָזט גריסן . . .

די ווייבער אַרום האָבן זיך צעלאַכט און מיסעס אַקערמאַן איז אַנט־שוויגן געוואָרן אויף אַ ווײַלע, אָבער ניט אויסגעהאַלטן און ווידער אָנגע־הויבן:

— שייך.... אַ קאָלאָניע מיט אַזוי פיל הינט, וועט זיין נאָך אַ הונט. ס'איז דען אַמעריקע דאָ? ס'איז עפּעס אַ נייע מעדינע, מיט נייע זאַקאָנעס, מיט נייע פאַראָנדקעס . . .

— איז, אַז ס'געפעלט אייך ניט, דרייט מען אויס דעם דישל און מ'פאָרט צוריק... זאָגט מיין באָבע. — האָט געזאָגט מיסעס כייפעץ.

— איז עס ניט אייער באָבעס עסק — האָט געענטפערט מיסעס אַקער־מאַן.

— אַ קאָמעדיע... — האָט זיך געשטיקט פון געלעכטער מיסעס שאַ־פּיראָ.

— און אַז ס'האַלט שוין דערביי — האָט זיך שוין מיסעס פרידמאַן אָנ־גערופן, — וויל איך אייך זאָגן, מיסעס אַקערמאַן, אַז אויב איר ווילט זיך קריגן באַנאַכט מיט אייער מאַן, איז דאָס אייער געשעפט, אָבער צו וואָס מאַכן אַזעלכע קולות. איר וועקט דאָך אויף די גאַנצע קאָלאָניע, איך זאָל אַזוי לעבן.

— אַט האָט איר אייך! — האָט מיסעס אַקערמאַן אָנגעבלאָזן די ליפּן. — אַ נייע... ווי רופט מען עס.. דיקטאַטאָרקע!

עס זיינען אָנגעקומען ראָזענטאַל און זיין ווייב, די צוויי ברידער בלושטיין, און שולמאַן מיט זיין ווייב.

— איר הערט! — האָט מיסעס שולמאַן געזאָגט הויך אויפן קול צו מערי בראָדערזאָן, — מ'וועט היינט געבן "אייז קרים" צום מיטינג, האָב איך געהערט.

טאַקע?! — האָט מיסעס כייפעץ אַ שיין געטאָן מיט אירע ווייסע ציין — דאָ, אַז סע פאַרגלוסט זיך דיר אַ "אייז קרים" צי אַ "מאָלטעד, איז כאָטש גיי אויס.

— האָסט דאָך געשריגן, אַז ווילסט פאַרלירן וואָג! — האָט כייפעץ געלאַכט. — וויסטו וואָס, איך מאַך היינט באַם מיטינג אַ פאָרשלאָג, אַז

מ׳זאָל באַפעלן די קי, זיי זאָלן געבן ״מאַלטעד ״מילך״, כאַ־כאַ־כאַ!

ווען בערג, שולנער, קרופּקין און ביולא זיינען געקומען, זיינען שוין אַלע געווען פאַרזאַמלט.

עס האָט אויסגעקוקט אַז אַלע אין ״האָלל״ זיינען אין אַ געהויבענער שטימונג. מ׳האָט גערעדט, געלאַכט און געשטיפט, ווייל יעדן איינעם האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס וואָס בערג וועט זאָגן ביים מיטינג, וועט זיין צום גוטן סיריוסיי: איז דאָס גוטע נייעס, איז גוט; איז דאָס שלעכטע נייעס, איז אויך גוט — איז פּטור אַן עסק און שוין . . .

בערג און די מיטגלידער פון ״ראַטקאָם״ האָבן פאַרנומען זייערע ערטער אויף דער פּלאַטפאָרמע. עס איז געוואָרן שטיל. דורך די אָפענע פענצטער האָט זיך דערטראָגן דאָס הירזשען פון די פערד, דער גערוך פון גרינוואַרקס האָט אָנגעפילט די לופט און געמישט זיך מיט דעם גערוך פון טאַבאַק און מיט דעם רויך פון די לולקעס.

בערג האָט דערעפנט דעם מיטינג און שולנער האָט איבערגעלייענט די טאָג־אָרדענונג און דעם פּראָטאָקאָל פון לעצטן מיטינג. קיין נייע פּונקטן, וואָס זאָלן צוזאָגן עפּעס נייעס, עפּעס אַן ענדערונג, אָדער אַנטפּלעקונג אין דעם לעבן פון דער קאָלאָניע איז ניט געווען. ווידער אַמאָל חשבון; ווידער אַמאָל וועגן דעם פאַרקויף פון די פּראָדוקטן; אַ פּונקט וועגן אַ ביידל ביים טראַקט, וואו עס פאָרן דורך די באַסעס, אַ ביידל מיט גרינוואַרקס, מיט אוגערקעס, טאַמייטעס, פּרעזערווס און אַנדערע קלייניקייט צום פאַר־קויף — כייפּעצעס פאַרשלאַג; אַ פּונקט וועגן דער וויכטיקער פראַגע פון באַהייצונג וואָס מוז געלייזט ווערן איידער די קאַלטע טעג און נעכט קו־מען אָן: אַ פּונקט וועגן דער פּלאַנירטער און נאָך ניט איינגעשטעלטער הי־נער־פאַרם מיט עלעקטרישע אינקובאַטאָרס; אויך אַ פּונקט וועגן די אָנקו־מענדיקע יידישע ימים טובים — ווי אַזוי צו פּראַווען זיי און ווי אַזוי צו אַראַנזשירן די ווינטער־וואַקאַציעס פאַר די דאַזיקע, וואָס ווילן זיך דורכפאָרן קיין ניו יאָרק און באַזונדער אַ פּונקט וועגן דער איינשליסונג פון די קינדער אין דער נאָענטסטער ״מ׳ער״ פּאַבליק סקול.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרהאַנדלונגען וועגן די אַרויסגעשטעל־טע פּונקטן. דאָס מאָל זיינען כמעט אַלע פּונקטן דורכגעגאַנגען אָן דע־באַטן. עס האָט זיך קיינעם ניט געוואָלט אָפּשטעלן זיך אויף דעטאַלן. דאָס האָט מען שוין געוואוסט וועט דער ״ראַטקאָם״ באַזאָרגן.

אָבער ווען בערג האָט זיך אויפגעהויבן, גרייטנדיק זיך צו רעדן, האָבן זיך אַלע אָנגעשפּיצט מיט אויפמערקזאַמקייט — מ׳וועט הערן וואָס ער וועט דאָס מאָל זאָגן. אַז מ׳קלינגט אין קלויסטער, איז חגא — מסתמא האָט ער עפּעס וואָס אין זינען.

בערג האָט אָנגעהויבן רעדן שטיל און רואיק ווי שטענדיק. יאָ, האָט

ער געזאָגט, ביז איצט האָט ער און אייניקע פון די חברים געשטעלט דעם טראָפּ מער אויף דעם פּראַקטישן און עקאָנאָמישן מצב פון דער קאָלאָניע, ווייל נאָך אַלעמען, איז די הויפּט אויפגאַבע און די ערשטע זאָרג אָוועקצו־שטעלן די אַרבעט אויף אַ שטאַרקן און זיכערן פונדאַמענט. אָבער עס איז געווען אַ טעות צו גלייבן, אַז בלויז דער עקאָנאָמישער צושטאַנד קאָן שאַפן אַ זיכערן עקאָנאָמישן פונדאַמענט. יאָ, ער גיט צו: זיי האָבן פאַרנאַכלעסיקט דעם גייסטיקן און אידעאָלאָגישן אינהאַלט, וואָס האָט, אייגנטלעך, געפירט צו דער גרינדונג פון אַזאַ קאָלאָניע. נו, ביז איצט האָט ער ניט געוואָלט פאַרוואַנדלען די מיטינגען אין פּראָפּאַגאַנדע קורסן און ער האָט אין דער־זעלבער צייט ניט געוואָלט שפּילן די ראָל פון אַ גייסטלעכן, וואָס זאָרגט פאַר די נשמות פון זיינע נאָכפאָלגער; ער האָט געמיינט, אַז דער בעסטער מעטאָד, איז שטיין באַם רודער און, גייענדיק מיט שטראָם, פּרובירן אויס־מיידן די ניטגעוואונטשענע און שעדלעכע איינפלוסן און טאַטן. ער האָט געוואוסט, אַז גראַד אין דערוואַקסענע ווערעמס כאַראַקטער־שטריכן און גע־וואוינהייטן זיינען שוין טיף איינגעוואָרצלט, גראַד אין זיי איז שווערער צו פאַרפלאַנצן אַ נייעם געדאַנק, אַ נייע אידייע און אַ נייעם אַרט לעבן, אַפילו ווען זיי זיינען שוין טעאָרעטיש באַקאַנט מיט דעם. אמת, ער האָט געוואוסט און ער האָט שוין נישט איינמאָל איבערצייגט זיך אין דעם פאַקט, אַז אַפילו מיט דער איינגעוואָרצלטקייט פון אידייען און געוואוינהייטן, וויגן זיך אָפּט מענטשן אַראָפּ און אַרויף, רעכטס און לינקס אין זייערע געוואוינהייטן און אין זייערע מיינונגען און אידייען. ער האָט געזען ווי מענטשן טוען זיך איבער נאַכט אַ קער פון איין עקסטרעם צום צווייטן, ניט טראַכטנדיק, בלויז נאָכגייענדיק דעם אָנפירער, וואָס האָט געוואוסט ווי אַזוי דורך אַ סענטי־מענט, אָדער אַ שלאָגנדיקן אַרגומענט, אָדער דורך אַ פּראָוואָקאַציע אַ שלעפּ צו טאָן מיט זיך דעם "עולם גולם" און פירן אים אין די וועגן ווי ער, אָדער ווי זיי האָבן געוואָלט. ער האָט ניט געמיינט צו שאַפן קיין סעקטע און אויך ניט קיין פּאָליטישע פּאַרטיי — ער האָט געוואָלט שאַפן אַ רואיק, ערלעך געמיינשאַפטלעך לעבן צווישן אַ באַגרענעצטער צאָל מענטשן. אָבער — עס ליגן שטרויכלונגען און שווערע שטיינער אין וועג און די שטרויכלונגען און די דאָזיקע שטיינער, מוזן באַזייטיקט ווערן. עס מוזן געשאַפן ווערן אַ האַרמאָניע צווישן דעם פּראַקטיש עקאָנאָמישן און אידעאַל־גייסטיקן, אויב אַפילו די האַרמאָניע וועט פאָדערן געוויסע אָפּעראַציעס און געוויסע קר־בנות. יאָ, היינט — האָט ער ווייטער געזאָגט, — מוז יעדער איינער, וואָס קאָן זיך ניט אַריינפּאַסן אין דעמדאָזיקן לעבן, אַרויסזאָגן זיך פריי און אָן באַהאַלטענע מאָטיוון, וואָס ער וויל און וואָס ער דערוואַרטעט פון דעם לעבן אין דער קאָלאָניע. יעדער איינער מוז באַ זיך באַשליסן — אָדער ער איז מיט דער קאָלאָניע און ער פאַרשטייט דעם זין און דעם גייסט פון דעם

לעבן וואָס ער שאַפט פאַר זיך צוזאַמען מיט אַנדערע, אָדער ער פאַרשטייט ניט און באַגרייפט ניט אַזאַ לעבן, און ער קאָן זיך ניט אַריינפּאַסן אין אַזאַ לעבן און דידאָזיקע וואָס ווילן פאַרלאָזן די קאָלאָניע, וועלן בשום אופן ניט פאַרהאַלטן ווערן — ניט זיי און ניט זייער געלט וואָס זיי האָבן אינוועס־טירט. עס וועט אַלעס אויסגעצאָלט ווערן ביז צו אַ סענט, לויט דעם קאָנטראַקט וואָס זיי האָבן אונטערגעשריבן. איצט איז די צייט צו ריידן און צו זאָגן וואָס עס ליגט באַ יעדן איינעם אויפן האַרצן — ניטאָ וואָס אָפּצו־לעגן.

בערג האָט זיך אַנידערגעזעצט און גלייך ווי ער האָט זיך אַנידערגע־זעצט, האָט פון די הינטערשטע רייען וואו עס זיינען געזעסן די אַקער־מאַנס, און די גאַנטשעס און די שינדלס, אויסגעבראָכן אַ טומל.

— נו, גוט אַזוי! גוט אַזוי! — האָט זיך געהערט מיסעס אַקערמאַנס שטימע. — זיי דאַרפן ניט אונדז און מיר דאַרפן ניט זיי. זאָלן זיי נאָר אויסצאָלן די געלט, איז אויס... געגנוג געמוטשעט זיך.

אַקערמאַן האָט פּרובירט איינשטילן זי, עס איז אים אָבער ניט גע־לונגען. זי האָט זיך אויפגעהויבן, אָנגעשטעלט די הענט אין די קלו־בעס, געשטופּט פון זיך אַקערמאַנען מיט די פיס און געשריגן:

— איר זייט גערעכט, דירעקטער, איר זייט גערעכט. אַ מענטש דאַרף זאָגן וואָס ער פילט און וואָס עס קוועטשט אים. און איך וועל עס זאָגן, פאַר יעדן איינעם. עס קוועטשט מיך דאָ פון אַלע זייטן אין דער קאָ־לאָניע. איך וויל מיין געלט און איך וויל זאָגן גוא־באַי און דעטס אָל!

שולבער האָט געקלונגען מיטן גלעקל. אַנדערע האָבן זיך אויפגע־הויבן און געמאַכט מיט די הענט צו איר, זי זאָל זיך אַנידערזעצן, אויפהערן מאַכן געוואַלדן, ביז ס'איז ענדלעך געוואָרן שטיל און בערג האָט זיך ווי־דער אויפגעהויבן און האָט געזאָגט:

— מיינע פריינט, יעדער איינער האָט אַ רעכט צו ריידן און צו זאָגן וואָס עס קוועטשט אים, ווי חברטע אַקערמאַן האָט זיך אַזוי פּשוט און פאַלקסטימלעך אויסגעדריקט. לאָמיר עס אָבער טאָן אויף אַ רואיקן אופן. די דאָזיקע וואָס ווילן איבעררייסן מיט דער קאָלאָניע און ווילן צוריק זייער געלט... — דאַכט זיך מיר, אַז די דאָזיקע דאַרפן שוין מער ניט זיין פאַר־אינטערעסירט צו ריידן. רײדן, דאַכט זיך, דאַרפן דידאָזיקע וואָס ווילן בלייבן דאָ און וואָס האָבן עפּעס צו זאָגן, עפּעס פאָרצושלאָגן, וואָס זאָל מאַכן אונדזער לעבן דאָ שענער און בעסער. וויל נאָך עמעצער עפּעס זאָגן וועגן דעם ענין?

— איך וויל עפּעס זאָגן, — האָט זיך אויפגעהויבן בראָדערזאָן.

— גוט, חבר בראָדערזאָן. — האָט אים בערג געגעבן דאָס וואָרט.

בראָדערזאָן האָט אָנגעהויבן, אַז ער האָט שוין פון לאַנג געוואַרט

אויף דער געלעגנהייט צו ריידן. אָבער ווי חבר בערג האָט געזאָגט, איז מען אויף אַ ווײַלע פֿאַרקראָכן בלויז אין באָדן אַריין, וואָס איז זייער בייטיק פֿאַרן גוף און מ׳האָט אינגאַנצן כמעט פֿאַרגעסן אין דעם גייסטיקן. איז גוט, וואָס חבר בערג האָט ענדלעך דערזען, אַז עס פֿעלט די האַרמאָניע. נו, ער וועט צוגיין גלייך צום פּסוק. וואָס ער וויל זאָגן, איז אָט וואָס: די קאָלאָניע דאַרף זיין אַ יידישע קאָלאָניע, איז, מיינט ער ניט, פֿאַרשטייט זיך שאָוויניסטיש־יידיש... אַז מ׳מוז פֿאַרגעסן אין דער וועלט, און אַז מ׳וואוינט אין אַ לאַנד וואָס הייסט אַמעריקע, אין אַ לאַנד וואו מ׳רעדט ענגליש. ניין, דאָס טאָר מען ניט פֿאַרגעסן. אָבער מ׳דאַרף זען, אַז די קאָלאָניע זאָל ניט ווערן אַסימילירט, יאָ, די קאָלאָניע באַמערקט ער ווערט אַסימילירט. די לערערין ביטריס און אַפילו דער ״דאָקטאָר״ ריידן לעצטנס מיט די קינדער בלויז ענגליש. מ׳לערנט מיט די קינדער אַפּאָר שטונדן יידיש, אויף אָפּצוקומען, אָבער מ׳פֿלאַנצט ניט איין אין זיי די ליבע צו דעם מאַמע־לשון, די ליבע צו יידיש, וואָס דאַרף ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פֿון זייער עקזיסטענץ. דאָס איז איינס — מיט די קינדער. צווייטנס: מ׳האָט דאָ אַ ביבליאָטעק מיט פֿינף הונדערט יידישע און ענגלישע ביכער — פֿאַרוואָס לייענט מען ניט? וואָס איז, ס׳איז ניטאָ קיין צייט? וואָס טויג אים דער כבוד, וואָס מ׳האָט אים אָפּגעגעבן, וואָס מ׳האָט אָנגערופֿן די ביבליאָטעק ״בראָדערזאָן״ ביבליאָטעק, ווען קיינער טרעט ניט צו צו די שאַפֿעס ביכער חוץ בראָדערזאָנען און פֿינף זעקס מענטשן פֿון דער קאָלאָניע — דער דיכטער רויזענבוים, די מיסעס בערג, קראָפּקין, דער ״דאָקטאָר״, ביטריס און שוין... ניין מ׳דאַרף זען, אַז דאָס גייסטיקע לעבן זאָל ווערן דער פֿירערישער גייסט אין דער קאָלאָניע און דעמאָלט וועט דאָס לעבן און דער קרבן זיין באַרעכטיקט.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אונטער שוואַכע און אייניציקע אָפּלאָדיסמענטן פֿון דעם דיכטער רויזענבוים.

— ווער נאָך וויל ריידן? — האָט בערג געפֿרעגט.

— איך, — האָט זיך אָפּגערופֿן בער בלושטיין, איינער פֿון די צוויי ברידער, וועלכער איז געווען אַ חלוץ אין פּאַלעסטינע.

— איך וויל זאָגן, — האָט ער אָנגעהויבן אויף אַ באַשיידענעם אופֿן, — אַז דער גאַנצער עקספּערימענט דאָ אין דער קאָלאָניע דערמאָנט מיר אין אַ . . . זערנעלע, וואָס איז פֿאַרטראָגן געוואָרן מיטן ווינט פֿון אַ גרויסן פּרוכטבאַרן גאָרטן און האָט זיך ערגעץ וואו, איינע אַליין פֿאַרגראָבן אין באָדן און וויל אויסוואַקסן, ווי אַ זעלבשטענדיקער גאָרטן פֿאַר זיך אַליין... און נאָך דערמאָנט מיר דער עקספּערימענט אין אַ חלום, וואָס געדויערט אַזוי לאַנג, ווי לאַנג מיר חלומען. און אַז מיר כאַפּן זיך אויף איז אויס, איז גאָרניט ניטאָ. איך וויל מיט דעם ניט ענטווישן קיינעם און זיך אַליין

אויך ניט, ווייל איך אַרבעט דאָ אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס דויערט מיין גע־צוואונגענע עקזיסטענץ דאָ, ביז איך וועל פאָרן צוריק קיין פּאַלעסטינע, וואו איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען ניט בלויז זערנעלעך, נאָר טויזנטער זייערס, און וואו איך האָב געזען, אַז דאָס לעבן דאָרט איז ניט אַן עקספּערימענט, ניט אַ חלום בלויז, נאָר אַ רעאַלע, לעבעדיקע זאַך. נו, איך מיין ניט מיט דעם פאַרגלייך צו דיסקרעדיטירן אייער . . . כ'מיין אונדזער אונטערנעמונג, אונדזער קאָלאָניע, וואָס ווי זי זאָל ניט זיין, איז זי דאָך עפּעס אַן אויפטו, וואָס באַפרידיקט אַ קליינע גרופּע מענטשן. איך וויל אָבער זאָגן, אַז ווייל מיר האָבן ניט דאָ הינטער זיך די שטיצע און די גרויסקייט פון אַ פאָלק, אין וועלכן כאָטש אַ טייל פון יידישן פאָלק זאָל זיך אַריינוואַרפן מיט דעם אידעאַליזם, מיט וועלכן עס אָטעמט אַ נאַציאָנאַלע שטרעבונג, דאַרפן מיר דאַריבער ניט ווערן אַזעלכע שטרענגע און אויסגעהאַלטענע פּיאָנערן־אידעאַליסטן; מעגן מיר שטייען אַביסל נענטער צו דעם אַלגעמיינעם לעבן און גייסט פון דער גרויסער אַמעריקע און זען, אַז צוליב אונדזערע אידעאַלע שטרעבונגען דאָ, זאָלן מיר דאָך ניט פאַרפרעמדט ווערן און מיר זאָלן ניט אָפּגעריסן ווערן פון דעם לע־בנס שטראָם, ווייל צו קליין איז דאָס זערנעלע, צו ברענגען אַזעלכע גרויסע קרבנות.

— געוואַלד, וועלכע קרבנות ברייגנט מען דאָ! — האָט כייפעץ אויס־געשריגן. — מיר מאַכן דאָ אַ שיין לעבן און מיר לעבן בעסער ווי די חלו־צים אין ארץ ישראל.

— דאָס איז אמת, — האָט בלושטיין געענטפערט רואיק — די חלוצים ברייגען אַ קרבן צוליב אַ וואונדערבאַרער צוקונפט פון אַ פאָלק און אייער קרבן האָט ניט קיין צוקונפט אפילו פאַר דעם אויפוואַקסנדיקן דור.

— דאָס דאַרף מען ערשט באַווייזן — האָט כייפעץ אויסגעשריגן. שול־נער האָט ווידער געקלונגען מיטן גלעקל און ווען כייפעץ האָט זיך באַרו־איקט האָט בלושטיין פאָרטגעזעצט:

— איר קאָנט ניט בויען דאָ אייער אייגענעם קאָמוניזם בלויז מיט אייערע גוטע וואונטשן. איר מוזט מיט יעדער זאַך, מיט יעדער בויטוועגנדי־קייט אָנקומען צו דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט אַרום, פון וועלכער איר זענט ניט אָפּגעטיילט, ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אָפּגעטיילט מיט גרע־נעצן. מיר זיינען דאָ ווי אַ קליין קערעלע אין דער מיט פון אַ גרויסן זאַפּ־טיקן מאַראַנץ, — רעדט איר דאָ פון אַ קאָמונאַלער קאָלאָניע. ניין, אַפילו אין ארץ ישראל וואו מיר זיינען שוין מער אָדער ווייניקער אָרגאַניזירט אין קיבוצים, וואו מיר זיינען שוין מער אָדער ווייניקער זעלבסטשטענדיק און וואו מיר האָבן ניט אַרום פּערציק דערוואַקסענע מענטשן ווי דאָ, נאָר הונדערטער טויזנטער מענטשן, אפילו דאָרט וועט אונדז זיין שווער איינ־

צופירן אַ קאָמונאַלע געזעלשאַפט. וואָרן אפילו דער סאָוועטן־פאַרבאַנד קעמפט מיט דער גאַנצער ענערגיע קעגן די וועלפישע, קאַפּיטאַליסטישע לענדער, — טא וואָס קאָנען מיר דאָ אויפטאָן מיט אונדזער קליין אינד־זעלע? דערפאַר שלאָג איך פאָר קאָנקרעט: אונדזער אידייע דאַרף זיין לאַנדווירטשאַפט אָבער מיט אַ נייעם סטאַטוס, מיטן פּנים צום לעבן און אַמעריקע — דערוויילע.

בלושטיין האָט פאַרענדיקט אונטער שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן פון די פאַרמערס.

אויף בערגס פּנים האָט מען ניט געקאָנט זאָגן ווי עס האָט געווירקט אויף אים בלושטיינס רעדע. ער האָט בלויז ווידער אַ פרעג געטאָן:

— וויל נאָך עמיצער רעדן?

— איך, — האָט זיך אויפגעהויבן רויזענבוים.

ער האָט אַ קעם געטאָן מיט די פינגער זיינע צעשויבערטע האָר, אַ קוק געטאָן מיט אַן ערנסטן בליק אויף די פאַרזאַמלטע, דערנאָך אָנ־געשפּאַרט זיך מיט ביידע הענט אַן ביינקל און אָנגעהויבן:

— רעדן איז גוט. ווען אַ מענטש רעדט, ווייסן מיר וואָס ער טראַכט... ווען ער שווייגט, ווייסן מיר ניט וואָס ער איז און וואָס ער וויל האָט שוין עמיצער אַמאָל געזאָגט. דערפאַר בין איך שטענדיק גרייט צו הערן אַ מענטשן ווען ער האָט וואָס צו זאָגן און דערפאַר, ווידער, שרייב איך, ווייל איך וויל, אַז מענטשן זאָלן וויסן ווער איך בין — פאַר זיך און פאַר זיי. דאָס מאָל, איבערהויפּט, וויל איך ריידן, ווייל די קאָלאָניע דאָ איז פאַר מיר ניט אַן עקספּערימענט, ווי אייניקע חברים ווילן עס אָנרופן. סע איז ניט אַן עקספּערימענט, ווייל מיר ווילן מיט דעם לעבן אונדזערן דאָ גאָר־ניט באַווייזן, און גאָרניט פאַררעכטן, און גאָרניט צוטראָגן צו דער ענדע־רונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. מיר זיינען ניט אומשטאַנד דאָס צו טאָן. אָבער פאַר זיך אַליין, פאַר יעדן איינעם פון אונדז, באַזונדער, איז יאָ פאַראַן אַ זין; און דער זין ליגט אין דעם אויסלעבן זיך אַזוי, אַז מיר זאָלן ניט דריקן קיינעם און מיר זאָלן ניט זיין געדריקט פון קיינעם; אַז מיר זאָלן ניט זיין פּאַראַזיטן צווישן פּאַראַזיטן און אַז מיר זאָלן הנאה האָבן פון דער אַרבעט וואָס מיר טוען און פון די פּרוכטן און פון דעם ברויט וואָס מיר שניידן; אַז מיר זאָלן ניט צערייסן אונדזערע נערוון אין גרויסשטאָטישן ווירוואַר און יאָגעניש און מיר זאָלן קאָנען אָטעמען די לופט, און זען די זון, און זען די לבנה און די שטערן, און זען דעם וואַלד און דאָס פעלד, און פילן די נאַטור, פון וועלכער מיר זיינען אַ טייל; זען און פילן דאָס אַלעס, ווי מיר קאָנען עס ניט זען און פילן דאָרט אין שטאָט. נייך, מיר זיינען ניט קיין אָפּגעריסענע זערנעלעך — פאַרקערט, דאָ קאָנען מיר זיין משפּחהדיקער, נענטער, היימישער און בעסער איינער צום צווייטן. פּופּצן

יאָר האָב איך געוואוינט אין שטאָט טיר צו טיר מיט צענדליקער מענטשן און קיינמאָל האָב איך זייערע נעמען ניט געוואוסט און קיינמאָל האָב איך זייערע פרייד און זייערע ליידן ניט געזען. איך בין געווען אַליין, יאָ, אין דעם גרויסן דזשאָנגל פון דעם גרויסן פיל־מיליאָניקן ניו יאָרק בין איך געוועז אַ זערנעלע — איינער אַליין. און איך רייד דאָ איצט צו אייך בלויז מיט איין ציל: צו זאָגן אייך וועגן וואָס איך טראַכט, איך, וואָס לעב צווישן אייך. נעכטן באַנאַכט בין איך אַרויסגעגאַנגען צום לייק אַ שפּאַציר טאָן, ווי איך טו עס שטענדיק, אין לבנהדיקע נעכט. עס איז געווען אַזוי שטיל און מיסטיש באַם לייק און אויף דעם פעלד אַרום און אַרום. איך האָב געזען ווי די לבנה־ליכט שפּיגלט זיך אָפּ אין די כוואַליעס און עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם פון דער שיינקייט וואָס די ווייטע לבנה גיסט ווי צעשמאָלצענעם זילבער אין וואַסער־שפּיגל אַריין. האָב איך זיך אָנגעבויגן און גענומען אַ זשמעניע וואַסער; דאָס וואַסער איז גערונען צווישן די פינגער, אָבער די שימערירנדע לבנה־שיין איז אויף מיינע פינגער ניט געבליבן — גאָרניט... בלויז נאַסע פינגער. טאָ וואוהין איז די וואונדערבאַרע ציטערדיקע לבנה־ליכט פאַרשוואונדן? האָב איך זיך אַוועקגעדרייט פון דעם לייק און איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער ליכט פון ברעג, און איך האָב געזען, ווי די לבנה־שיין האָט אויף דעם גאַנצן זאַמדיקן ברעג ווי אין אַ מדבר געשאַפן די אילוזיע פון כוואַליעס . . . האָב איך זיך ווידער איינגעבויגן און האָב דאָס מאָל אָנגענומען אַ זשמעניע זאַמד; און דאָס זאַמד איז גערונען צווישן מיינע פינגער, אָבער די אילוזיע צווישן די פינגער איז פאַרשוואונדן.. געבליבן זיינען בלויז טרוקענע פינגער. טאָ וואוהין איז די לבנה ליכט, פון צווישן מיינע פינגער, מיט דעם רינגעדיקן זאַמד פאַרשוואונדן? האָב איך אַ טראַכט געטאָן: אַזוי זיינען די מענטשן. עס איז אונדז געגעבן געוואָרן אַ גייסט, אַ נשמה, אַ לבנה־ליכט אין לעבן; עס איז אונז געגעבן געוואָרן דאָס אומבאַגרייפלעכע געשאַנק — דאָס וואָרט, און דער געדאַנק, און דער שמייכל, און געזאַנג — אַלעס פון דער מיסטישער קראַפט, וואָס מיר ווייסן, אַז זי איז דאָ אין אונדז. און די מיסטישע גייסטיקע געטלעכע קראַפט אין אונדז, די לבנה שיין אין אונדז, שאַפט אַזוי פיל אילוזיע, אַזוי פיל צויבערהאַפטע שיינקייט, ווען מיר זיינען, ווי די כוואַליעס אין לייק — צעזאַמען, ווען מיר זיינען ווי די זאַמדעלעך באַם ברעג — צעזאַמען. טיילן מיר זיך אָבער פאַנאַנדער, ווי די זאמדעלעך באַם ברעג, איז אויסלבנה־ליכט, איז אויס שיינקייט, אויס פּאָעזיע, אויס אילוזיע. אילוזיע וואָס איז אייגענטלעך ד גאַנצע פילאָזאָפיע פון לעבן. פריינט, לאָמיר זיך האַלטן צעזאַמען. לאָמיר זיך טוליען איינער צום צווייטן, ווי די כוואַליעס, ווי די זעמדעלעך — מיט אַ גוטן וואָרט, מיט אַ שמייכל מיט ליבע און פאַרשטענדעניש, וועט דאָסלעבן אונדזערעס האָבן אַ זין. און לאָמיך זיך מודה זיין פאַר אייך, מיי־

נע פריינט, די דאָזיקע ווערטער האָב איך גערעדט צו זיך אַליין, נאָך איי־דער איך האָב זיי גערעדט צו אייך. איך האָב זיך אַליין אַוועקגעשטעלט אין ליכט פון בליץ און אין דער ליכט־שיין פון דער לבנה און איך האָב זיך געזאָגט: דער מענטש ווערט אויסגעלעבט און אויס־געלייזט בלויז אין טאַט, וואָס האָט אַ האַרץ און וואָס האָט אַ זין, צי דאָס איז אין פילמיליאָנאקן ניו־יאָרק, צו דאָס איז אויף אַן איינזאַמער פאַרמע, און טאַט, וואָס האָט אַ זין, ווי קליין ער זאָל ניט זיין, ווערט איינגעשלאָסן אין די טאַטן פון דער מענטשהייט און אַזוי אַרום אויך אין דער צוקונפט. און צום סוף וויל איך אייך זאָגן, אַז כ'האָב געבעטן די דערלויבניש פון ראטקאָם״ צו לערנען מיט די קינדער — איך וויל ווידער זיין לערער —טאָקע דאָ אויף דער מאַמע־ערד.

ער האָט פאַרענדיקט, געשטאַנען אַ ווײַלע, ווי אַרייַנטראַכטנדיק זיך אין עפּעס און אַנידערגעזעצט זיך. אַ ווײַלע איז געווען שטיל און ווען ביולא האָט שטיל ווי מורא האָבנדיק אויפצואוועקן עמיצן, גענומען אָפּלאָ־דירן, האָבן אַלע מיטאַמאָל אויסגעבראָכן אין אַפּלאָדיסמענטן.

עס האָבן נאָך דערנאָך גערעדט דער פּאָסעסאָר שלום שטערנטאַל, און קרופקין, און די פאַרמערס זעלצער און בלאָך און אַלע האָבן מיט אַ באַ־באַזונדער דערהויבנקייט אונטערשטראָכן זייער אַלעמענס צעפרידנקייט און גלויבן אין דער באַזונדערער בויטוועגדיקייט פון אַזאַ קאָלעקטיווער און קאָ־אָפּעראַטיווער געזעלשאַפט, וואָס קאָן מיט דער צייט ווערן אַ מוסטער פאַר נאָך אַנדערע און גרעסערע גרופּעס יידן אין אַמעריקע

צום סוף האָט זיך בערג אויפגעהויבן, געשטאַנען אַ ווײַלע שמייכ־לענדיק און ענדלעך געזאָגט, אַז ער האָט איצט מער גאָרניט וואָס צו זאָגן — די קאָלאָניסטן אַליין, אַיעדער אויף זיין שטייגער האָבן עס געזאָגט פאַר אים און פאַר זיך און ער זעט איצט, אַז מי, וואָס גייט צוזאַמען מיט גלויבן קאָן ניט אָפּגעמעקט ווערן. און דאָס, וואָס דער מענטש ווערט געשטרויכלט אָפט מיט ענטוישונג, מיט צאָרן און אָפט מיט האַס, איז ער דער מענטש, ווי די מאַמע־ערד. אויך פון אים ווי פון דער מאַמע ערד וואַקסן אַרויס גוטע פרוכטן, אָבער אָפט אויך שלעכטע און ביטערע פרוכטן; אויך אין אים אין דעם מענטשן רויען זיך אָפט ווערעם און טכוירן, און אויך אין אים אין דעם מענטשן ברומט אָפט אין די געדערים אַ לאַווע פון צאָרן און האַס — דאָס גייט אָבער פאַרביי און דאָס גוטע און דאָס שלעכטע באַלאַנסירט זיך אונ־טער דער קלוגער האַנט פון דער נאַטור, פון דער נאַטור ביי וועלכער דער מענטש לערנט זיך צו זיין קלוג, צו פאַרשטייען דעם זין פון זיין יעדן טראַט און טאַט.

און אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויף שלום עליכם'ס פּאָרטרעט, וואָס האָט געהאָנגען אויף דער וואַנט, האָט בערג שוין מיט אַ מילדערן און

שמייכלענדיקן אויסדרוק אויפן פנים פּאַרענדיקט: אויב שלום עליכם׳ס פּאָרטרעט אויף דער וואַנט אין דער קאָלאָניע איז אפשר פּאַר אייניקע בלויז אַ צופאַל, איז עס פּאַר אים, פּאַר בערגן אַ גרויסער סימבאָל. יאָ, טאַקע ער, און בלויז ער, שלום עליכם דאַרף דאָ זיין מיט זיי, מיט די קאָלאָניסטן, און זען ווי פון די מנחם מענדלס זיינע, פון די לופט־מענטשן זיינע וועלכע ער האָט אַזוי גוט געקאַנט, וואַקסן אַרויס מוטיקע פּראָדוקטיווע יידן, יידן מיט וועלכע דאָס יידישע פאָלק דאַרף זיך ניט שעמען. און יעדער קאָלאָניסט דאַרף אַזוי פילן און יעדער קאָלאָניסט דאַרף אַזוי זאָגן, זאָגן יעדן טאָג צו זיינע חברים — שלום עליכם!

אין דער דאָזיקער נאַכט, ווען בערג און ביולאַ זיינען צוריקגעקומען צו זיך אין צימער, איז זי צוגעגאַנגען צום אים, אַרומגענומען אים, צוגעטוליעט איר קאָפּ צו זיין ברוסט און געזאָגט:

— איך וואָלט אויך געוואָלט עפּעס זאָגן... זאָגן פּשוט, און פּראָסט, און אמתדיק. זאָגן אַזוי, אַז זאָלסט דערפילן... און גלויבן, אַז איך בין מיט דיר מיט לייב און לעבן . . .

ער האָט געקושט איר קאָפּ און אַרומנעמענדיק זי, צוגעפירט צום אָפענעם פענצטער און געזאָגט:

— זעסט די לבנה־שיין איז אויף אונדז און אין אונדז ביידן. און אַזוי וועט עס בלייבן. דיינקסטו ניט, אַז ער האָט עס שיין געזאָגט ראָזענבוים?

— יאָ, און אַזוי וועט עס בלייבן... אויף אייביק.

*

בערג איז געפאָרן קיין ניו יאָרק זען זיך מיט זיין אָנקל סעמיועל בערג. ער האָט מיטגענומען מיט זיך ביולאַן, וועלכע האָט זיך געוואָלט זען מיט דער מוטער.

דער אָנקל האָט זיי אויפגענומען מיט אַ קלוגן שמייכל און קיבעצנדיק, געכאַפּט זיך גלייך צו דער קעשענע. בערג האָט זיך אָבער ניט באַליידיקט פון זיין קיבעץ און דער אָנקל האָט געטריבן שפּאַס, ווייל ס׳איז אים געווען גוט אויפן האַרצן: ער האָט געמאַכט אַ סך געלט אין ריל־עסטייט, האָט ער געזאָגט. ער האָט שוין געהאַט פינף גרויסע אַפּאַרטמענט־הייזער און ער וואָלט געקאַנט אָפּקויפן די גאַנצע קאָלאָניע האַק־און־פּאַק און אַריינלייגן זי אין וועסט קעשענע.

בערג האָט גענומען וואַקסן אין זיינע אויגן, ווען ער האָט געהערט דעם באַריכט פון דער קאָלאָניע. נאָך אַלעמען, טאַקע ניט אַזאַ נאַר און "באָם", ווי ער האָט געמיינט. עפּעס, ווייזט אויס, וואַקסט פּאַרט אַרויס פון זיין קאָלאָניע מיט דער קאָמונע־שמונע.

בערג האָט געהאַלטן מיט אים אַן עצה: עס גייט צו ווינטער; דאָס הויז נומער צוויי איז קיינמאָל ניט געווען באַהייצט; איצט, אַז דער ווינטער קומט, דאַרף מען אַ טראַכט טאָן וועגן אויוונס. נו, דער אָנקל מיט זיין פּראַקטישקייט ווייסט מסתמא, ווי אַזוי און וואו מ׳קאָן איינהאַנדלען אַ צוואַנציק שטוב־אויוונס, ניט אַזוי?

אַ שאלה אויף אַ מעשה צי דער אָנקל ווייסט וואו און ווי אַזוי איינ־צעהאַנדלען "סטאוס"... אַוודאי ווייסט ער! און זיי זיינע ן שוין אַזוי גוט ווי אין דער קאָלאָניע... יע.. אָבער מיט אַזאַ יונגער שיינער ווייבל, דאַרף ער בערג אויך אַן אויוון? כע, כע... — האָט דער אָנקל ווידער אָנגעהויבן קיבעצן, פון וואָס ביולאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און האָט געשמייכלט.

אָבער ווען בערג האָט גלייך נאָכדעם גענומען דערציילן וועגן די עטלעכע קאָלאָניסטן, וואָס ווילן פאַרלאָזן די קאָלאָניע און האָט דערביי דערמאָנט אויך וועגן דעם אָנקומענדיקן "מאָרטגיידזש" און וועגן אַ קליינער הלוואהלע, האָט דער אָנקל גענומען קווינקלען זיך אַביסל, אָבער ביולאַס בליק האָט אים מיטאַמאָל ווי אָנגעגאָסן מיט גוטסקייט און ער האָט אַ שמייכלענדיקער גערעדט: וואָס איז, אייגענטלעך, דער אונטערשייד — דאָס געלט וועט ער מיט זיך אין קבר אַריין ניט מיטנעמען און בערג איז סייווי דער איינציקער יורש, טאָ זאָל ער הנאה האָבן פון דעם אַביסל באָם אָנקלס לעבן.. ס׳איז אָלרייט. ע רוועט שוין זען וואָס ער קען טאָן.

בערג און ביולאַ האָבן אים געדאַנקט און פאַרבעטן אים צו קומען צו זיי און פאַרברייגגען אַ פּאָר וואָכן אין דער קאָלאָניע, ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון דעם. ביזנעס בעפאָר פּלעזשור — האָט ער זיי געזאָגט אין ענגליש און ווידער געשמייכלט קלוג און ווידער געקיבעצט.

און ווען זיי זיינען מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער צוריקגעקומען צו דער קאָלאָניע, האָבן זי מיטגענומען מיט זיך ביולאַס מוטער און זיי האָבן אַלע דריי באַשלאָסן, אַז זי האָט שוין גענוג געאַרבעט אין שאַפּ, אַז זי מעג שוין אָנהייבן לעבן אַ געזינטערן לעבן, נענטער צו דער נאַטור. זי האָט זיך דאָס מאָל ניט געאַמפּערט מיט זיי; ערשטנס, ווייל זי האָט שטאַרק געבייינקט נאָך ביולאַן און צווייטנס, ווייל זי האָט געפילט, אַז די כוחות פאַרלאָזן זי שוין — גענוג געשקלאַפּט.

מ׳האָט איר אָפּגעגעבן דאָס צימער, וואו די אַקערמאַנס האָבן פריי־ער געוואוינט און אירע זאַכן האָט שוין כּייפּעץ אַריינגעבראַכט פון דער סטאַנציע מיט דעם טראָק.

נאָך אַ גאַסט האָט בערג געטראָפן, ווען ער איז אָנגעקומען פון ביר־יאַרק — דעם פאַרמער נאָוואַק.

ער איז געווען באַגייסטערט נאָוואַק. אַרומגעגאַנגען מיט שטערנטאָלן און מיט זעלצערן און באַוואונדערט ווי שנעל און ווי פּראַקטיש זיי האָבן

אַלעס איינגעאָרדענט און געפּרייט זיך, וואָס די וועדזשעטייבלען און די תבואה איז אויפגעגאַנגען אַזוי גוט און גרויס, ניט קוקנדיק אויף דער טרוקעניש.

ער האָט געמאַכט באַמערקונגען און דאָ און דאָרט געגעבן עצות און אַלע האָבן שוין אין דעמדאָזיקן אָוונט פאַרבראַכט אין גרויסן "האָל" און געפּראַוועט אַ וועטשערע מיט ווײַן לכבוד דער נײַער קאָלאָניסטקע, ביזלאָס מוטער און לכבוד דעם גוטן פרײַנט מיסטער דזשיי נאָוואַק.

*

עס זײַנען אָנגעקומען ליכטיקע, גאָלד ברוינע טעג.. די זון האָט זיך געשפּילט מיט וואָלקנדלעך, ווי מיט זילבערנע דורכזיכטיקע באַלונען. דאָס פעלד איז געלעגן ווי מיט הונדערטער קאָלירטע טעפּיכער פאַרשפּרייט. דער זומער האָט זיך שוין דערנענטערט צום אָנקומענדיקן האַרבסט.

בערג, קרופּקין, כייפעץ, זעלצער, בלאַך און שטערנטאָל האָבן מיט דערוואַכטער און אָפּגעפרישטער ענערגיע דורכגעפירט אַלע ווירטשאַפט־לעכע און עקזעקוטיווע אויפגאַבן פון דער קאָלאָניע. מ'האָט ווידער אַמאָל געדונגען זעקס אַרויסהעלפער פאַרם־אַרבעטער; מ'האָט ווידער פאַרבראַכט אין פעלד פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט; מ'האָט געניײט, געלאַטעט און צוגעגרייט זעק, און קוישן, און קאַסטנס; מ'האָט געטריקנט און גע־פּרעגלט און געזייערט פּרוכטן — אַן אַרבעט וואָס איז געפאַלן איבער־הויפּט אויף די פרויען, מ'איז שוין געווען פאַרטיק מיטן שניט און דאָס לעבן אין דער קאָלאָניע איז געווען פאַרביק און ראַשיק, אײַנהאַלטספול און פּרוכטבאַר. די טעג זײַנען געלאָפן שנעלער ווי די זון און די אָוונטן און די נעכט האָבן געלאָקט מיט רו, מיט געשפּרעכן, מיט געלעכטער און אַמאָל מיטן אַרויספאָר צו אַ מואווי־טעאַטער. און שוין עטלעכע מאָל האָט כייפעץ "איינגעשפּאַנט" דעם טראָק און געפירט די פרויען צו דעם מואווי־טע־אַטער קיין "מ־ן" יעדעס מאָל "זיבן ווײַבער פאַרטיעס" ווי כייפעץ האָט זיי אָנגערופן.

די אַקערמאַנס, די גאַנטשעס און די שינדלס — זיי אַלע זײַנען שוין אין דער קאָלאָניע ניט געווען. בערג האָט זיי אויסגעצאָלט האַלב פון דעם איינגעצאָלטן געלט און דאָס איבעריקע האָט מען זיי באַדאַרפט אויסצאָלן מיט אַ האַלבן יאָר שפּעטער.

אויך אין ביטריסעס לעבן האָט זיך לאַנגזאַם גענומען אויסקריס־טאַליזירן אַ מערקבאַרע ענדערונג. די לבנה־ליכט וועגן וועלכער רויזנבוים האָט אין יענעם אומפאַרגעסלעכן מיטינג־אָוונט גערעדט, האָט געווירקט אויך אויף איר. ניט מיטאַמאָל, אָבער לאַנגזאַם האָט זי אָנגעהויבן צו רעזאָ־נירן און האָפן אויף עפּעס, עפּעס וואָס די גרויסע ליכטיקע לבנה אויף דעם

באַנאַכטיקן גרענצלאָזן הימל האָט צוגעזאָגט.

זי האָט דערזען, אַז סיי זי אַליין און סיי די מענטשן אַרום ווערן ניט אַריינגעפּאַסט אין אייזערנע ראַמען און לעבן ניט אָפּ אַ לעבן, צוגעבונדענע מיט אומזעבאַרע שטריק צו אויסגעטרוימטע עמאָציעס. ניין, די מענטשן אין לעבן גייען דורך פאַרשידענע לאַבירינטן און אָט זיינען זיי נאָענט צוגעבונדענע מיט דעם זעלבן שיקזאַל, און אָט טיילן זיי זיך פאַנאַנדער און עס ווערט שווער צו געפינען איינער דעם צווייטן אין דעם לאַבירינט פון לעבן. און עס הייבט זיך אָן איינזאַמע בלאָנדזשעניש, אַ זוכעניש צום אַרויסגאַנג, צום ליכט, צום לבנה-ליכט, ווי סענטימענטאַל עס זאָל ניט זיין.

עס האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אַ שמייכל אויף אירע ליפּן; און זי האָט אויפגעהערט צו פאַרשפּאַרן זיך ביי זיך אין צימער. און די באַציאונגען אירע צו די קינדער זיינען געוואָרן וואַרעמער און פאַרשטענדלעכער. האָט עס קרופּקינען געפרייט. און ער האָט זיך גאָרניט געוואונדערט, ווען זי האָט איינמאָל אין אַן אָוונט, מיט איר אַגרעסיוון אימפּולס, אַ זאָג געטאָן צו אים:

— קומט אַריין צו מיר, קרופּקין... שפּעטער, נאָך דער וועטשערע.

און ווען ער איז דערנאָך נאָך דער וועטשערע אַריינגעקומען צו איר, איז אין צימערל געווען טונקל, בלויז די לבנה האָט דורכן פענצטער געוואָרפן אַ כשוף סטעזשקע צו דעם געלעגער, וואו ביטריס איז געזעסן און האָט געוואַרט אויף אים. און קרופּקין איז צוגעגאַנגען, אַנידערגעזעצט זיך לעבן איר אַ שווייגנדיקער און זיין האַרטע הייסע האַנט האָט געדריקט אירע דינע און קילע פינגער ביז ווייטיק, ביז געוויין.

די טעג און נעכט האָבן פון דעם אָוונט אָן צוגעקראָגן אַ נייעם אינהאַלט און אַ נייעם זין פאַרביידן. קרופּקין האָט פּרובירט איינצוזוימען אין זיך די עקזאַלטאַציע, וואָס האָט געפלאַמט אין אים; ער האָט פּרובירט אויפצונעמען זיין ענדלעכע נאָענטשאַפט מיט ביטריסן פילאָזאָפיש, אָט ווי אַ פּויער וואָלט עס אויפגענומען — פּשוט, ווי דעם אויפגאַנג פון דער זון, און ווי דאָס אָנקומען פון דער נאַכט, און ווי דעם אויפגאַנג פון דער תבואה אויף דעם פעלד. אַזוי האָט עס באַדאַרפט צו זיין — און אַזוי איז עס געשען. דאָס לעבן איז גוט... גוט צו אים.

*

דער זומער האָט זיך געזעגנט ווי אַ זאַטער רייכער גאַסט. אויף דעם פעלד זיינען שוין געשטאַנען סטויגן היי, צעשטעלט, ווי געל־ברוינע געצעלטן; פּאַפּשוי, קרויטן, קאַרטאָפל און אוגערקעס זיינען געלעגן קופּעסווייז און אין געפלאָכטענע שטרויענע קוישן.ביידע טראַקס און די אויטאָ־

מאָבילן האָבן טאָג איין טאָג אויס געפירט די פּראָדוקטן צו די גרויסע האָטעלן און רעסטאָראַנען אין "מ"ן" און די דאָזיקע וואָס האָבן זיך ניט פאַרנומען מיט די פּראָדוקטן האָבן ווי געווײַנלעך באַשעפטיקט זיך מיט די הינער, מיט די בהמות, מיט פאַרבן די טירן און פענצטער און מיט דעם פאַררעכטן פון די דעכער פון די הײַזער.

די טעג זײַנען געווען ווינטיקע, געריסן די אַרבעט פון די הענט, גע־שטיפט מיט גוטע שטימונגען, מיט לידער און שול-נגונים. כייפעץ, בלאָך, קרופּקין און שטערנטאַל זײַנען מער פון אַלעמען געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. אָנלאָדן טראָקס, אויסלאָדן די טראָקס, אַרײַנברײַנגען פון שטאָט כלערליי זאַכן, וואָס אַ יעדער אײנער באַזונדער און די קאָלאָניע בכלל האָט בעדאַרפט און געמוזט האָבן.

די פרויען, אַרײַנרעכענענדיק ביולאַן און ביטריסן, זײַנען אויך אַלע געווען פאַרנומען מיט אַרבעט, און געוויסע טעג אפילו מיט מער אַרבעט ווי די מענער. די זעקס אַרבעטער, וועלכע מען האָט געדונגען זיי זאָלן אַרויסהעלפן אין פעלד, האָבן געאַרבעט מיט באַזונדערן פלייס און פאַרגע־ניגן. עפּעס איז זיי געפעלן געוואָרן אָט די יידישע מלוכה, וואו אַזעלכע געלערנטע, קלוגע און אינטעליגענטע פרויען שפּאַנען זיך אײַן אין די פאַרטאָגן צוזאַמען מיט זיי אין דער אַרבעט אַריין און קאָכן אַזעלכע גע־שמאַקע מאכלים, און גרייטן אַזעלכע ריינע טישן.

און איינער פון די אַרבעטער, דזשאָן פּעטערסאָן, אַן אַמאָליקער נאָר־וועגישער פאַרמער, האָט אפילו געבעטן בערגן ער זאָל אים אַרײַננעמען אין דער קאָלאָניע אַלס שטענדיקן מיטגליד. קיין סאַך געלט, האָט ער גע־זאָגט, האָט ער ניט, אָבער זײַן אַרבעט און זײַן איבערגעבנהייט צו דער קאָלאָניע וועט זײַן ווערט מער ווי געלט. האָט בערג פּרובירט צו דער־קלערן אים די טיפערע מאָטיוון פון דער קאָלאָניע, אָנגעוויזן אויף דעם ספּעציפיש יידישן גייסט, וואָס ער וויל און אַלע ווילן דאָ אויפלעבן און ענטוויקלען און אָנהאַלטן, אַז ס'זאָל ווערן זייער לעבנס־זין, זייער אינהאַלט און אַ מוסטער פאַר אַנדערע שטאָטישע יידן. איז ער דאָך באַשטאַנען אויף זײַנעם, דער גוי, און בערג האָט אים געמוזט צוזאָגן, אַז מ'וועט באַטראַכטן דעם ענין און אויב מעגלעך וועט מען אים אַרײַננעמען אין דער קאָלאָניע אַלס אַ גלייכבאַרעכטיגטן מיטגליד.

די טעג זײַנען געוואָרן קורצער און אין די אָוונטן האָבן די צימער־לעך געאָטעמט מיט רו, מיט געמיטלעכע געשפּרעכן, מיט מוזיק פון דער ראַדיאָ, דאָ אין רויך פון דער ליולקע, און דאָרט בײַ דער שיין פון לאָמפּ — וועד מיט אַבוך, און ווער מיט אַ צײַטונג אין דער האַנט.

און אַז מ'האָט זיך פאַרזאַמלט צוזאַמען אין דעם "האָל", איז מער־בראָדערזאַן געווען די לעבעדיקסטע און פריילעכסטע צווישן די קאָלאָניסטן.

זי האָט געזונגען, "גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער", ווי בראַדערזאָן האָט איר פאַרגעוואָרפן ,און זי האָט זידגעפילט גליקלעך און צופרידן מיטן לעבן. זי האָט געהאַלטן, אַז מ׳לעבט דאַרף מען הנאה האָבן, און הנאה האָט מען, ווען מ׳טוט אַ זינג און אַ הוליע. האָט זי טאַקע אַראַנזשירט אַ "פייערדיקן" אָוונט באַם לייק, ווי קרופּקין האָט דעם אָוונט אָנגערופן, און וואו מ׳האָט זיך אַביסל "פאַרשפּילט מיט שטימונגען" ווי רויזענבוים האָט זיך אויסגעדריקט. און מערין און די איבעריקע איז דער אָוונט געפעלן געוואָרן. מ׳האָט צעלייגט אַ פלאַקערדיק פייער, מ׳האָט געזונגען, מ׳האָט געגעסן "האט דאָגס" און מ׳האָט געטרונקען "קאָקאַ־קאָלאַ" — זאַכן וואָס מערי האָט שוין געזען, אַז כייפּעץ זאָל אַריינברייגען פון שטעטל. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע און סיי די לבנה און סיי דאָס פייער האָבן זיך אָפּגע־שפּיגלט אין דער רואיקער טיפקייט פון לייק און געוואָרפן גראָטעסק־פאַנ־טאַסטישע שאָטנס.. מ׳האָט געזונגען "פלאַקער פייערל פלאַקער", און "מאַי קאַסטיאַר וו׳טומאַנע סוויעטיט" און אויך די "התקוה". עס איז געווען דאָס געזאַנג פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון יענע יאָרן, וואָס די מערהייט פון די קאָלאָניסטן האָבן געטראָגן ערגעץ טיף אין האַרצן, באַהאַלטן ווי אַ פאַר־גאַנגענעם חלום פון אַמאָל. עס איז געווען אנגענעם און טרויעריק אין דער זעלבער צייט און דאָ און דאָרט האָט אַ פרויעשער זיפץ און קרעכץ אַ הויך געטאָן מיט ציטערדיקער בענקשאַפט. און ווייל די שטימונגען האָבן ווי גע־שוואומען צווישן די פאַרזאַמלטע באַם זאַמדיקן ברעג און האָבן זיך געהויבן און גענידערט צוזאַמען מיט די פלאַמען פון דעם טראַסקענדיקן פייער, האָבן אויך די רייד און געשפּרעכן גענידערט און געשטיגן... אַט געלייגט זיך באַ די פיס מיט שטילקייט, און אַט צעפלאַמט זיך מיט ברען.

בער בלושטיין האָט ווידער אַמאָל גערעדט וועגן פאַלעסטינע. אוודאי, האָט ער געזאָגט, איז ער צופרידן מיטן לעבן דאָ, און אוודאי איז זיין שטרעבונג אָוועקצופאָרן אינגיכסטן קיין ארץ ישראל און בויען דאָס לאַנד ניט ווי אַ צייטווייליקן אַאַזיס אין אַ דזשאַנגל, נאָר טאַקע ווי אַ היים וואו עס זאָלן לעבן אייביק זיין שפּראַך, און זיין ליד, און זיין גייסט... אָבער ווידער אַמאָל און ווידער אַמאָל — זאָל זיך בערג, און קרופּקין און דער דאָקטאָר און די אַלע איבעריקע דאָ טויזנט מאָל שווערן, אַז זיי באַטראַכטן די קאָלאָניע אַלס לייזונג פאַר זיי אַלס יידן, וועט ער עס קיינמאָל ניט גלייבן. ניין, אַלס יידן זיינען זיי דאָ, און זיי פאַרבלייבן דאָ ווי פרעמדע, ווי געסט, ווי מענטשן, וואָס זיינען גרייט איבערצושלאָפן וואו עס זאָל ניט טרעפן, ווען עס שטורמט אַרום. און אַרום די יידן האָט שטענדיק געשטורמט; וואָרן ווען די קריסטן פירן צווישן זיך זייערע אייגענע חשבונות, שיסן זיי אַלץ אין דעם יידן, וואָס איז צווישן זיי. דערפאַר איז דאָס ניט קיין היים — עס איז אַ צייטווייליקער אַאַזיס.

— נו, און ביו יאָרק מיט די צוויי מיליאָן יידן? און וואַרשע? און מאָס־קווע? זיינען דאָס אויך אַאַזיסן? — האָט קרופּקין אַרגומענטירט.

— יא, — האָט בלושטיין געשריגן. — דאָס זיינען גרעסערע אַאַזיסן, אָבער אויך אַאַזיסן. דאָס זיינען די קבוצים וואוהין מיר שטופּן זיך צעזאַמען, מיליאָנענווייז ווי פיש אין ים, ווייל צעזאַמען ווייזט זיך אונדז אויס, זיינען מיר געזיכערטער. אָבער אַפילו מיליאָנענווייז זיינען מיר דאָך אָפּגעזונדערטע פּאַריער, — אָפּגעזונדערטע מיטן אייגענעם ווילן, און אָפּגעזונדערטע מיט'ן ווילן פון דער וועלטלעכער דזשאַנגל מאַכט.

— די וועלט־מאַכט וואָלט אונדז ניט געשאָנעוועט אַפילו ווען מיר האָבן אונדזער אייגענע היים. — האָט זיך בערג אָנגערופן. — קאָנען מיר דען חלומען אַפילו צו ווערן אַזוי מעכטיק, ווי עס איז מעכטיק די קריסט־לעכע און אַפילו די אַזיאַטישע וועלט־מאַכט? ניין, מיר וועלן עס קיינמאָל ניט באַווייזן. מיר קאָנען אָבער העלפן דעם העכערן גייסט צו דערהייבן זיך איבער דער דזשאַנגל מאַכט און מאַכן די וועלט אַ בעסערע וועלט פאַר דעם מענטשן בכלל.

— ווער זאָגט אַז ניין? — האָט בלושטיין געענטפערט. — פאַרוואָס מוזן מיר אָבער זיין די ציל ברעטער פאַר די דאָזיקע וואָס ווילן שיסן? דיינקט איר ניט, אַז אונדזער גייסט וואָלט זיך דערהויבן נאָך העכער, ווען מיר וואָלטן געלעבט אין אונדזער אייגן לאַנד, אונטער אונדזער אייגענער אָנפירערשאַפט, מיט אַלע מעגליכקייטן צו ענטוויקלען אונדזערע קולטור־רעלע און גייסטיקע אייגנשאַפטן?

— אַוודאי, — האָט בערג צוגעשטימט, — אַוודאי. אָבער מיר קאָנען דאָך ניט און דאַרפן דאָך ניט גיין צו אונדזער היימלאַנד, וואו עס זאָל ניט זיין, מיט די זעלבע מעטאָדן און מיט דער זעלבער בלוטדורשטיקייט, מיט וועלכער די וועלט גייט נאָך אַן ביז איצט. מיר קאָנען ניט און מיר טאָרן ניט. און זיצן און וואַרטן ביז די אויסלייזונג וועט קומען, און ווערן דע־גראַדירט און פּאַסיוו אין דעם קולטורעלן און סאָציאַלן גאַנג פון דער וועלט, קאָנען מיר דאָך אויך ניט. — וואָס זשע בלייבט? בלייבט — לעבן ווי מענטשן, לעבן אַזוי, אַז אַפילו אויף דעם וועג צום אונטערגאַנג דורך אַסימילאַציע, אָדער דורך די אַלע מיתות־משונות, וואָס די וועלט טראַכט צו פאַר אונדז, זאָלן מיר דאָך אויסלעבן אונדזער לעבן ווי אַ גייסטרייך פאָלק, ווי אַ פאָלק וואָס קעמפט פאַר גערעכטיקייט, ווי אַ פאָלק פאַר וועל־כן די ערד און דער הימל, דער גייסט און דאָס לייב, דאָס לעבן און דער טויט איז ניט בלויז אַ צופעליקע פאַרבייגייענדיקע זאַך, נאָר אַ וועג דורך זינפולע, אומצושטערבאַרע און אייביקע ווערטן, וואָס פירן אין דער אייבי־קער אייביקייט פון איין מענטש צום צווייטן, פון איין פאָלק צום צווייטן.

די דאָזיקע דיסקוסיע האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט

אַריין און ווען דער פייער האָט זיך צעפלאַמט מיט די לעצטע שטיקער האָלץ און די פלאַמען האָבן זיך אַ טראָג געטאָן הויך אין דער נאַכט אַריין, האָט דער שכנישער פאַרמער דזשאַנסאָן, פאַרבייפאָרנדיק מיט זיין זון, באַשלאָסן אויסצוגעפינען וואָס דאָס פייער און די געשרייען וואָס טראָגן זיך פון לייק באַדייטן.

ער האָט געשמייכלט דער פאַרמער דזשאַנסאָן, ווען ער האָט דערזען די יידישע "ביטש פאַרטי" און געוואונדערט זיך צוליב וואָס שרייען זיי אַזוי — ער זעט ניט, אַז אפילו איינער פון זיי זאָל זיין שכור.

ער איז אויפן צווייטן טאָג געקומען אַ קוק טאָן טאָקע אויף דעם קאָאָפּעראַטיוון פאַרם און ווען בערג און קרופקין האָבן אים געגומען אַרומפירן איבער דער באַלעבאַטישקייט, האָט ער מיט אויפריכטיקער באַוואונדערונג אויסגעדריקט זיין צעפרידנקייט פון דעם וואָס ער האָט געזען.

—גוט... — האָט ער געהאַלטן אין איין ווידערהאָלן בא יעדן פאַרבייגייענדיקן פונקט. — גוט... גוט . . .

עס האָבן זיך דערנענטערט די יידישע יום־טובים, אָבער איידער די יום טובים האָבן זיך דערנענטערט, האָט מען גלייך געמוזט צוטרעטן צו לייזן די פּראָבלעם פון באַזאָרגן די קינדער מיט טראַנספּאָרטאַציע צו דער "פּאַבליק סקול" און "היי־סקול" צו דעם שטעטל "מ־ן". דער ראַטקאָם האָט באַשלאָסן, אַז דאָס מוז ווערן בייפּעצעס שטענדיקער דזשאָב — אָפּפירן די קינדער און ברייגגען זיי צוריק פון די שולן. עס האָט אים ניט געאַרט דער דזשאָב, האָט ער געזאָגט, וואָרן, ערשטנס דאַרף ער דאָך סייווי פאָרן אַפּאָר מאָל אין דער וואָך אין שטאָט אַריין און צווייטנס, וואָס טוט ניט אַ ייד צוליב תורה — תורה איז די בעסטע סחורה און פאַר דערדאָזיקער סחורה וועט ער קריגן באַלוינט סיי פון די קאָלאָניסטן, סיי פון דעם בורא — און דערביי האָט ער זיך געוויצלט, וואָס עס איז בא אים אפילו מיטן גראַם.

די קאָלאָניסטן שטערנטאַל, זעלצער, בלאָך, די ברידער בלושטיין, שולמאַן און זאַנענפעלד האָבן באַשלאָסן, אַז אויף ראש השנה און יום כפור וועלן זיי פאָרן קיין ניו יאָרק. נישקשה, — האָבן זיי געטענהט, — איעדער איינער פון זיי האָט פריינט און קרובים צו וועמען צו קומען צו פאָרן אויף עטלעכע טעג, און חוץ דעם זיינען אין ניו יאָרק נאָך פאַרבליבן אַ פּאָר האָטעלן פאַר באַדן" קאָלאָניסטן, וועט מען שוין האָבן אַ קאָלעקטיווע וואַקאַציע, אַזוי צו זאָגן.

איבערהויפּט זיינען די פרויען געווען אָנגעלאָדן מיט דערוואַרטונגען און מיט באַזונדערע שטימונגען: ניו יאָרק האָט ווידער אַ בליאַסק געטאָן

פאַר זיי מיט די כשופדיקע פייערן פון "בראַדוויי", און "טיימס סקווער", וואוהין זיי פלעגן זיך אַרויסלאָזן אין די יום־טובדיקע נעכט אַ הוליע צו טאָן, — ווייל אין די יום־טובדיקע נעכט איז דאָס הוליען געווען אַנדערש־דיקער, ווי אין די וואָכעדיקע טעג און נעכט, ווען עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז "אפילו די גאַסן, שוין אָפּגערעדט די שפּעפער, גייען אָנגעטאָן אין אָווערראַלס" ווי רויזנבוים האָט זיך אויסגעדריקט. איז שוין דאָס ריידן אַליין וועגן דעם אַרויספאָר קיין ניו יאָרק געווען יום טוב, נאָך אידער דער יום טוב איז געקומען.

ביולאַ האָט געזאָגט, אַז זי בלייבט אין דער קאָלאָניע. די טעג זיינען דאָך אַזעלכע גוטע, אַזעלכע שטימונגספולע... עס גלוסט זיך צו שפּילן עלעגיעס. זען ווי די פייגל פליען און ממש פילן דאָס פאָכן פון זייערע פליגל. און דאָס דערמאָנט איר, צו דערמאָנען בערגן, אַז ער זאָל זען געפינען אַ וועג ווי צו ברענגען די פּיאַנאָ, וואָס די מוטער האָט איבערגעלאָזט אין ניו יאָרק. אָבער... זי פאַרט ניט איצט, ווייל עמיצער מוז דאָך בלייבן דאָ צו טאָן די אַרבעט, וואָס עס מוז געטאָן ווערן... און מ'טאָר ניט אָפּגרענעצן זיך פון פשוטע פיזישע פּריווילעגיעס, אויב מ'קאָן זיך ניט העלפן און מ'מוז זיך אַמאָל אָפּגרענעצן מיט גייסטיקער באַזונדערקייט . . .

אַזוי האָט זי גערעדט צו ביטריסן און ביטריס האָט פאַרשטאַנען און האָט צוגעגעבן, אַז אויך זי און קרופּקין בלייבן... צוליב די זעלבע שטימונגען און סיבות.

*

די נאַכט פון ערב ראש השנה איז געווען די שטילסטע. אַזוי האָט זיך עס זיי די פאַרבליבענע אין דער קאָלאָניע, אויסגעוויזן.

אינדערפרי זיינען זיבן פאַמיליעס אַרויסגעפאָרן, ווער מיט מאַשינען, ווער מיטן באַן פון "מ־ן". פאַרבליבן זיינען בערג, ביולאַ און איר מוטער, קרופּקין, ביטריס, דער "דאָקטאָר", רויזנבוים, די בראַדערזאָנס און שולנער. זיי האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט אין דעם עס־צימער. ביולאַ, איר מוטער ביטריס און מערי האָבן געגרייט אַ יום־טובדיקן טיש. די מענער זיינען געזעסן אַרום אין אַ רעדל און האָבן געשמועסט. בלויז רויזנבוים האָט ניט געקאָנט איינזיצן... ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן צימער, געררויבערט די ליולקע, וואָס כייפעץ האָט אים געבראַכט אַ מתנה און געטראַכט. ער האָט געהאַט געגוג צייט אין דער קאָלאָניע צו טראַכטן, אָבער וואָס מער צייט ער האָט געהאַט און וואָס מער ער האָט געטראַכט, אַלץ ווייניקער שעפעריש איז ער געווען. צופיל שטילקייט און צופיל צייט און צו ווייניק מענטשן, האָט ער מעדיטירט, רעגן ניט אָן, עס געשעט ניט גאָרניט אַזעלכעס וואָס זאָל דערוועקן אין אים לײַדנשאַפטן, פּראָבלעמען, אידייען, עפּעס

אזוינס, וואָס זאָל אים פאַרפירן און דערהייבן צו שעפערישקייט. אין דער־זעלבער צייט האָט ער אָבער אויך אַרגומענטירט מיט זיך: וואָס הייסט עס געשעט ניט גאָרניט, וואָס הייסט ער האָט ניט מענטשן־וועלטן אַרום? און די דאָזיקע מענטשן דאָ, זיינען זיי דען ניט וועלטן מיט פּראָבלעמען פאַר זיך? און די שאַפונג פון דער קאָלאָניע מיט אַלע פּשוטע מיטלען און מיט אַלע קליינינקע און גרעסערע געשעענישן און איבערלעבונגען איז דאָס דען ניט גענוג פּראָבלעמאַטיש, צו דערזען אין דעם אַ קוואַל פאַר אַ שאַ־פונג פאַר געזעלשאַפטלעכן און מענטשלאַכן אינטערעס? און די דערהייבונג? איז זי דען ניט פאַראַן אַט טאָקע דאָ, אַט טאָקע אין דערדאָזיקער שטילער פעלד־נאַכט, וואו אַט אַזעלכע מענטשן . . .

אומבאַוואוסטזיניקערהייט האָט ער געקוקט אויף ביולאַן. געזען דורכן רויך פון דער ליולקע איר פּנים, אירע גלאַט־פאַרקעמטע האָר, איר אויסגעטאָקטן פּראָפיל, איר שלאַנקע פיגור אין דעם גאָלד־ברוינעם קלייד, וואָס זי האָט אָנגעטאָן ספּעציעל פאַר דער יום טוב נאַכט — געקוקט אויף איר און פאַרענדיקט דעם געדאַנק: — אַט אַזעלכע מענטשן ווי ביולא וואָס זיינען ווי אַ פונק פאַר קינסטלער, אַ פונק וואָס צינדט אָן די נשמה, אַט אַזעלכע מענטשן ווי זיי זיינען גענוג צו דערהייבן, צו אינספּירירן צו שאַ־פונג . . .

— רויזענבוים גייט שוין ווידער צו קינד... מיט אַ פּאָעמע. — האָט דער "דאָקטאָר" אַ זאָג געטאָן.

שפּעטער צו האָבן קרופּקין, בראָדערזאָן און שולנער גענומען דיס־קוטירן די פּלוצימדיקע אַרויפגעשוואומענע עקאָנאָמישע צערודערונג אין לאַנד. יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט זיין אייגענע מיינונג וועגן דעם. עס איז דער גאַנג און עס איז די עוואָלוציע פון קאַפּיטאַליזם — האָט קרופּ־קין אַרגומענטירט; עס איז גלאַט פּאָליטיש־עקאָנאָמישע שפּילערייען און ספּעקולאַציעס פון "וואָל סטריט", האָט בראָדערזאָן פּרובירט צו באַווייזן; עס איז די איבערפּראָדוקציע און מאַנגל אין האַנדלס־מערק איז שולנער גע־ווען איבערצייגט. בערג האָט צוגעגעבן, אַז אַלע דריי זיינען גערעכט, אַז די אַלע אָנגעגעבענע טעמים צוזאַמענגענומען, און דער פאַקט פון דער נאָך־מלחמהדיקער כאַאָטישער און ניט אָרגאַניזירטער און שלעכט פּלאַנירטער באַלעבאַטישקייט, צוזאַמען מיט דעם גייסט פון דער רעוואָלוציאָנערער און צעברויזטער אייראָפּע האָט געווירקט און וועט ערשט ווירקן, אַז דאָס לאַנד זאָל מוזן רעווידירן די אָנגענומענע און איינגעפונדעוועטע באַגריפן וועגן עקאָנאָמישע און סאָציאַלע סטאַנדאַרטן. עס מוזן קומען רעפאָרמען, — האָט ער צוגעגעבן, — אָבער ווי אַזוי זיי וועלן קומען, דאָס נעמט ער זיך ניט אונטער פאַראויסצוזאָגן.

דער אָוונט איז אַוועק אַ פריילעכער, אָבער מיט אַ צומיש

פון טריבקייט. ביטריס האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזעלע בראַנפן, פון דעם בראַנפן, וואָס כייפעץ האָט אַריינגעשמוגלט אין דער קאָלאָניע נאָך אין דער צייט פון דער דערפּענונג. זי איז געווען פריילעך און האָט געלאַכט, האָט זיך געהאַלטן נאָענט צו קראָפּקינען און געהאַלדזט אים און געקושט אים. אָבער, ווען אַלע האָבן זיך שוין אויפגעהויבן פון טיש, איז זי פּלוצים אָן אַ וואָרט אַרויס פון "האָל" און געלאָזט זיך לויפן צו איר צימער, קוים איינהאַלטנדיק דאָס געוויין.

— וואָס איז? וואָס איז, ביטריס? — איז מערי נאָכגעלאָפן. ביטריס האָט אָבער גאָרניט געענטפערט, אָפּגעשטופּט זי מיט דער האַנט און פאַרמאַכט די טיר מיט אַ טראַסק.

— די אַלטע שטימונגען אירע זיינען צוריקגעקומען. — האָט מערי דערנאָך געקוועטשט מיט די אַקסלען און געוואונקען מיט אַן אויג צו קראָפּקינען. — די אַלטע שטימונגען, אויב איר פאַרשטייט וואָס איך מיין. — האָט זי צוגעגעבן.

קראָפּקין האָט פאַרשטאַנען. ער איז נאָך געזעסן אַביסל און דערנאָך געלאָזט זיך גיין צו ביטריסן.

דער "דאָקטאָר" האָט זיך אויך אויפגעהויבן, געזאָגט אַז דער "פראַנצויזישן" בראַנפן האָט אים אויך פאַרשאַדט, און אַז, אין אַלגעמיין, איז ער ניט מיט אַלעמען, — זיינען שוין די איבעריקע אויך געקומען צום באַשלוס, אַז דער ערשטער ערב ראש השנה אין דער קאָלאָניע איז געשלאָסן.

בראָדערזאָן איז געווען דער לעצטער אַרויסצוגיין און צו פאַרלעשן די לאָמפּן. עס איז געוואָרן שטיל און פינצטער אַרום. בלויז אין די צימערלעך אין דעם הויז נומער צוויי האָבן די באַלויכטענע און פאַרהאַנגענע פענצטער געוואָרפן פאַסן ליכט ווי סטעזשקעס אין דער טונקלקייט אַריין און צו ביסלעך זיינען אויך די סטעזשקעס־ליכט פאַרשוואונדן, געבליבן איז בלויז באַלויכטן דאָס פענצטער אין בערגס צימער.

פאַר בערגן איז די דאָזיקע נאַכט געווען אַ מעדיטאַטיווע, געדאַנקען און שטימונגען זיינען געקומען און געביטן זיך ווי שאָטנס אַרום פייערלעך. די ראש השנה נאַכט האָט דערמאַנט אין דער אַלטער היים, אָן יענע שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט אין דעם הויז פון זיינע עלטערן און אין די יידישע גאַסן און געסלעך פון דער שטאָט... און די דאָזיקע נאַכט האָט אויך גערופן און געפירט אים אַהינצו, צו דער קאַלירפולער און כישופדיקער ניו יאָרקישער נאַכט, וואוהין די קאָלאָניסטן מיט זייערע פרויען זיינען אַוועק. איבערהויפּט אָבער האָט ער געטראַכט פון די דאָזיקע, וואָס זיינען פאַרבליבן אין דער קאָלאָניע, וואָס האָבן מיט דער גאַנצער פריילעכקייט זייערער אויסגעזוכן איינזאַם, אַ יעדער איינער פאַרטראַגן פון זכרונות אפשר; אַ יעדער מיט זיינע טרוימען אפשר, פאַרווירקלעכטע און ניט־פאַרווירק־

לעבטע טרוימען, געמישטע מיט געלעכטער און מיט פארשלונגענע טרערן.

און איצט, דא, בא זיך אין צימער, מיט ביולאן, וואס קוקט אויף אים מיט איר פארשנדן און רואיקן בליק.

— וועגן וואס טראכסטו? — האט זי א פרעג געטאן.

— וועגן דער נאכט, און וועגן די מענטשן, און וועגן די שטימונגען ארום. און דו וועגן וואס טראכסטו?

— איך טראכט... — איז זי צוגעגאנגען צו אים און האט ארומגע־נומען מיט ביידע הענט זיין האלדז, ווי זי פלעגט עס שטענדיק טאן. — איך טראכט, אז איך ווער ... אט ווי א טייל פון דעם פעלד, א מוטער פון וועמען עס דארפן ארויסקומען פרוכטן . . .

— דו.. פילסט.. ווי א מוטער? — האט זיך זיין שטימע אנגעגאסן מיט ווארימקייט.

זי האט א שמייכל געטאן און צוגעטוליעט איר קאפ צו זיין ברוסט.

ער האט זי אויפגעהויבן, געהאלטן אויף די הענט ווי א קינד; גע־קוקט אין אירע סודותפולע, שמייכלענדיקע אויגן און געזאגט :

— ווי א מוטער.. אז ווי א מוטער? מוטערלעכקייט מוז זיין א וואונ־דערבארער געפיל און דער געדאנק וועגן דעם שטארקט, באפעסטיקט. זאג, רעד... ווי א מוטער... ביולא?

זי האט זיך שטארקער צוגעדריקט צו אים און ער האט געפילט און געהערט ווי זי לאכט אין טרערן.

עס איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט. דער הימל האט גע־וואכט מיט טויזנטער אויגן. דאס פעלד איז א נאקעטס און אויפגעדעקטס געלעגן אין ברילינאנטענעם טוי. די שטילקייט האט זיך אויסגעוויזן שפע־טשעט פון דער ערד צום הימל און פון דעם הימל צו דער ערד.

מיט אמאל האט זיך דערהערט דאס בילן אוז דער געוואי פון כייפעצעס הונט. דאס פעלד פון צפון־זייט האט גענומען רויטלען זיך און די פענצטער פון הויז נומער צוויי האבן זיך אנגעגאסן מיט פייער־שיין, ווי אויגן מיט בלוט.

קרופקין איז געווען דער ערשטער צו דערהערן דאס בילן פון הונט. ער איז צו צום אפענעם פענצטער און האט ארויסגעקוקט. דאס בלוט האט אים ווי מיט א האמער א קלאפ געטאן אין קאפ. אויף גיך האט ער א כאפ געטאן אויף זיך די הויזן און איז ארויס אין קארידאר, שרייענדיק: בערג! בערג! ס׳איז א פייער! שטייט אויף! ס׳אפייער!

ער האט זיך געלאזט לויפן צום הויז נומער איינס און גלייך הינטער אים איז געלאפן בערג, רויזנבוים, בראדערזאן, שולנער און דער ״דאק־טאר״ — אלע האלב אנגעטאן, אלע דערשראקענע . . .

ווען קרופּקין איז צו צום הויז, האָט ער דערזען, אַז דאָס פייער רייסט זיך פון אַ פענצטער אין דער קיך. ער איז גלייך אַריין אין הויז, בערג און די איבעריקע נאָך אים. בערג האָט זיך גלייך געלאָזט לויפן צום מעטאַלענעם צילינדער, וואָס האָט געהאַנגען אין אַ ווינקל, אָנגעפילט מיט אַ כעמישן פייער־לעשנדן שטאָף. די איבעריקע הינטער אים האָבן גע־קוקט ווי ער שפּריצט די פליסיקייט פון דעם צילינדער ווי פון אַ פאָנטאַן אַרויס. די צונגען פייער, וואָס האָבן זיך געצויגן פון די טישטוכער און האַנטיכער זיינען פאַרשוואונדן און די קיך האָט זיך אָנגעפילט מיט רויך און מיט שטיקנדיקע אַמאָניע־גאַזן.

אַלע זיינען אַרויס אין דרויסן און אין פלאָנטער פון פראַגן, פון אַלערליי סברות, וואָס סיי די מענער און סיי די פרויען האָבן פאַרוואָרפן איינער דעם צווייטן אין דער אַלגעמיינער צעטומעלטקייט, האָט קרופּקין אין דער פינצטערניש געקוקט אויף שולנערן און געוואָלט דורכנעמען אים מיט זיין בליק ווי מיט אַ מעסער.

מ׳איז ווידער אַריין אין הויז. דורך די אָפענע פענצטער האָבן זיך די אַמאָניע־גאַזן געטראָגן אין דער נאַכט אַריין און ווען מ׳האָט געמאַכט ליכטיק, האָט מען דערזען, אַז דער שאָדן איז אַ קליינער — בלויז עטלעכע טישטוכער און אַ צענדליק האַנטוכער זיינען פאַרברענט געוואָרן. קיינער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין פון וואַנען דאָס פייער האָט זיך גענומען; ס׳איז אָבער געווען קלאָר, אַז ניט פון דעם אויוון, ווייל אַלע רערן זיינען געווען פאַרמאַכט און באַם אויוון האָט גאָרנישט געברענט. דער העלד פון דער פּאַסירונג איז געווען דער הונט און אַלע האָבן אים געדריקט, גע־גלעט, געדרעדט צו אים ווי צו אַ מענטשן און שיער ניט געקושט.

— נו, גוט. — האָט בערג ענדלעך געזאָגט. — די נאַכט איז נאָך ניט פאַראיבער... לאָמיר גיין שלאָפן. מיר קאָנען דאָך ניט שטיין דאָ אַלע און היטן די קיך. קיין פייער ווי איר זעט, וועט שוין מער ניט זיין.

ווען אַלע זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען צו זייערע צימערן, זיינען בערג און קרופּקין געבליבן שטיין אינדרויסן ביי דער טיר.

— נו, האָבן מיר שוין אַ פייער אויך געהאַט. — האָט בערג גע־זאָגט. — און גוט, וואָס מ׳איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק. די חברה וועט קומען פון דער שטאָט און זיי וועלן דערהערן וואָס זיי האָבן דאָ אָנגע־וואוירן, וועט זיי באַנג טאָן... נו, אַ גוטע נאַכט, קרופּקין.

עס האָט זיך ניט געגלוסט אַריינצוגיין צוריק אין צימער אַריין. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין דרויסן און געהאַלטן אין איין קוקן צו שולנערס פענצטער וואו עס איז נאָך געווען ליכטיק. ווען ער האָט אָבער דערהערט ווי שולנער עפנט דאָס פענצטער, איז ער דורכגעגאַנגען, האָפנדיק, אַז שול־

נער וועט זיך פאראינטערעסירן צו זען ווער עס גייט דארט און ער וועט ארויסקוקן.

און אזוי איז געווען. שולנער האט דערהערט, אז עמיצער דרייט זיך ארום באם פענצטער, האט ער ארויסגעקוקט.

—אה, דאס זענט איר קרופקין.. — האט ער געזאגט. — איר קאנט ניט שלאפן וואס איר דרייט זיך ארום?

— ניין, איך קאן ניט. און איר? — האט קרופקין א פרעג געטאן.

— איך קאן אויך ניט, איך וועל אבער פרובירן.

— איר האט ליב צו פרובירן, זע איך.

— וואס מיינט איר? — האט שולנער געפרעגט שטילער.

— וואס א שטייגער קאן איך מיינען, מיינט איר?

— מ'דארף ניט זיין קיין גרויסער חכם אנצושטויסן זיך לויט אייער טאן און לויט אייערע בליקן, וואס איר האט געווארפן אויף מיר. עס איז טאקע געווען פינצטערליך, אבער אייער פאזע לעבן מיר, ווי איר זענט געשטאנען, האט מיר גאנץ גענוג געזאגט. און לאמיר אייך זאגן, קרופקין, עס איז זייער ניט אנגענעם פאר מיר און ס'איז אפילו נידעריקער פון מיין ווירדע צו ריידן וועגן דעם און פארטיידיקן זיך פון עפעס, וואס איז... נישט געשטויגן און ניט געפלויגן. איך וויל אבער ניט אז איר זאלט בלייבן ביים איינדרוק און בא דעם חשד אין וועלכן מיין נארישער אויסדרוק מיטן "שוועבעלע" האט אייך דעמאלט אריינגעווארפן. מ'דארף זיין, ווייזט אויס, פארזיכטיק מיט ווערטער אין א שפאס און איבערהויפט אין א אומשולדיקן ערנסט. דאס אלעס וואס איך האב אייך צו זאגן. א גוטע נאכט.

ער איז אוועקגעגאנגען פון פענצטער און געלאזט קרופקינען אליין. קרופקין איז געשטאנען א ווײלע, ניט וויסנדיק ווי אפצעשאצן שולנערס אפענעם געשפרעך; דערנאך איז ער ווידער אוועקגעגאנגען צו דער קיך צו איבערצייגן זיך, אז אלעס איז אין ארדענונג און ווען ער איז שוין גע־גאנגען צוריק אין זיין צימער, האט ער געטראפן ביי זיין טיר רויזנבוימען.

רויזענבוים איז געשטאנען מיט זיין לולקע אין דער האנט און דערזע־ענדיק קרופקינען, האט ער א זאג געטאן:

— איך האב ערשט געוואלט אריינגיין צו אייך, קרופקין.

— וואס עפעס . . .

— איך האב אייך עפעס וואס צו זאגן.

קרופקין האט ווידער א טראכטגעטאן וועגן שולנערן: אט קומט עס... רויזענבוים ווייסט אויך מסתמא. . .

— נו, קומט אריין.. — האט ער געזאגט.

—ניין. אז איר זענט שוין דא, וועל איך עס זאגן אייך דא. עס וועט ניט נעמען לאנג. איך מוז עס אייך זאגן, ווייל אויב ניט, וועל איך ניט

שלאָפן די גאַנצע נאַכט און מיין געוויסן וועט מיך מוטשען . . .

— עפּעס וועגן שולנערן? — האָט אים קרופּקין געוואָלט אונטער־העלפן.

— וועגן שולנערן? ניין... וואָס גאָר וועגן שולנערן. ס'איז וועגן מיר זעלבסט. איר פאַרשטייט... איך קאָן עס ניט זאָגן פאַר אַלעמען... נאָך אַלעמען, ס'ווילט זיך ניט ריידן פאַר אַלעמען. אָבער אייך וועל איך זאָגן און איך וויל, אַז בערג זאָל אויך וויסן, אַז איך בין דערדאָזיקער וואָס האָט געמאַכט דאָס פייער . . .

— איר?! האָט קרופּקין כמעט אויסגעשריגן.

— יאָ, איך..—האָט רויזענבוים שטיל געזאָגט. — ווען איך האָב באַ דער וועטשערע געהויכערט מיין ליולקע און געוואָלט אַרויסטרייסלען דעם אַש, בין איך אַריינגעגאַנגען אין קיך, געמיינט איך וועל עס טאָן אין דעם אייזערנעם פעסל. אָבער ווען איך בין צוריק אַרויסגעגאַנגען פון דער קיך, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז כ'האָב געזען ווי צעזאַמען מיטן אַש זיינען פונקען געפלויגן פון דער ליולקע... כ'האָב אָבער ניט געטראַכט וועגן דעם אין דער צייט... איצט פאַרשטיי איך... איך בין אפילו זיכער, אַז די פונקען וואָס האָבן אונטערגעצונדען די טישטוכער, זיינען געווען פון מיין ליולקע... איך האָב עס אייך געמוזט זאָגן... און איצט פיל איך בעסער . . .

— איר פילט בעסער?! — האָט אים קרופּקין אָנגעכאַפּט באַ דער האַנט אַ דערפרייטער. — און איך, מענטש! ווי דיינקט איר פיל איך?! נו, גייט שלאָפן, גייט, און פאַרגעסט וועגן דעם... איר זעט דאָך — בלויז עט־לעכע טישטוכער, אַ כפּרה!

ווען רויזענבוים איז אַ שטילער אַריין צוריק אין צימער, האָט קרופּקין אָנגעקלאַפּט אין שולנערס טיר.

שולנער האָט געעפנט די טיר און איז געבליבן שטיין אַ קאַלטער.

— איך מוז זיך ענטשולדיקן פאַר אייך שולנער — האָט קרופּקין גע־זאָגט.— ווייל איך בין דאַכט זיך דער נאַר, און ווען איך זאָל זיך ניט ענט־שולדיקן איצט פאַר אייך, וואָלט איך ניט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. און אַז די נאַכט איז שוין באַלד אַוועק — האָט ער גוטמוטיק אָנגעוויזן אויפן פענצ־טער — ווייל איך סיי ווי סיי ניט, אַז מיין געוויסן זאָל מיך מוטשן.. ענטשול־דיקט. — האָט ער אַ פרעג געטאָן און אַ קלאַפּ געטאָן שולנערן אין אַקסל.

— אַל־רייט — האָט שולנער זויער אַ שמייכל געטאָן און האָט פאַר־מאַכט די טיר.

קרופּקין איז מיט אַ גרינגן האַרץ אַריין צו זיך אין צימער.

*

אין דעם אינדערפרי, אַ טאָג נאָך יום כפור זיינען שוין כמעט אַלע געווען צוריק פון שטאָט. אַ יעדער איינער מיט זיין שטימונג. פאַר אייניקע איז דאָס צוריקקומען צו די קליינע צימערלעך און צום שטילן פעלד און הימל געווען טרויעריק און ענטוישנד; פאַר די אַנדערע — אַ דערלייכטערונג, וואָס ענדלעך זיינען זיי צוריקגעקומען צו זייערע אייגענע ווינקלען פון דעם טומלדיקן אויסמאַטערנדיקן ניו יאָרק. די עלטערע, די פאַרמערס איבערהויפּט, זיינען געווען צופרידן צו זיין ענדלעך אינדערהיים, די פרויען אָבער, די איינגערע האָבן נאָך אַלץ ענטוישטע געקוקט אויף די שמאָלע צימערלעך, אויף די אָנגעוואָרפענע פעקלעך וואָס זיי האָבן אָנגעבראַכט פון ניו יאָרק. מ׳האָט נאָך אַלץ גערעט וועגן בראָדוויי, וועגן די טעאַטערס, וועגן די רעסטאָראַנען און וועגן דעם וואָס מ׳האָט געזען, און וואָס מ׳האָט געגעסן, און ווי שפּעט אין די נעכט מ׳האָט אַרומגעהוליעט מיט פריינט און בעקאַנטע.

די אײנציקע, וואָס זיינען צוריקגעקומען שטילע און שווייגנדיקע, זיינען געווען די ברידער בלושטיין. די וואָך אין הויז פון די עלטערן האָט זיי אויסגעמאַטערט מיט דער צוגעבונדנקייט און איבערטריבענער אויפמערקזאַמקייט. זיי האָבן אָבער געפילט, אַז ערגעץ וואו פעלט דער קאָנטאַקט, דער אַמאָליקער שטאָטישער פּולס און ריטם אין זיי, דער ראַשיקער און ברויזנדער אינטערעס צו דעם, וואָס האָט אַזוי פאַכאַפּט די יונגעלייט און די מיידלעך פון זייער שטאַנד. די געשפרעכן זייערע האָבן ווידער און ווידער אַמאָל געדרייט זיך אַרום פאַלעסטינא און אַרום דער ענגלישער פאָליטיק. און ניט באַמערקט אַפילו ווי אַזוי זיי האָבן אין זייערע געשפרעכן יעדעס מאָל אומגעקערט זיך צום הויפּט־פּונקט פון זייער געשפרעך — צו דער קאָלאָניע ״באָדן; געמאָלן די אַרבעט אין איר, און די קאָלאָניסטן אין איר, איבערהויפּט בערגן, מיט די ליכטיקסטע פאַרבן, און געהאַלטן אין איין באַווייזן, אַז די איינציקע טירן צו אויסלייזונג פון אַנטיסעמיטיזם פירן דורך אַזעלכע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס. דער עלטערער בלושטיין האָט איבערהויפּט געצילעוועט דידאָזיקע רייד אין די אויערן פון אַ בלאָנדער מיידל, וועלע איז אין זיינע אויגן געווען אַזוי צויבערדיק ווי ביולאַ. און ער האָט איר אַפילו געגעבן אָנצוהערן, אַז ער וואָלט געוואָלט ,אַז אויך זי זאָל ווי ביולאַ קומען אין דער קאָלאָניע, פאַרבינדן זיך מיט אים און טיילן מיט אים זיין לעבן און זיין אידעאַל. די מיידל האָט געשמייכלט סודותדיק און געקוקט ערגעץ אינדערווייטנס... איר שמייכל און איר בליק האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך אין דער קאָלאָניע, וואו דער ברייטער מרה־שחורהדיקער הימל האָט פאַרדעקט מיט גרויקייט זיין טרוים.

*

דאָס בוך איז פון דער
איקוף ביבליאָטעק

דאָס פעלד איז שוין געלעגן ווי אַן אַלטער אויסגעריבענער און צעריסענער טעפּיך. דער לייק האָט זיך געהוידעט מיט גרויסע כוואַליעס; דאָס וועלדל אינדערווייטנס איז געשטאַנען ווי אַ שוואַרצער וועכטער; סטייעס פייגל זיינען געפלויגן אונטער גרויע כמאַרעס, עס זיינען געווען ווינטיקע און אויך רעגנדיקע טעג און נעכט.

די אַרבעט אין דער קאָלאָניע האָט אויסגעוויזן גרוי און פּוסט. עס האָט זיך געפאָדערט אַ סך מי און אַרבעט איינצושטעלן די אָנגעקומענע אויוונס; מ'האָט באַדאַרפט איינקויפן קוילן און וואַרעמע קליידונג פאַר איי־ניקע פון די קאָלאָניסטן און בערג צוזאַמען מיטן "ראַטקאַם", האָבן מיט פאַראויסגעזעענע שווערקייטן פּלאַנירט דעם בודזשעט פאַר דעם ווינטער.

בערג האָט דערוויילע אַריינגעבראַכט פון דער שטאָט ביולאָס פּיאַנאָ, וועלכע מ'האָט אַוועקגעשטעלט אין "האָלל", און דער "דאָקטאָר" האָט שוין איינמאָל אַראַנזשירט אַ גרויסאַרטיקן "ליטעראַריש מוזיקאַלישן אָוונט" מיט דער באַטייליגונג פון ביולאָן, פון דעם דיכטער רויזענבוים און פון מערי בראָדערזאָן, וועלכע האָט געזונגען אידישע און רוסישע לידער אונ־טער ביולאָס אַקאָמפּאַנימענט.

איינמאָל איז אויך דער "דאָקטאָר" געפאָרן קיין ניו יאָרק. געקומען צוריק אַ פאַרוואָלקנטער. פון דער פאַרוואָלקנקייט האָבן אָבער אַרויסגע־שיינט ווי זון־שטראַלן זיינע איבערצייגנדע און אָפּטימיסטישע ווערטער: — איר ווייסט גאָר ניט ווי גוט עס איז אונדז דאָ, מיינע פריינט. דאָס לאַנד שטייט אויף דער שוועל פון געשעענישן וואָס וועלן אויפרייסן דעם גהינום, מיר שטייען אָבער דאָ אויף אַ זיכערן באָדן... — ער איז געווען ענטוישט אין דער שטאָט דער "דאָקטאָר" און איבערהויפּט איז ער געווען ענטוישט מיט זיין פריינט דעם קאַפּיטאַליסט, וועלכער האָט אים דאָס מאָל ניט געוואָלט אויפנעמען אַפילו.

אַפּאָר מאָל זיינען געקומען געסט פון ניו יאָרק אַ פאָר שרייבער, אַ פאָר קולטור־טוער אַן אַקטיאָר און אַ יוניאָן־פירער — אַלע בערגס פער־זענלעכע פריינט, געקומען אַ קוק טאָן און אויסגעפינען וואָס ס'איז גע־וואָרן פון בערגס אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישע פאַנטאַזיעס. זיי זיינען איבער־געשטאַנען אַ טאָג און איבערגענעכטיקט אַ נאַכט און אַוועקגעפאָרן באַגייס־טערטע פון ביולאָן, אָבער וויניקער פון דער קאָלאָניע, וואָס האָט אין דעם האַרבסטיקן רעגנדיקן טאָג אויסגעקוקט גרוי, בלאָטיק און נודנע. די שריי־בער האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן שרייבן וועגן דער קאָלאָניע. דער אַקטיאָר האָט צוגעזאָגט אַריינצעכאַפּן זיך אַמאָל מיט אַ קאָנצערט און די איבעריקע געסט האָבן געמאַכט קאָמפּלימענטן אין וועלכע בערג האָט געשפּירט אַ העפלעכע גלייכגילטיקייט.

ער האָט אָבער געשמייכלט אין זיך און געקוקט מיט ליבשאַפט אויף

ביולאָן און אויף דעם פעלד און כאָטש אַ פאַרגעפּיל פון אַן אַנקומענדיקער קאַטאַסטראָפע האָט גענאָגט און מאָמענטוויז געשראָקן, דאָך האָט ער גע־טריבן פון זיך די שאָטנדיקע געדאַנקען און אַ טיפערע, אינערלעכע שטי־מע האָט געמונטערט: עס איז בעסער און געזינטער צו האַלטן זיך בײַ דער ערד, אויפאַקערן זי און פאַרזייען זי, און דערנערן זיך פון איר גוטס־קייט, איידער צו קלעטערן און רייסן זיך אויף די גלייכע הימלקראַצער־ווענט, , אָדער פאַרדרייט ווערן אין וויר־וואַר פון האַנדל וואַנדל. אַ שטורם קומט און אַ שטורם פאַרגייט, אָבער זי, די ערד, וועט בלײַבן און יעדן טאָג וועט זי זען ווי עס גייט אויף די זון. און מיט דער אויפגייענדיקער זון, וועט אויך ער און ביולאַ זען, ווי עס מאַכט זײַנע ערשטע טריט און ווי עס גייט אויף אַ נייער מענטש אויף דער מאַמע־ערד — זייער אייגענער, זיי־ער נייגעבוירענער זון.

***

עראָס דער אלמעכטיקער

דאָס איז געווען זיין לעצטע נאַכט אין דער תפיסה. דורך דעם קליי־נעם פענצטערל אין דער שטיינערנער וואַנט פון זיין צעל, האָט ער געקאָנט זען די לבנה. און יעדעס מאָל, וואָס ער האָט געקוקט אויף איר, האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט דעם אַלאַרם פון בלוט און געוועקט און גערופן.

אויף זיין וואַנט ,איבער זיין בעטל, האָט געהאַנגען אַן אָפּגעבלאַקירט בילד פון אַ פרוי, פון דער פרוי, וואָס האָט בעדאַרפט טיילן מיט אים דאָס לעבן; דאָס הייסט: זי האָט בעדאַרפט גיין מיט אים אין לעבן האַנט ביי האַנט, צעזאַמען בויען, צעזאַמען שאַפן, צעזאַמען ליידן, געניסן פון גליק און צע־זאַמען שלאָפן, יאָ שלאָפן. שלאָפן האָט ער געוואָלט מיט איר, ליגן לעבן איר, פילן זי, פילן די געטריישאַפט פון אַ מוטער און די ליבע פון אַ זי.

און כאָטש ער האָט שוין געוואוסט, אַז זי געהערט שוין פון לאַנג צו אַן אַנדערן מאַן, האָט ער דאָך געהאַלטן איר בילד און פלעגט אָפט קוקן אויף איר. וואָרן, האָט ער דען געהאַט אַ רעכט צו פאָדערן פון איר, אַז זי זאָל צוליב אים, צוליב אַ וויטן חלום פאַרצערן איר לייב און איר לעבן?

מיט פופצן יאָר צוריק האָט ער געבראַכט מיט זיך דאָס דאָזיקע בילד. מיט צעקייטן ברויט צוגעקלעפּט עס צו דער וואַנט און געקוקט אויף איר, גערעדט צו איר אָפט און געפונען אַ טרייסט. און מאָמענטענווייז פלעגט זיך אים אויסווייזן, אַז זי שמייכלט צו אים, זי ענטפערט אים, אַז זי קוקט אויף אים מיט פאַראַטרויערטע אויגן — פלעגט ער צופאַלן צו דער וואַנט און וויינען און בלייבן ליגן דערנאָך אָן געפיל, אָן געדאַנק.

די טעג און די נעכט די חדשים און די יאָרן האָבן אים געהאַלטן ווי מיט קלעפּיקע הענט און אַלעס אַרום איז געוואָרן מעכאַניש, מאָנאָטאָן און די נעץ פון פאַטאַלן גורל האָט זיך געוועבט אַרום אים אַלץ גרויער און גרע־בער.

זיין נאָמען איז שוין פון לאַנג קיין נאָמען ניט געווען און צעזאַמען מיט זיין טויטן נומער צוויי טויזנט זעקס הונדערט און איינס און צעזאַמען מיט די איבעריקע טויטע נומערן אַרום, זיינען אויך די טעג געוואָרן ווי טויטע נומערן אין לעבן. און פלעגט ער אַמאָל איבערלייענען זיין נאָמען אין אַ ציייטונג, פלעגט זיך אים אויסווייזן אַז דאָס לייענט ער וועגן אַ פרעמדן, אַז ניט אים קאַסאַריקן מיינט מען דאָס. ער איז שוין פון לאַנג ניטאָ. ס'איז דאָ עפּעס פון אים, ס'איז עפּעס פאַרבליבן, ס'איז אָבער ניט ער, ניט ער —

קאַסאַריק. מ׳האָט אים גערופן און מ׳רופט אים נאָך איצט אין די צייטונ־גען ״דער מאַרטירער״; און דאָס לאַנד איז נאָך אַלץ ווי מיט פּופּצען יאָר צוריק צעטיילט אין דער מיינונג צי איז ער געווען, צי איז ער ניט געווען פאַרמישט אין דעם אַטענטאַט, וואָס איז דעמאָלט געמאַכט געוואָרן אויף דעם גאָווערנאָר. און מ׳האָט שוין ניט איינמאָל געפּאָדערט זיין באַפריי־אונג אויף דעם גרונט, אַז דער רעוואָלווער מיט דער אויסגעשאָסענער קויל, וואָס מ׳האָט געפונען אין זיין אויבערראָק אין טעאַטער, איז נאָך ניט אַ באַ־ווייז, אַז ער איז געווען דער טעראָריסט וואָס איז באַגאַנגען דעם אַטענטאַט. און יעדעס מאָל ווען עס פלעגט פּלוצים אויפפלאַקערן דער שטורם פון פּראָטעסט, פלעגט זיין האַרץ אָנהייבן וויברירן און קלינגען מיט טריבע קלאַנגען און עס פלעגן שווימען פאַר זיינע אויגן בילדער מיט טריבע פון ״יענער זייט וואַנט״, אַזעלכע נאָענטע, טריבע בילדער, וואָס זיינען גע־ווען אָפּגעטיילט פון אים מיט טויזנטער טעג און נעכט.

״מאַרטירער״... עס פלעגט אים אָפּט בייזערן דאָס וואָרט. ווארן מאַר־טירערשאַפט איז ניט אין דער אומשולד אפילו. ווארן אַלע ארום אים, די אומשולדיקע און די שולדיקע האָט ער געפילט, זיינען מאַרטירער. זיין מאַרטירערשאַפט און די מאַרטירערשאַפט פון די אַלע וואָס ליגן אַרום אים איז איינע און די זעלבע. זיי ווילן ניט ליגן צונויפגעקאַרטשעטע אויף זיי־ערע שטרויענע זעק און חלומ׳ען פון יענער וועלט, וואָס לעבט. זיי ווילן אויך זון; זיי ווילן אויך לבנה־שטראַלן אויף די גרינע לאַנקעס באַנאַכט; זיי ווילן הערן דעם פייף פון דעם לאָקאָמאָטיוו און זיצן אין די וואַגאָנען בא די פענצטער און אַרויסקוקן אויף די אומענדלעכע פעלדער און וועלדער און זען לאַנד, קיה, און זינגען לידער, און טרינקען מיט חברים ביר ערגעץ אין אַ קרעטשמע און טאַנצן דזשעז.

יאָ, די ערשטע חדשים די ערשטע יאָרן איז ער קאַסאַריק, געווען נאָך דער זעלבער, דער אַכט און צוואַנציק יעריקער קאַסאַריק. ער פלעגט נאָך לייענען, אַ סך לייענען און דאָס איבערגעליינטע פלעגט זיך אים חלומ׳ען ביינאַכט. און אויסוויינין פלעגט זיך אים, אַז לעבן לעבט ער ביינאַכט, ניט בייטאָג. ער פלעגט זיך לייגן שלאָפן און בעטן ביים לעבן אַ חלום, אַ זיסן חלום. דערנאָך זיינען די חלומות געקומען אין דער וואָר.

דורך די מוֹאוויס וואָס מ׳האָט זיי צייטנווייז געוויזן פלעגן זיי זיך אַריינ־רייסן אין זיין גרויען לעבן מיט ליכטיקע טרוימען פון אויסגעטראַכטע מעשיות און האָבן געבלענדט די נעכט מיט פייערן פון ליידנשאַפט. און די טויטע וועזנס פון די רייצנד שיינע פרויען האָבן אָנגעפילט ביינאַכט די קאַ־מערן און האָבן געשאַרפט די אָנגעצויגענע נערוון און געפייניקט מיט תאוה די אָנגעגליטע גלידער; און פאַרטאָג פלעגט ער אַרויסקומען מיט שוואַרצע שאָטנס אונטער די אויגן, מיט אָרעמס, פון אייגענע ציין צעביסענע, אַ שוויי־גנדיקער, אַ צעשרויפטער און בייזער. און דערנאָך ווען די ראַדיאָ האָט

אַריינגעדרונגען אין די תפיסה ווענט און מעלאָדיעס האָבן ווי פון ווייטע הימלען געטראָגן זיך מיט כישופדיקע קלאַנגען און געצויבערט די נשמה מיט אַזוי פיל פאַרגעסענעם און דערמאָנט אָן אַזוי פיל פאַרגאַנגענעם. פלעגט ער ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָן אויסגעצויגענער אפן בעט און אַ טריב־קייט, און אַ געפיל פון רחמנות צו זיך און צו די אַרומיקע אין די שטייגן האָט ווי מיט קאַלטע פינגער געגלעט דאָס האַרץ. און, איינגורנדיק זיך מיטן קאָפּ אין שטרוי־זאַק פלעגט ער לאָזן רינען די הייסע טרערן און צענויפ־גיסן זיך אין פיין מיט די וואונדער־קלאַנגען.

איצט, אין דער דאָזיקער נאַכט, האָט ער דאָס לעצטע מאָל געקוקט דורך די גראַטעס אויף דער לבנה, און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס מאָל איז די לבנה אַזוי נאָענט ביים פענצטער אַז זי איז גרעסער, פולער און דער הימל איז בלויער און טיפער. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעטל און גענומען אַרומשפּאַנען. און די געוואוינהייט צו מאַכן דריי שפּאַן הין און דריי שפּאַן צוריק איז דאָס מאָל פאַרשוואונדן. עס האָט זיך שוין געוואָלט שפּאַ־נען ווייטער, ווייטער, אַרויס פון דעם שטיינערנעם קאַמער, דורך דער הויכער וואַנט אין הויף . . . ווייטער, ווייטער . . .דורך די רעלסן, דורכ'ן טייך אין וואַלד אַריין, אַזוי ווייט, ווי די לבנה וועט אים פירן, ווייט, ווייט . . .

אָט, מאָרגן גאַנץ פרי וועט ער אַרויס. ער וועט דאַרפן ערגעץ גיין. ער וועט דאַרפן צו עמיצן קומען. ער האָט ניט קיין אייגענע. דער פאָטער, דער אָרעמער אייזנבאַן אַרבעטער, איז שוין פון לאַנג געשטאָרבן. איין ברו־דער האָט ער ערגעץ, ווייסט ער ניט, אַפילו וואו ער איז. בלייבן, הייסט עס, די פריינט זיינע, אָט די דאָזיקע, וועמען ער רופט חברים. אָט די דאָזיקע, וואָס האָבן געמאַכט דעמאָנסטראַציעס פאַר אים, וואָס האָבן אויסגעפילט צענדליקער פעטיציעס און געזאַמלט טויזנטער אונטערשריפטן.

יע,זיי זיינען זיינע איינציקע פריינט און זיי אָדער אַ דעלעגאַציע פון זיי וועט מאָרגן אין דער פרי אָפּוואַרטן אָף אים באַם טויער. וואָס וועלן זיי טאָן מיט אים? ער האָט זיך שוין אַזוי פיל מאָל געפרעגט די פראַגע, וואָס וועט ער דאַרפן טאָן? ער וועט זיך אָפּרוען. זיי וועלן פאַר אים קויפן אַ ניי־עם אָנצוג, ווייל דעם אַלטן וועלכן מ'וועט אים מאָרגן געבן האָט מען אויף אים צעריסן מיט פופצן יאָר צוריק, ווען מ'האָט אים אַרעסטירט און געשלאָגן. זיי וועלן אים פירן אָף מיטינגען און זיי וועלן רעדן וועגן אים און דערנאָך וועט ער אַליין אויך דאַרפן רעדן. און ער וויל ניט רעדן. ער וויל ניט. ער האָט קיינמאָל ניט גערעדט און ער האָט קיינמאָל קיין העלד ניט געוואָלט זיין, און דער רעוואָלווער וואָס מ'האָט באַ אים געפונען איז אויך ניט געווען זיינער און ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי ער איז געקו־מען צו אים אין קעשענע אַריין.

ער פלעגט גיין אויף דעמאָנסטראַציעס, אמת. עס האָט אין זיין ברוסט געברענט דער פייער פון פּראָטעסט, אמת. ער איז ניט איינמאָל אַרומגעג־

גאַנגעז אַ הונגעריקער און קללות האָבן זיך געריסן פון זיינע ליפּן און עס פּלעגט זיך וועלן כאַפּן אַ שטיין און אויסזעצן די פענצטער אין די קראָמען און שרייען און שעלטן און רופן צו אויפשטנאַד, צו בלוט . . . ער האָט עס אָבער קיינמאָל ניט געטאָן, ווייל ער האָט שטענדיק ליב געהאַט דעם שטילן געמיט. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט דאָס צאַרטע, און ביכער, און מוזיק, און דעם ים, און זי... דאָס אַלעס וואָס ער האָט ליב געהאַט מער פון אַלץ. האָט דער שיקזאַל זיך אַ שפּיל געטאָן מיט אים, און ער איז געוואָרן אַ מאַרטי־רער.

נעכטן האָט ער געזען זיין בילד אין אַ צייטונג. אַ רעפּאָרטער האָט עס אַראָפּגעכאַפּט, ווען מ׳האָט אים צוגעלאָזט צו אים אין קאָמער. האָט ער געקוקט אַף זיין אייגענעם בילד, אַף זיין אייגן פּנים און דאָס פּנים איז אים געווען פרעמד. ער האָט געוואָלט וויינען, קוקנדיק אַף זיין אייגן בילד. און עס האָט זיך אים געוואָלט וויינען אויך דעמאָלט, ווען דער רעפּאָרטער האָט אים געשטעלט פראַגן. ער האָט אים געוואָלט זאָגן, ער זאָל אים אָפּלאָזן, ער זאָל זיך גיין, ווייל דאָס האַרץ צאַפּלט זיך אין דער נעץ פון אייגענע נערוון, און די געדאַנקען זיינען אַזוי כאַאָטיש צעשוואומען, און ער ווייסט ניט וואָס ער דאַרף זאָגן און ער וויל גאָרניט זאָגן. ער וויל זיין אַליין. ער וויל אַרויס פון די ווענט און אָטעמען די לופט, און וויסן, אַז ער איז פריי, אַז ער קען גיין וואוהין ער וויל, צו וועמען ער וויל, און פילן אויפן פּנים די וואַרעמע זון . . .

און אין דער צייטונג האָט ער געלייענט:

״חבר קאַסאַריק ווערט מאָרגן באַפרייט. ער גייט אַרויס פון דער תּפיסה מיט דעם ניט אונטערגעבראָכענעם גייסט פון אַ מאַרטירער קעמפער ווי־דער צו שטעלן זיך אין די רייען פון אַרבעטער קלאַס, ווידער צו קעמפן״.

אַ, ס׳איז אַ ליגן, ס׳איז אַ ליגן. ער קען מער ניט קעמפן. ער איז מיד. עס ווילט זיך אים הערן מוזיק אין פּאַרק און קוקן ווי הינט לויפן אַרום און שפּילן זיך. ער וויל אַז עמיצער זאָל זיך אַנידערזעצן לעבן אים ביינאַכט אויף זיין בעט און גלעטן זיינע האָר, זיינע האָר, וועלכע זיינען גרוי געוואָרן אין די מינוטן פון בייִנקעניש.

מאָרגן וועלן זיי שטיין באַם טויער און וואַרטן אַף אים. ער וועט בעטן דעם וואָרדן מ׳זאָל אים אַרויסלאָזן אומבאַמערקטערייט, איידער זיי וועלן קומען. ער וויל אַוועק אַליין. איינער אַליין וואוהין די אויגן וועלן טראָגן . . . אין דער וועלט אַריין... מ׳זאָל אים צורו לאָזן, מ׳זאָל ניט קוקן אויף אים, מ׳זאָל אים לאָזן שווייגען.

אין דער דאָזיקער נאַכט איז ער, קאַסאַריק, ניט געשלאָפן . . .

ווען ער איז געגאַנגען אויף דער גאַס, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיי־נע טריט זיינען לייכטער און שנעלער. עס האָט זיך אים געוואָלט איינהאַלטן זיי. עפּעס אין אים האָט אים געצוימט און נאָך אַלץ צוריקגעהאַלטן מיט

אייזערנע הענט. ער איז געגאַנגען איינער אַליין. זיי, די חברים אַרבעטער, שטייען מסתמא דאָרט ביים טויער אַנטוישטע פון דער בשורה, אַז קאַסאַריק איז ניטאָ, קאַסאַריק איז אַוועקגעגאַנגען, אָפּגעגאַרט זיי. און זיי וועלן זיך וואונדערן צי איז דאָס שוואַכמוט, צי איז דאָס פון באַשיידנקייט. זיי וועלן זיך אָבער אויך זיכער בייזערן, ווייל דאָ איז שוין ניט וויכטיק איצט קאַסאַריק דער מענטש. ער געהערט ניט איצט צו זיך אַליין. און זיין לעבן איז שוין ניט זיין אייגן לעבן, זיין נאָמען איז דער סינאָנים פון מאַרטירערשאַפט, פון קאַמף . . . זיין נאָמען איז איצט אַ לאָזונג, אַ וואָרט, אַ רוף וואָרט — און ער האָט זיי אָפּגענאַרט.

יאָ. ער ווייסט אַז ער האָט זיי אָפּגענאַרט און ער וויל ניט טראַכטן איצט פון דעם. זאָל ער די ערשטע שטונדן פון זיין פרייהייט — זיין פריי. די יוני זון האָט געשיינט אים גלייך אין זיינע אויגן. פאַר אים און הינטער אים זיינען געגאַנגען מענער און פרויען. ער האָט זיך איינגעקוקט אין יעדן געשטאַלט און געטראַכט, אַז די וועלט איז אַ וועלט. — ווי געווען. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט באַלד וועט ער אפשר באַגעגענען זי, וועלכע איז שוין לאַנג פאַרהייראַט, וועמעס בילד ער האָט געלאָזט דאָרטן אין קאַמער צוגעקלעפּט צו דער וואַנט מיט צעקייטן שווארצן ברויט.

ער האָט זיך דערזען אין אַ שפּיגל. דער ראָק איז צעריסן, און דאָס האַלדז־בענדל, וואָס ער האָט געטראָגן פריער, מיט פופצן יאָר צוריק, איז געווען צעקנייטשט און מיט בלוט פלעקן. ער וואָלט באַדאַרפט אַריינגיין און קויפן זיך אַ נייעם אנצוג און אַ נייעם שניפּס און אַ נייעם הוט און שיך. ס'וועט אים סטייען. ער האָט דאָך די אָפּגעשפּאָרטע דריי און פופציק דאָלאַר, וואָס ער האָט פאַרדינט אין תפיסה. האָט ער אָנגעהויבן צו גיין איבער גאַסן און געסלעך. געדיינקט, אַז ערגעץ איז פאַראַן אַ געסל, וואו מ'האַנדלט מיט אַלטע און נייע זאַכן. דאָרט קריגט מען מציאות און דאָרט וועט ער זיך איינהאַנדלען דאָס בויטיקע.

און ווען ער האָט דאָס געסל געפונען און אַלעס איינגעקויפט און טאַקע גלייך אין דער קראָם זיך איבערגעטאָן, איז אים נאָך געבליבן צוואַנציג דאָלער. איז ער אַריינגעגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן אָפּעסן, און, עסנדיק האָט ער געקוקט איבערן אַקסל פון אַ מאַן אין דער צייטונג וואָס יענער האָט געלייענט, דערזען זיין בילד אויף דער פראָנט זייט און מיט גרויסע בוכשטאַבן: קאַסאַריק באַפרייט — פאַרשוואונדן.

ער איז אַרויס פון דעם רעסטאָראַן אַ טרויעריקער. עפּעס אַלעס אַרום האָט פּלוצים אָנגעהויבן אויסקוקן טרויעריק. אי די מענטשן, אי דער הימל, אי דער קלונג פון טראַמוואַי. עס האָט אים געצויגן צו שלאָפן. עס האָט זיך אים געוואָלט אַנידערלייגן זיך אין אַ בעט און שלאָפן. שלאָפן אָן אַ שיעור, אָן אַ סוף... קיינער זאָל אים ניט אויפוועקן ווי דאָרט אין תפיסה... פינף אַזייגער פאַרטאָג. און ווען ער וועט זיך אויפכאַפּן זאָל ער ליגן אַזוי לאַנג

ווי עס וועט זיך אים גלוסטן און מיט פאַרמאַכטע אויגן טראַכטן וועגן לעבן, וועגן טעג און נעכט, וואָס זיינען ניט ערגעץ פון יענער זייט וואַנט אָפּגע־טיילט מיט טויזנטער טעג, נאָר זיי זיינען טאַקע אין אים און מיט אים... און אין דעם זעלבן געסל, וואו ער האָט געקויפט זיינע קליידער און אָפּגע־געסן, האָט ער אויסגעזוכט אַ האָטעל און גענומען אַ צימער צו שלאָפן. און ווען ער איז געלעגן אין בעט האָט ער געהערט אַ פרויען שטימע פון יע־נער זייט וואַנט, האָט ער געשטרעקט די הענט צו איר, צו דער אומזעבאַר־רער און איינגעקלאַמערט זיך אין קישן און געדריקט דאָס גאַנצע לייב זיינס צו דעם מאַטראַץ און געוואָרעמט עס מיט דער וואַרעמקייט פון זיין קערפּער.

ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז מענטשן רעדן איצט פון אים, אַזוי פיל מענטש אין אַזוי פיל הייזער און אַזוי פיל פרויען, מסתמא. און קיינער פון זיי ווייסט ניט און שטעלט זיך ניט פאָר אפילו פון וואָס ער, קאַסאַריק, טראַכט איצט אין בעט פון דעם האָטעל צימער און קיינעם פון זיי קומט ניט אויף דעם געדאַנק אפילו, אַז ער האָט אַ לייב און בלוט וואָס רופט.

און אַזוי איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן מיט צעשפּרייטע הענט און גע־שלאָפן איז ער פונקט אַזוי פיל וויפיל ער פלעגט שלאָפן דאָרט אין זיין צעל. עס האָט זי דאַים אויסגעוויזן, אַז ער האָט אפילו ווי דאָרט אין תפיסה, דעם קלונג געהערט. איז ער אויפגעשפּרונגען און אָנגעהויבן זוכן זיינע זאַכן. אין צימער איז נאָך געווען פינצטער. דורך די אָפענע פענצטער האָבן אַריינגעשיינט די עלעקטרישע לאָמפּן און דער טראַמוויי האָט אונטן גע־קלונגען און מענטשן האָבן ערגעץ גערעדט. איז ער צוגעגאַנגען צום פענצ־טער און אַראָפּגעקוקט. די נאַכט האָט געקוקט פון הימל אַ בלויע און אונ־טען האָט זיך ווי אַ פייערדיקע, גאָלדענע שלאַנג געדרייט און געשאַרכט די גאַס. און די מוזיק פון אַ ראַדיאָ האָט פון ערגעץ, ווי מיט אַ מאַרש גערופן און געצויגן צו אומענדלעכע אָפּגרונטן פון לעבן. און אויף אַ מינוט האָבן קאַסאַריק'ס אויגן אַ שפּיל געטאָן מיט פונקען; אַף אַ מינוט האָט דאָס האַרץ, ווי צעוואַקסן זיך, און וואַרעמע כוואַליעס האָבן אַ שוואום געטאָן אַרום און אַרום... אָבער באַלד האָט עפּעס ווידער אַ זינג געטאָן מיט טרויער און אַ בלוי־שוואַרצער נעבל האָט זיך געשפּרייט און פאַר די אויגן האָט זיך אַ צי געטאָן די תפיסה וואַנט, און די גראַטעס, און דאָס שמאָלע בעטל מיטן שטרויענעם זאַק.

קאַסאַריק האָט פאַרשטעלט די אויגן מיט די הענט, געוואָלט פאַר־טרייבן פון זיך די בילדער וואָס זיינען ווי לעבעדיקע צוריקגעקומען צו האַלטן זייער קרבן מיט זייערע גרויע קאַלטע שטיינערנע פינגער. געהערט ווי אין קאָרידאָר האָט עמיצער געקלאַפּט מיט עמערס. איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר, געעפנט זי שטיל און באַ דער שיין פון אַ קליין עלעקטרישן לעמפּל האָט ער דערזען אַ פרוי וואַשט דעם דיל און אירע אָפּגעדעקטע קני האָבן געשיינט מיט ווייסער רונדקייט. און,

קוקנדיק אויף איר, האָט זיך אים געוואָלט זען ווי איר שוואַרץ קלייד רוקט זיך אַרויף נאָך אַביסל אויף איר ווייס לייב. דער געדאַנק האָט געבריט און פאַר די אויגן האָבן וויברירט און געטאַנצט פיבערנדיקע ווייסע גלידער. און ווען זי האָט אים דערזען און אַראָפּגעצויגן איבער די קני דאָס קליידל, האָט ער פאַרמאַכט די טיר און געפילט ווי דאָס האַרץ אין אים שפּרינגט, און דאָס בלוט קלאַפּט אין די שלייפן ווי מיט האַמערס. און ווען ער האָט דערפילט אַז זיין פּנים ברענט און די אויגן שמאַרצן און בריען אויס שוואַרצע שאָטנס, האָט ער זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אויפן בעטל.

ער איז צוגעפאַלען צום קישן און פון זיין פאַרקלעמטן מויל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ קוויטש ווי פון אונטער די ציין פון אַ שאַרפער זעג... אָט אַזוי ווי איינמאָל דאָרט אין תּפיסה. און אין אַ היסטערישן נערוועזן צוזאַמענ־ברוך האָט זיך זיין ברום און געוויין אַרויסגעריסן פון צימער אין קאָרי־דאָר אַריין — און די פרוי אויף דעם דיל איז געבליבן זיצן אַ בלייכע און אַ פאַרגליווערטע מיט דער באַרשט אין האַנט. און דערנאָך לאַנגזאַם אויפגע־הויבן זיך אַף אירע ציטערדיקע פיס און צוגעגאַנגען צו דער טיר און שטיל אָנגעקלאַפּט.

דערהערנדיק דעם קלאַפּ האָט ער אַ ציטער געטאָן, ווי ער פלעגט אַ ציטער טאָן דאָרט ביי זיך אין צעל און לאַנגזאַם האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און צוגעהערט זיך. זי האָט ווידער אָנגעקלאַפּט און געפרעגט:

— וואָס איז מיט אייך? וואָס איז מיט אייך? קען איך אייך מיט עפּעס העלפן?

איר שטימע איז געווען אַזוי אָנגענעם און עס האָט זיך אים פּלוצים געוואָלט דערפילן זיך ווי אַ קראַנקער, זייער אַ קראַנקער, און עמיצער זאָל זיצן לעבן אים און האַלטן די קאַלטע האַנט אַף זיין הייסן שטערן.

— וואַסער — האָבן זיינע דורשטיקע ליפּן אַרויסגערעדט.

זי האָט אים געבראַכט וואַסער, און געבליבן שטיין לעבן אים און גע־קוקט ווי ער שלינגט דאָס וואַסער. זי האָט געמאַכט די ליכט. האָט ער גע־בעטן זי זאָל פאַרלעשן. האָט זי פאַרלאָשן דאָס עלעקטרישע לעמפּל און גע־לאָזט זיך אַרויסגיין.

— אַ ניין, ניין . . . גייט ניט — האָט ער זי געבעטן.

איז זי געשטאַנען אַ ווײַלע פאַרוואונדערט און געקוקט אַף אים און געוואַרט און ווען ער האָט מער גאָרניט געזאָגט האָט זי געפרעגט:

— איר זענט קראַנק?

— ניין, ניט קראַנק — האָט ער געענטפערט. — ס'איז עפּעס אַנ־דערש... איר וועט ניט פאַרשטיין.. ס'איז פון דאָרט.. ס'איז פּשוט די נערוון.

— זאָל איך רופן אַ דאָקטאָר?

— אַ, ניין, ניין. ס'איז גאָרניט — האָט ער אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויפן קישן.

— ווילט איר מער גאַרניט?

האָט ער אַ ווײַלע גאַרניט געענטפערט און דערנאָך געזאָגט:

— אויב איר ווילט... אויב איר ווילט... לייגט נאָר צו אייער האַנט צו מײַן קאָפּ אַף אַ מינוט.. נאָר אויף אַ ווײַלע... איך בעט אײַך . . .

איז זי געשטאַנען אַ ווײַלע און געקוקט אויף אים שטרענג און דערנאָך געלאָזט זיך אַרויסגיין. בײַ דער טיר איז זי אָבער געבליבן שטיין:

—אויב איר מיינט... צו שפּילן קאָמעדיעס מיט מיר, מאַכט איר אַ טעות. — און זאָגנדיק דאָס איז זי דאָך צוגעגאַנגען צו אים און אַנידערגע־לייגט איר האַנט אַף זײַן שטערן.

— מיר דאכט זיך, אַז איר האָט פיבער.

— ניין... ס'איז נאָך פון דאָרט... ס'איז פון דעם אַלעמען . . .

— וואָס רעדט איר דאָרט... פון וואַנען פון דאָרט? וואָס מיינט איר...

— זיצט... זעצט זיך דאָ אַנידער לעבן מיר... האָט קיין מורא, איר פאַר־שטייט... איך וויל אַ פּרוי זאָל זיצן לעבן מיר, שוין פופצן יאָר, אַז קיין פרוי איז ניט געזעסן לעבן מיר... ניט געהאַלטן איר האנט אויף מײַן קאָפּ. זיצט...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַ דער זײַט פון בעט. אין דער בלײַ־בער ליכט וואָס איז געפאַלען פון דער גאַס דורך די פענצטער האָט זי גע־זען זײַן אויסגעצערט פנים און עפּעס איז איר זײַן פנים אויסגעקומען אַזוי באַקאַנט, זי האָט אים, האָט זיך איר געדאַכט, ערגעץ געזען.. זי האָט זיך אָבער ניט געקאָנט דערמאָנען וואו.

— איר ווייסט, איר זעט מיר אויס אַזוי באַקאַנט — האָט זי געזאָגט.

— איך אײַך באַקאַנט? אָ, יע, ס'איז מעגלאָך, זייער מעגלעך... — האָט ער געזאָגט און פאַרמאַכט די אויגן.

— פילט איר בעסער איצט? — האָט זי געפרעגט. — איך וועל שוין גיין, אָ?

— אָ ניין, ניין גייט ניט. וואָס אַרט אײַך. זיצט דאָ מיט מיר. איך בין אַ עלנטער, איינער אַליין. איך וויל ניט זײַן אַליין. נעמט ניט צו אייער האַנט.

— כאַ . . . אַ פיינע אַרבעט האָט איר מיר פאַרגעבן, האַלטן מײַן מײַן האַנט אויף אייער קאָפּ, אַזאַ אײַנפאַל פון אַ מענטשן. איך האָב אַרבעט. איך דאַרף וואַשן דעם דיל.

—זיצט נאָך אַביסל, — האָט ער זיך געבעטן, און צוגעטוליעט זיך מיט זײַן באַק צו איר האַנט.

זיי האָבן געשוויגן אַ ווײַלע. די וואַרעמקייט פון זײַן באַק האָט מאָד־נע אַ שטראָם געטאָן איבער איר לײַב. און זײַן אומבאַהאָלפנקייט, און די טיף אײַנגעפאַלענע אויגן, און דאָס אויסגעצערט פנים וואָס איז איר געווען אַזוי באַקאַנט האָט מיט אַמאָל אָנגעפילט איר האַרץ מיט מוטערלאכער צערט־לאַכקייט. זי האָט אַ פיר געטאָן מיט איר האַנט איבער זײַנע האָר און דער־פילט ווי ער האָט זיך וואַרעמער צוגערוקט מיט זײַן באַק צו איר האַנט. איז

זי געזעסן אַזוי און געגלעט זיינע האָר און ביידע האָבן זיי געשוויגן. ערגעץ אין אים, אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין האָט נאָך אַלץ געלעבט דער קאַסאַריק פון דער שטיינערנער צעל. ער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט גלויבן, אַז דאָס איז ניט די צעל מער, אַז דאָס איז פשוט אַ צימער אין אַ האָטעל, און אַז דאָ לעבן אים זיצט אַ פרוי, וועמעס נאָמען ער ווייסט ניט אַפילו, אַ פרוי וואָס האָט אין זיך וואַרעמע צערטלעכקייט, אַ פרוי וואָס גלעט זיין קאָפּ, דעם קאָפּ פון אַ מענטשן פון אַ מאַן, וועמען זי קאָן ניט, וועמען זי האָט קיינמאָל ניט געזען. און געקומען איז זי צו אים דערפאַר, ווייל דער פיין פון פופצן יאָר האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט אין אַ ווילדן ברום, אין אַ היסטערישן קוויטש.

און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער גענומען קושן איר האַנט און געטוליעט זיך מיט זיין קאָפּ צו איר קני און געפילט דורכן קלייד די גלאַטקייט און שטייפקייט פון איר ווייסן לייב. און דאָס טוליען זיך זיינס און דאָס קושן אירע הענט האָט אַרויסגערופן באַ איר שוין פון לאַנג, לאַנג פאַרגעסענע בילדער. ס'איז געווען אַמאָל גוט אַזוי... ס'איז געווען זיס די שטילע צערטלעכקייט, דער זיסער ציטער... היינט זיינען די טעג אַזעלכע גרויע, גרויע, און די נעכט זיינען טונקעלע, שאָטנדיקע, אַזוי מאָנאָטאָן. נעכט, שפּעטע נעכט מיט דער באַרשט אויף דעם דיל... און הער ווי עס גריזשן מייז ערגעץ אין די לעכער און ווער אַנטשלאָפן דערנאָך אַ מידע, מיט אַן אויסגעקילטן הארץ אָן אַ שטראַל פון ליכט, פון פארב . . .

אָט ליגט ער דאָ און קושט אירע הענט און ס'איז איר גוט צו פילן זיין קאָפּ אויף די קני.. פילן, ווי ער גלעט דורך דער מאַטעריע איר לייב מיט זיין וואַרעמער באַק... ווער איז ער, ווער? זי ווייסט ער איז איר באַקאַנט... און וואָס איז אייגנטלעך, דער אונטערשייד ווער ער איז. זאָל דאָרט שטיין דער קעסל מיט שמוציקן וואסער און זאָל דאָרט ליגן די גראָבע באַרשט וואָס גראבלט אירע הענט... זאָל עס דאָרט ליגן.

אין צימערל אויף די ווענט האָבן שאָטנס פון עלעקטרישע לאָמפּן געהוידעט זיך ווי געהאַנגענע. און אונטן אויף דער גאַס האָבן געשזומעט אויטאָמאָבילן און שטימען האָבן ערגעץ ווייט ווייט געברומט... און אויפן בעטל האָט אַ פרוי אין שטילער בענקעניש נאָך אַ פאַרגעסענעם טרוים געדריקט צו איר ברוסט אַ מאַן, ביי וועמען דאָס לעבן האָט אַוועקגעריבט די יוגנט קראפט. און וואַרעמע ריטשקעלאך טרערן האָבן גערונען פון זייערע אויגן אויף די אויסגעצערטע באַקן און אויף די ברענענדיקע ציטערדיקע ליפּן... אויף די ווענט האָבן שאָטנס פון עלעקטרישע לאָמפּן געהוידעט זיך ווי געהאַנגענע . . .

— ווער זענט איר, זאָגט ווער זענט איר? — האָט זי געגלעט זיין קאָפּ.

— קאָסאַריק . . . איך בין קאַסאַריק . . . געהערט?

— יעזוס . . . — האָט זי זיך אַ הויב געטאָן. זי האָט אָבער געוואוסט,

אַז ער איז איר באַקאַנט. אין די צייטונגען האָט זי דאָך זיין בילד געזען. ערשט היינט געלייענט: קאַסאַריק באַפרייט — פאַרשוואונדן . . . אַ, יע־זוס . . יעזוס . . .

און מיט אירע פאַרגרעבטע הענט האָט זי גענומען גלעטן זיינע באַקן און גערעדט עפּעס צו אים, ווי אַ מוטער רעדט צו אַ זון... און געמורמלט און געפּליסטערט און ניט געוואוסט ווי צו באַרוהיקן אים, ווי צו טרייסטן... זי האָט אַרומגענומען זיין קאָפּ מיט איר האַנט און צוגעשפּאַרט צו איר ברוסט און האָט געזען, אַז דער שלאָף האָט שוין צוגעשלאָסן זיינע אויגן.

און ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט דעם פאַרלאַנג אַנ־שלאָפן צו ווערן אַזוי... שלאָפן, שלאָפן . . .

אונטן אין דער גאַס האָבן געזשומעט אויטאָמאָבילן און שטימען האָבן געברומט ערגעץ ווייט, ווייט . . .

און ווען זי האָט דערפילט, אַז זיין קאָפּ ווערט שווערער אָף איר ברוסט און האָט געזען, אַז דער שלאָף האָט שוין צוגעשלאָסן זיינע אויגן, האָט זי שטיל באַפרייט איר האַנט און אָוועקגעלייגט זיין קאָפּ אָף דעם קישן. געשטאַנען אַזוי אַ ווײַלע און געקוקט אָף אים. דערנאָך אָף די שפּיץ פינגער אַרויסגעגאַנגען. און ווען זי איז שוין געווען אָף די טרעפּ האָט זי זיך געלאָזט לויפן אין אָפּיס, אויסגעזוכט אַ צייטונג און איינגעקוקט זיך אין קאַסאַריק'ס בילד. דערנאָך איז זי אַ נערוועזע צו צום טעלעפאָן און אָפּ־גערופן דעם פאַרוואַלטער פון האָטעל.

מיט אַ ציטערדיקער שטימע אין ווערלכער עס האָט געקלונגען פרייד און עפּעס אַ מין שטאָלץ געמישט מיט ליבע האָט זי אַריינגערעדט:

— קאַסאַריק איז דאָ... דאָ באַ אונז אין האָטעל.. צימער פינף און פערציק . . . ער שלאָפט . . .

”אלקאזאר“

די נאַכט האָט געברומט מיט גרויסשטאָטישן גערויש. ס׳איז געווען הייס, אָנגעגליט, שטיקנד.

אַלקאזאר איז געזעסן אינדרויסן באַ דער טיר, געווישט זיך דעם פאַרשוויצטן האַלדז און פליך, געפאָכעט מיט דעם פאַנאַנדערגעשפּילעטן העמד אויף דער האָריקער ברוסט, און שווער געאָטעמט. מ׳האָט אים גערופן אַלקאַזאַר, ווייל אַזוי האָט געהייסן זיין אַלטע פאַררויכערטע, דריי־שטאָקיקע געביידע — ”אלקאזאר“. אַ געביידע, צעטיילט אויף קליינע צימערלעך; צימערלעך מיט אָפּגעריסענעם שפּאַליר, מיט פאַרפלעקטער, פאַרשטויבטער אַלט־מאָדישער מעבל; צימערלעך באַ טונקעלע שמאָלע קאָרידאָרן און אַלטע סקריפּנדיקע טרעפּ; צימערלעך אויף אַ נאַכט, אויף אַ וואָך און אויף אַ חודש.

נאָענט צום ”אלקאזאר“ באַ די סאַמע פענצטער האָט זיך געצויגן אַ שטיינערנער בריק. אויף דער בריק האָבן אַלטע פאַרסאָפּעטע, הייזעריקע לאָקאָמאָטיוון געשלעפּט מיט בראַזגעריי אַלטע פּראַכט וואַגאָנען, אַרומנע־מענדיק דעם גאַנצן געגנט און דעם ”אלקאזאר“ מיט וואָלקנס שוואַרצן רויך.

אַלקאַזאַר אַליין, דער באַלעבאָס, איז געווען אין די יאָרן שוין, ווי די געביידע זיינע, און פאַרשטויבט און אָפּגעריסן, ווי דער שפּאַליר און ווי דער מעבל אין די צימערלעך. ווען ער האָט גערעדט האָט ער געסאָפּעט, ווי די לאָקאָמאָטיוון אויף דער שטיינערנער בריק; און ווען ער איז געגאַנגען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס סקריפּן די אַלטע פאַרפוילטע טרעפּ. וועגן זיך און וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט האָט אַלקאַזאַר פיינט געהאַט צו רעדן. די מענטשן אין די צימערלעך זיינען פאַר אים געווען ווי זיינע טעג אין לעבן — אַט זיינען זיי דאָ, אַט זיינען זיי אַוועק. טויזנטער מענטשן זיינען געקומען, און טויזנטער מענטשן זיינען געגאַנגען. ער אַליין, אָבער איז אימער געבליבן אויף דעם זעלביקן פלאַץ. יעדן טאָג, יעדע וואָך יעדעס יאָר — מיט דער אייינציקער פאַרענדערונג: דער ”אַלקאַזאַר“ איז געוואָרן פאַררויכערטער און שוואַרצער פון די פאַרבייקריכנדיקע צוגן, און ער — אַלץ פליי־כעוואַטער און דיקער פון זיינע פאַרבייגייענדיקע יאָרן.

וועגן טויט האָט ער מורא געהאַט צו טראַכטן. אַליין אין זיין צימערל, פלעגט ער אַמאָל אַרומקוקן די זאַכן, דאָס בעט, דעם שפּיגל, דעם אַלטן קאַ־

מאָד און דעם אַלטן זייגער — אַרומקוקן און טראַכטן: וואָס וואָלט געשען, ווען ער שטאַרבט פּלוצים? אָט אַזוי ווי עס איז פּלוצים געשטאָרבן פון לונ־גען־אַנצינדונג דער אַלטער דזשעניטאָר? אָט אַזוי קאָן דאָך פּאַסירן מיט אים. וואָס וואָלט דאַן געווען? דער "אַלקאַזאַר" וואָלט געבליבן אויף דעם זעלבן פּלאַץ און אויפן בריק וואָלטן נאָך אַלץ דורכגעלאָפן די באַנען; און יעדע נאַכט, נאָך צוועלף, וואָלטן נאָך אַלץ געקומען פּאַרלעך און וואָלטן פאַרשריבן זייערע אויסגעטראַכטע נעמען, און וואָלטן מיט ניט זיכערע טריט געגאַנגען אין די צימערלעך. און ער... ער וואָלט שוין ניט געווען. אפשר וואָלט עמיצער אַנאַנדערער (ער האָט זיך אפילו זיין צורה ניט גע־קענט פאָרשטעלן), אפשר וואָלט דער אַנדערער געלעגן דאָ אין זיין בעט. און ער, ער אַליין וואָלט שוין ניט געווען. אין דעם באַנק־קעסטל מיטן נומער 4037 וואָלט געלעגן זיין באַנק ביכל, און מזומן, און באָנדס, און די קוויטאַנציעס פון די אָפּגעצאָלטע מאָרטגעדזשעס, און דאָס בריליאַנטענע רינגל וואָס ער האָט נאָך מיט יאָרן צוריק אָפּגעקויפט פאַר אַ קלייניקייט בא אַ טעקסי דרייווער. אַלץ וועט דאָרטן ליגן און קיינער וועט ניט וויסן וועגן דעם. וואָרן ווער וועט האָבן ער עס באַדאַרפט דערציילן, אַז ער האָט אַ באַנק ביכל, און געלט, און באָנדס?

אין אַזעלכע מינוטן פלעגט ער טראַכטן וועגן אַ ווייב. אָבער אַ ווייב... ווער, ווי ער האָט געקענט זען די קרומע, פאַררעטערישע וועגן פון דעם פאַרהייראַטן לעבן? ווער, ווי ער, האָט געוואוסט און געזען וואָס עס טוט זיך אָפּ אין די צימערלעך? אַ ווייב האָט ער געקענט האָבן יעדע נאַכט אַן אַנ־דערע, אין יעדן צימערל אַן אַנדערע, און ער וואָלט קיינעם ניט געגאַרט, און ער וואָלט ניט באַדאַרפט מורא האָבן, אַז די ווייב וועט אים פאַרראַטן. דאָך... עס האָט אים געפעלט אַ מענטש, אַ פּאַרטנער; אָט אַזאַ פּאַרטנער, וואָס זאָל זיין אַ ווייב, און אַ ווייב, וואָס זאָל זיין אַ פּאַרטנער. אַ פּאַרטנער, וואָס זאָל וויסן וואָס און וויפל ער האָט דאָרטן אין באַנק קעסטל. אַ ווייב . . .

*

— האַללאָ מעקסי, . . .

מעקסי, דער טעקסי דרייווער איז געבליבן שטיין בא דער טיר, אַ קוק געטאָן אויף אַלקאַזאַרן, אויף זיין צעכראַסטעטן העמד, אויף דער האָריקער ברוסט, און ס'האָט זיך אים געגלוסט אַריינצושפּייען אַהין, אַריינשפּייען די הייסע שפּייעכץ און דעם ווייסן צאָרן און האָס וואָס האָט געזאָטן אין אים.

אָט זיצט דאָ אַ מענטש רואיק, אָן זאָרגן... זיצט און קוקט אין דער נאַכט אַריין. און בא אים אַליין איז דאָס העמד דורכגעווייקט און אין די רויטע אויגן בריט דאָס אָנגעלאָפענע בלוט. אַ גאַנצן טאָג געטריבן... גע־טריבן... געטריבן.... און פאַרנאַכט צו אַריינגעפאָרן אין אַן אויטאָ און צע־שמעטערט די אייגענע טעקסי און צעקאַליעטשעט זיך דעם פּוס. איצט וועט

ער אַריינקריכן אין צימערל, אַנידערוואַרפן זיך אויפן בעט ווי אַ געפּגרי־טער און דאָס נאַסע העמד וועט זיך קלעפּן צו דער פּלייצע.

דאָס בעט זיינע שטייט פּונקט אונטער די טרעפּ,וואָס פירן צום צווייטן שטאָק. די וואַנט, וואו דאָס בעטל שטייט, איז אין דער זעלבער צייט אויך די סטעליע. די סטעליע הויבט זיך אָן בײַ זיין צעקאָפּנס און לויפט מיט די טרעפּ באַרג אַרויף. ער איז שוין אָבער געוואוינט צו דעם. ער שלאָפט סיזוי ווי אַ געהרג'עטער.

מעקסי פלעגט שוין דערקאָנען יעדן איינעמס טריט איבער זיין קאָפּ. לעצטנס, אָבער, האָבן נייע טריט צוגעצויגן זיין אויפמערקזאמקייט. צו די שווערע טריט איז ער שוין געווען צוגעוואוינט. די נייע טריט אָבער, און אַזעלכע ווייכע אָנגענעמע שטילע טריט האָבן אים ניט געלאָזט שלאָפן. ער האָט געוואוסט, ס'איז אירע, דער מיידלס טריט, און צוהערנדיק זיך צו זיי, פלעגט זיך אים אויסווייזן, אַז ער זעט איבער זיך אַ פּאָר דינע פיסלעך איבער אים. פלעגט ער צוהערן זיך און פאַנטאַזירן: עס דערהערט זיך פּלוצים אַ געשריי און זי הייבט אָן פאַלן אַראָפּ, אַראָפּ... פון די טרעפּ... און ער לויפט אַרויס און הייבט זי אויף און דריקט זי צו זיין ברוסט, און ער פילט איר וואַרעם צאַפּלדיק לייב, און ער רופט זי: דאַלי... דאַלי... (ער האָט שוין געוואוסט, אַז זי הייסט דאלי).

פּרויען ווייסט ער, האָבן אים ניט ליב. ער איז אָרעם, זיין פּנים איז געשטופּלט. זיין טעקסי איז שוין אויך, ווי ער, אַ צעקריצטע און צעבוי־גענע פון אַלע זייטן. און דאָס איינציקע אָנגענעמע זיסע וואָרט, וואָס ער כאַפּט אויף מיט פרייד, איז "טעקסי", "טעקסי"!...

הינקנדיק אויף דעם פוס, האָט זיך מעקסי געלאָזט גיין צו זיין צימערל, געשלעפּט זיך ווי אַ זאַק, אָנגעפילט מיט דורכגענעצטן, הייסן, שווערן זאמד. בײַ דער טיר געבליבן שטיין. דערהערט דאליס טריט. זי איז אַראָפּגעקומען אַ דינע, אַ ווייסע, מיט שיינענדיקע אויגן און רויטע ליפּעלעך. שנעל, שנעל אַראָפּגעלאָפן די טרעפּ און פאַרבייגעלאָפן, ניט אומ־קוקנדיק זיך אויף אים. ער האָט זיך אַריינגעשלעפּט אין צימער, אַנידער־געוואָרפן זיך אויפן בעטל. געקוקט אויף דער סטעליע, וואָס איז געלאָפן באַרג אַרויף. די היץ האָט געדריקט מיט נאַסע, שווערע לאַפּעס . . .

*

די נאַכט האָט ערגעץ געעפנט אַ וועג פאַר אַ ווינטל. דאלי האָט פאַר־בייגעשוועבט . . .

— דאַלי, קום ניט שפּעט, דאַלי . . .

דאָס האָט דאַליס מוטער אַרויסגעשריען שוואַך פון פענצטער.

די מוטער, די אלמנה... שוין די דריטע וואָך, אַז זי צאָלט ניט פאַרן צימער,, ער אַלקאַזאַר האָט געוואַרט. ווי לאַנג קאָן ער אַזוי וואַרטן? נו, האָט פּאַסירט אַן אומגליק,האָט מען דערשאָסן דעם מאַן אירן, איז זי גע־

בליבן אליין מיט איר טאכטער דאלי... נו, איז דאס זיין שולד? יעדעס מאל, ווען זי באגעגנט אים, אדער ווען ער קלאפט אן אין דער טיר, קוקט זי אויף אים מיט אירע גרויסע שווארצע אויגן, א בלייכע און א הויכע. ער קאן בא איר ניט מאנען, ווי ער מאנט בא אנדערע. און דאס, וואס די פאליציי פלעגט קומען אויספרעגן אים וועגן דעם דערמארדעטן, דאס איז אויך גע־ ווען אן אפקומעניש. ווארן וואס האט ער געוואוסט וועגן זיי? אמת. ער איז געווען א פארדעכטיקער דער מאן אירער, דער מארטיני; שטענדיק ארומ־ געטראגן זיך מיט א רעוואלווער אין קעשענע און אפט פלעגט מען גאנצע טעג שפילן דארט אין קארטן בא אים אין צימער. אבער מיט וואס דער מארטיני האט זיך באשעפטיקט האט ער קיינמאל ניט געוואוסט. ער פאר־ דעכטיקט, אפילו, אז די מיסעס מארטיני איז א יידישע און ער האט זי שוין א פאר מאל געוואלט פרעגן וועגן דעם, ווייל... ווער ווייסט... מ׳בא־ פריינדט זיך אמאל נאענט, זייער נאענט און פון דער פריינטשאפט קאן אמאל ארויסקומען אט א די פארטנערשאפט וואס ער זוכט.

עס וואלט גוט געווען ארויפצוגיין איצט צו איר, ווייל זי איז אליין. — האט ער א טראכט געטאן. אויפגעהויבן זיך שווער און געלאזט זיך גיין ארויף. געבליבן שטיין בא איר טיר. אויפגעהויבן דעם פינגער א קלאפ צו טאן, און צוגעהערט זיך. זי וויינט. המ... דאס האט ער שוין פיינט. ער האט פיינט געוויין. ער ווייסט ניט וואס צו טאן, און ער ווייסט ניט וועגן וואס צו ריידן מיט מענטשן, ווען ער זעט זיי וויינען. איז ער געשטאנען אזוי נאך א ווילע זיך צוגעהערט זיך, מאדנע... איר געוויין איז אזוי אנדערש... א ווי־ בער ווי א געזאנג . . .

געלאזט זיך גיין צוריק. געבליבן שטיין באם צימער 23. צוגע־ הערט זיך. א מאדנע פאר פאלק. דריי טעג איינגאנצן ניט אהיים געקומען, און היינט באנאכט האבן זיי זיך ארייגעשלעפט ווי צוויי שיכורים און מ׳הערט ניט קיין ווארט פון זיי. ווידער צוגעהערט זיך . . .

*

— „האני" — האט זי געזאגט — לאמיר ארויסגיין. ס׳איז דא דער־ שטיקט צו ווערן.

— איך קאן ניט — האט ער געענטפערט — די פיס זיינען ווי צוויי קלעצער געשוואלן. שפעטער, אפשר . . .

זי האט זיך ווידער אנידערגעלייגט אויפן בעט, די האר צעשויבערט. דאס בעט האט אבער געברייט, און די לופט האט געשטיקט, דער קאפ, ווי אנגעפילט מיט בליי... אך — ... זי האט פארמאכט די אויגן.

ס׳איז געווען איר איינפאל צו פארשרייבן זיך אין דעם טאנץ מאראַ־ טאן. עס איז קיין אנדער אויסוועג ניט געווען. זיי האבן געהאט דעם לעצ־ טן דאלער אין קעשענע. ווידער לויפן צום ברודער און בעטן בא אים געלט, האט זי מער ניט געוואלט. קיין נייעם דזשאב האט זי ניט געקענט געפינען, און ער אויך ניט. איז זי געפאלן אויף א פלאן: אין שטאט דארף פארקומען

אַן אויסדויער־טאַנץ קאָנטעסט, וואו מ׳וועט געבן דריי הונדערט דאָלער אַ פּריז דעם פּאָר פֿאָלק, וואָס וועט אויסהאַלטן די לענגסטע צייט. צום ערשטן האָט ער ניט איינגעשטימט. ער האָט זיך אויסגעלאַכט פֿון איר. כאַ! ער וועט גיין דאָרטן מיט אַלע איבעריקע אידיאָטן טאַנצן טאָג איין, טאָג אויס? ער וועט אַוועקגיין מיט איר שלעפּן זיך אין משוגענעם טאַנץ צום פֿאַרגע־ניגן פֿון די אָנגעפּרעסענע צושויער? כאַ! זי וועט עס דען אויסהאַלטן, די קליינע? זי וועט דאָך גלייך צוזאַמענברעכן.—זי האָט ניט אַרגומענטירט. ווען זיי האָבן אָבער צום צענטן מאָל איבערגעוואָרפֿן פּלענער ווי אַזוי אַרויס־צוקריכן פֿון דער פֿאַרצווייפֿלטער לאַגע, האָט זי ווידער אַ זאָג געטאָן: דריי הונדערט דאָלער! אַך, וואָס מיר וואָלטן געקאָנט אויפֿטאָן מיט דריי הונדערט דאָלער! האָט ער פּלוצים צוגעשטימט, אַריינגענומען זי אין זיינע שטאַרקע אָרעמס און צוגעדריקט זי צו זיך.

אויפֿן צווייטן טאָג האָבן זיי זיך פֿאַרשריבן צום טאַנץ מאַראַטאָן. דער דאָקטאָר,וואָס האָט זיי באַטראַכט האָט געשמייכלט, קוקנדיק אויף איר, ווי זי די קליינע איז געשטאַנען לעבן איר הויכן, שטאַרקן מאַן און געטו־ליעט זיך צו אים מיט איר זיידן קעפּל. אין דעם זעלביקן אָוונט האָט זיך אָנ־געהויבן דער טאַנץ און אויך זייער האָפֿנונג אויף אַ בעסערן לעבן. און ווען די נאַכט איז פֿאַריבער און די ווייזערס האָבן געוויזן פֿיר פֿאַרטאָג, האָט זי שוין געטאַנצט האַלב שלאָפֿנדיק, זי האָט זיך געטוליעט צו אים מיט איר קעפּל, און ער האָט געקוקט אויף איר און אויף די אַרומיקע און געטראַכט: אָט האָט ער זיך איינגעשפּאַנט, ווי אַ בלינד פֿערד און דרייט זיך, און דרייט זיך אין דעם זעלבן צירקל, אָן זין און אָן לעבן. דרייט זיך אַן אויסגעשעפּ־טער און שלעפּט מיט זיך נאָך אַ דין, צאַרט באַשעפֿעניש, וואָס האַלט זיך קוים אויף די פֿיס. אַרום זיצן מענטשן, טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן באַ־צאָלט פֿאַר דעם פֿאַרגעניגן צו זען, ווי מענטשן מאַטערן זיך; זיצן, און קײַ־ען גומי, און עסן פּיסטאַשקעס, און עס גייט אַ געוועט ווער פֿון די צוויי־און־צוואַנציק טאַנצנדיקע פּאָרלעך וועט זיין די ערשטע אַרויסצופֿאַלן. עס שפּילט דער אָרקעסטער, און עס שפּילט די ראַדיאָ, אָבער די מוזיק איז ניט נויטיק — מ׳שלעפּט זיך סיי־ווי. יעדע שטונדע רוט מען זיך אָפּ צען מינוט און יעדעס מאָל נעמט ער די קליינע אויף די הענט און טראָגט זי אין צווייטן צימער וואו עס שטייען אָנגעגרייט בעטלעך אָפּצורוען זיך. און דערנאָך טראָגט ער זי צוריק אין זאַל און מ׳טאַנצט ווידער, ווידער, ווי־דער . . . טאַנצנדיק האָט מען געגעסן פֿראַנקפֿורטערס און געטרונקען קאַווע. אַ נאַכט אַ טאָג... און ווידער אַ נאַכט, און ווידער אַ טאָג... אָט אַזוי, שלעפֿנדיק זיך איז זי געשלאָפֿן די קליינע. און ער האָט זי געהויבן יעדעס מאָל פֿון דיל מיט די אָפּגעשוואַכטע, ציטערדיקע הענט.

. . . און ווען ער האָט געזען, אַז איר פּנים ווערט בלאַסער און בלאַ־סער און אונטער אירע אויגן ליגן שוין שוואַרץ־בלויע פּאַסן, האָט ער זי

געגומען אויף די הענט און אַוועקגעטראָגן צו אַ בעטל. — צום טייוול מיטן טאַנץ! צום טייוול מיט די דריי הונדערט דאָלער! צום טייוול מיט אַט דער פּאַסקודנער וועלט! זאָל זי בעסער שלאָפן. — און דערנאָך, ווען ער האָט געזאָגט דעם מענעדזשער, אַז ער האָט ניט קיין סענט מיט וואָס אַהיים צו פירן זי, האָט אים דער מענעדזשער געגעבן צוויי דאָלער. אויפגעכאַפּט האָט זי זיך שוין אינדערהיים אין צימערל, אַ שוואַכע, מיט געשוואָלענע פיס . . .

— האָני, — האָט זי געזאָגט — לאָמיר אַרויסגיין. ס׳איז דאָ דערשטיקט צו ווערן.

— איך קאָן ניט... — האָט ער געענטפערט — די פיס זיינען ווי צוויי קלעצער געשוואָלן. שפּעטער, אפשר . . .

אַלקאַזאַר איז געשטאַנען נאָך אַ ווײַלע בײַ דער טיר, אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און געלאָזט זיך גיין צום אָפיס. אַרײַנגעקומען און גלייך אַנידערגעזעצט זיך אין דעם אָפּגעריבענעם, פּליושענעם שטול.. פאַרמאַכט די אויגן און איינגעדרימלט. אויבן, איבער אים, האָט ער דורכן דרימל געהערט ווי עס קלאַפּט מיטן פוס אָן דיל דער אַלטער קאַליקע. טראָך... עפּעס איז דאָרטן אַראָפּגעפאַלן. צעקלונגען און צעבראָזגעט זיך מיט צעשמעטערטע שטיקלעך. דעם שפּיגל אפשר צובראָכן, צו אַלדי רוחות.

*

איבערקערנדיק דאָס בעט אויסצוראָטן די וואַנצן, האָט דער קאַליקע פאַרטשעפּעט דעמש שפּיגל און צעבראָכן אים אויף שטיקלעך. געבליבן שטיין, קראַצנדיק די גרויע, שוין לאַנג ניט געגאָלטע באָרד. צעבראָכן... גוט אַזוי. דאָס איז גאָרניט. ער וואָלט צעבראָכן יעדן פּיצל דאָ אין צימער, פּונקט ווי עס איז צעבראָכן געוואָרן זיין פוס אין דער פאַבריק. מאָרגן וועט אַלקאַזאַר אַרויפקומען און שרייען. זאָל ער שרייען. ער האָט אויך געשריען ווען דער ביין זיינער איז צעקרישעט געוואָרן. עס שרייט פון אים אַרויס יעדן טאָג, יעדע נאַכט, ווען ער קלאַפּט מיטן הילצערנעם פוס אויף דעם אַספאַלט, ווען ער שפּאַנט מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט און בעטלט.

אַה־אַה! . . .אַה־אַה־אַה־אַה!!! ... — עס האָט זיך אים געוואָלט צעשרייען זיך, ווי עס האָט זיך צעשריגן דער לאָקאָמאָטיוו פון דעם דורכגעלאָפענעם באַן. אַה־אַה־אַה!! די וואַנצן האָבן אים שוין פאַרמוטשעט. זיי בייסן זיין פאַרשוויצט לייב, זיי קריכן איבער אים און זויגן זיין בלוט. וואַנצן... יעדע נאַכט וואַנצן... יעדע נאַכט מוז ער קעמפן מיט זיי, קוועטשן זיי, ברענען זיי... דאָס בעט ליגט איבערגעקערט מיט די פיס אַרויף; בײַ דער זייט דער צעריסענער מאַטראַץ, פון וועלכן עס שטעקן אַרויס שטיקער

דאָס בוך איז פון דער
איקוף ביבליאָטעק
... יורק

שמוציקע וואַטע: אַרום און אַרום שטיקער גלאָז פון צעבראָכענעם שפּיגל. אַה־אַה־אַה־אַה!!!...

ער האָט אָנגעצונדען אַ שוועבעלע און גענומען זוכן אין די שפּאַרינעס. אָפּגעריסן אַ שטיק פּאַפּיר פון אַ צייטונג, אָנגעצונדן עס, און געברענט, געסמאָליעט די לויפנדיקע וואַנצן... ברענט! ברענט! ברענט! דאָ, דאָרטן... אין אַלע ווינקלען, אין אַלע שפּאַרינעס... אָט אויפן דיל... אָט אויף דער וואַנט... אָט אויף דעם מאַטראַץ... ברענט! ברענט! אַ־אַ!אַ־אַ! אַ רויטער פלאַמיקער צונג האָט פּלוצים אַ לעק געטאָן זיין האַנט און האָט אַ שפּרונג געטאָן אין אַ ווינקל פון מאַטראַץ; אַ רויך האָט מיט אַמאָל אַ זעץ געטאָן און פאַרכאַפּט דעם אָטעם... האָט ער אַ שליידער געטאָן פון זיך דעם מאַטראַץ און גענומען דושען, טרעטן אים מיט די הענט און פיס. די צונגען פייער, אָבער, זיינען ווי אין אַ ווילדער פרייד צעלאָפן זיך אין אַלע זייטן, אין אַלע ווינקלען... אַ שפּריץ געטאָן מיט פונקען, אַ זעץ געטאָן מיט רויך, געסמאַליעט און געברענט אין ווילדער איילעניש, אַרומגעכאַפּט דעם אַלטן קאַליקע פון אַלע זייטן און גענומען טראָגן זיך אַרויף... צו דער סטעליע, דורך שפּאַרינעס דורך די פענצטער, פון וואַנט צו וואַנט פון צימער צו צימער... העכער, העכער... אין פלאַמענדיקן זידנדיקן טראַסקענדיקן טאַנץ צום הימל.

דער לאָקאָמאָטיוו פון דורכלויפנדיקן באַן האָט געיאָמערט: אַה־אַה! אַה־אַה־אַה־!!! און די רעדער האָבן געקלאַפּט: ווייטער, ווייטער, ווייטער... ווייטער... ווייטער ווייטער . . .

דאָס בוך איז פון דער
איקוף ביבליאטעק
אין ניו יארק

דער בורר

די ״ריעל עסטייט״ פירמע פון די ״סטילמאַן בראַדערס׳׳ איז געווען פון די גרעסטע אין שטאָט. דורך די גרויסע ווענט־פענצטער האָט מען געקאָנט זען די פראַכטפולע אָפיסעס, די נעטע קלערקס און אָפיס מיידלעך, ערנסטע, פאַרנומענע מיט קליענטן און מיט די ביזנעס . אין פריוואַטן אָפיס אָבער פון די ברידער סטילמאַן, האָט לעצטנס געהאַנגען אַ שטימונג ווי אַ שווערער וואָלקן. סיי דזשעראַלד, סיי סימור זיינען אַרומגעגאַנגען אָנגעכמורעטע, ברוגזע, נערוועזע און זייערע סעקרעטאַרשעס האָבן מיט אונטערטעניקייט געקוקט זיי אין די אויגן, גרייט אויפצונעמען יעדן זשעסט און וואָרט. זיי, די סעקרעטאַרשעס זיינען געווען די איינציקע, וואָס האָבן געוואוסט, אַז צווישן די ברידער איז ניטאָ קיין שלום, אַז עס האַלט שוין כמעט ביי אַ שפּאַלטונג אין דער פירמע. די מאַסקע פון אַנשטענדיקייט האָט אָפט ניט געקאָנט פאַרדעקן זייערע צע־צאָרנטע, אָנגעצונדענע אויגן און אויסגעקרימטע ליפּן. און בייזע ווערטער האָבן זיך אָפט געריסן, ווי פייערדיקע בייטשן און האָבן געצונדן מיט האַס די בליטן.

דזשעראַלד, דער עלטערער איז געווען דער קאָנסערוואַטיווער און סימור, דער אינגערער איז געווען פרייער סיי אין זיין לעבן און סיי אין די ביזנעס.

דזשעראַלד פלעגט איינהאַלטן יעדן דאָלאַר מיט די ציין. סימור, פאַרקערט, האָט געהאַט אַן אָפענע האַנט און אַ ברייט האַרץ. די וואוילטעטי־קע אַנשטאַלטן האָבן שוין געוואוסט, אַז סימור סטילמאַן איז דערדאָזיקער, צו וועמען מען דאַרף זיך ווענדן. דאָס זעלבע האָבן געוואוסט די קלערקס אין דער פירמע. און דאָס האָבן אויךגעוואוסט די יונגע זינגערינס און טענ־צערינס אין די נאַכט־קלובן און אין די קאַבאַרעטן. סימור׳ס טשעק־ביכל און פען זיינען שטענדיק געווען גרייט און זיין האַנט האָט קיינמאָל ניט גע־ציטערט. צוליב דידאָזיקע סיבות פלעגן אָפט אויסברעכן קריגערייען צווישן דזשעראַלד׳ן און אים. ביז עס איז געקומען צום קלימאַקס און דזשעראַלד האָט פאַרגעשלאָגן צו צעשפּאַלטן די פירמע. און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די טיפע און באַהאַלטענע רייסערייען צווישן זיי.

עס איז ניט אַזוי לייכט געווען צו צעטיילן די עשירות. די שוועריקייטן זיינען געקומען ווען זיי האָבן גענומען אָפּשאַצן די הייזער, וואָס האָבן באַ־

טראָפן דעם גרעסטן טייל פון פאַרמעגן. דזשעראַלד האָט ניט דערוואַרטעט, אַז סימור זאָל זיין אַזוי פּינקטליך און צודרינגליך אין דער צערעכענונג. ער האָט דערוואַרטעט פון אים דעם ברייט־האַרציקן "צום טייוול אַלעס" זשעסט און פאַרגעשטעלט זיך שוין ווי ער וועט אים אָפּפּטר'ן מיט צוא־וואַרפן אים זיין חלק, וואָס האָט געמוזט זיין קלענער, ווי זיין, דזשעראַלדס חלק. ערשטנס, ווייל סימור איז דער אינגערער און דער אונפאַרהייראַטער. און צווייטנס צוליב זיין, דזשעראַלדס אַרבעטזאַמקייט און אינטערעס, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן דורך די יאָרן פון אויפבויען דעם גרויסן פאַרמעגן. זיין אויסרעכענונג איז אָבער געווען אַ פאַלשע. סימור האָט פּלוצים גענומען אַרויסווייזן זיין קאָמפּעטענטקייט אין די ביזנעס און דער פּלוצימדיקער אויפשוואונג האָט געמאַכט דזשעראַלד'ן נאָך בייזער און פאַרביסענער.

דער באַהאַלטענער שטורם האָט אָבער פּלוצים גענומען איינשטילן זיך. די סיבה איז געווען אַ בריוו פון זייער אַלטן פאָטער נחום סטילניצער, ווי מ'האָט אים גערופן אין דער אַלטער היים אין אייראָפּע. דאָרט אין דער אַלטער היים איז ער געווען אַ פּאָסעסאָר און זיי האָבן נאָך גוט געדענקט די אַדאַיע, וואו זיי האָבן געוואוינט. אָבער אויך דאָ אין אַמעריקע האָט זיך דער פאָטער דערשלאָגן צו אַ קליינער פאַרם, וואו ער איז פאַרבליבן וואוינען און אַרבעטן דאָס גאַנצע לעבן, אויך זיי אַליין, סימור און דזשעראַלד, האָבן פאַרזוכט פון דעם שווערן פאַרמער־לעבן, אָבער ווען די מוטער איז גע־שטאָרבן, האָבן זיי פּרובירט אָפּצורייסן דעם פאָטער פון דער פאַרם און מיטנעמען אים מיט זיך אין דער גרויסער שטאָט אַריין, וואוהין דאָס לעבן האָט גערופן און ווען דער פאָטער האָט זיך מיט אַ שמייכל אָפּגעזאָגט, זיינען זיי אַוועק און אַט — דער שיקזאַל האָט זיי דערהויבן הויך, אַזוי הויך . . .

אין די יאָרן וואָס זיינען אַוועק האָבן זיי דעם פאָטער ווייניק געזען, כאָטש אָפט דערהאַלטן קורצע בריוועלעך פון אים. אין דעם איצטיקן בריוו אָבער האָט ער זיי געשריבן, אַז ער האָט פאַרקויפט דעם פאַרם צוליב דעם שלעכטן געזונט און אַז ער קומט וואוינען מיט זיי. ער האָט אויך גע־שריבן אַז ס'האָט זיך אים קיינמאָל ניט געוואָלט פאַרלאָזן זיין שטיקל ערד, צו וועלכן ער איז צוגעבונדן געוואָרן דורך די לעצטע פאַר צענדליק יאָרן פון זיין לעבן. עס איז אָבער געקומען די צייט אָפּצורייסן זיך, אָדער ריכטיקער אָפּגעריסן צו ווערן און אין די שוואַרצע טעג פון זיין, עלטער, ווילט זיך אים נאָך איינמאָל אַ בליק טאָן אויף זיינע זין. צום לעצטן מאָל אפשר.

דער דאָזיקער ברוו האָט דזשעראַלד'ן מיטאַמאָל ווי אַרויסגעשטויסן פון גלייכגעוויכט. סימור, פאַרקערט, האָט זיך דערפרייט: גוט, וואָס דער פאָטער האָט ענדלעך באַשלאָסן צו קומען. גוט, ער האָט זיך שוין טאַקע פאַרבענקט נאָך דעם פעסט־געבויטן, שטאַלצן און גוטמוטיקן פאָטער זיי־נעם. זאָל ער טאַקע קומען דער טאַטע. אַ געזונטן חוש האָט ער, גערעכטי־

קייט פֿאַרמאָגט ער. אַ בורר צווישן די סוחרים איז ער דאָך שטענדיק געווען, טאָ זאָל ער טאַקע קומען און זיין דער בורר, צווישן זיי דאָ. זאָל ער זען ווער עס האָט רעכט.

דזשעראַלד, כאָטש עס האָט זיך אים געוואָלט זען דעם פֿאָטער, האָט אָבער געפֿילט און געוואוסט, אַז זיין קומען איז אַ פֿאַרשפּעטיקטער קומען. סימורן איז גוט. ער איז אַ ניט־פֿאַרהייראַטער, וועט ער ניט האָבן די פּליכטן, וואָס ער דזשעראַלד און זיין פֿרוי וועלן האָבן. און ס׳וועט ניט אָפּגיין אַזוי גלאַט. די פֿרוי זיינע, נאַרא, די אַמעריקאַנער געבוירענע אַריסטאָקראַטקע וועט ניט קאָנען איינלעבן זיך מיטן געדאַנק אפילו צו האָבן אין הויז אַן אַלטן מאַן און אַ אידישן פֿאַרמער דערצו, וועמען זי וועט ניט פֿאַרשטיין און וועלכער וועט זי אוודאי און אוודאי ניט פֿאַרשטיין. ער קאָן זיך אָבער ניט אַרויסדרייען פֿון דעם, וועט ער שוין בעסער זיין דער גוטער זון.

זיי זיינען געפֿאָרן צום באַן באַגעגענען דעם פֿאָטער זאַלבעדריט: דזשעראַלד, נאַרא און סימור. און ווען דער צוג איז אָנגעקומען, זיינען זיי געווען דערשטוינט, ווען זיי האָבן דערזען אַז צוויי פּאָרטערס פֿירן אים פֿון וואַגאָן ווי אַ קראַנקן. זיין גרויסע באָרד אויף דעם אָפּגעצערטן פּנים האָט אויסגקוקט ברייטער און לענגער. דער אַמאָליקער שטאַרקער און ברייטער קערפּער האָט אויסגעקוקט איינגעשרומפּן. נאָר די אויגן און דער שמייכל זיינען נאָך געווען באַלעבט מיט דער אַמאָליקער קלוגשאַפֿט.

— נו, זין מיינע... אָט בין איך דאָ... — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — און פּלוצים קראַנק געוואָרן, צו אַלדע גוטע יאָר . . .

—וועסט געזונט ווערן... וועסט געזונט ווערן פּאַ... — האָט אים סימור געקוועטשט דעם אַקסל. — דער וועג האָט דיך אויסגעמאַטערט, מסתמא.

— יאָ דער וועג... — האָט דער פֿאָטער שוואַך געזאָגט און אַ קוק געטאָן אויף נאַראַ׳ן — און דאָס איז דיין ווייבל, יאשע? אַ שיינע מויד, אַ שיינע . . .

—יאָ, מיין פֿרוי. — האָט דזשעראַלד אַ שמייכל געטאָן און איז פּלוצים רויט געוואָרן.

זיי האָבן אים געבראַכט צו דזשעראַלדן און אַריינגעלעגט אים אין בעט. נאַרא, מיט איר שטיל־איינגעהאַלטענעם געשפּרעך און שמייכל, האָט געשוועבט אין הויז, ווי אַ פֿאַרלוירענע. דער טאָג איז געווען אַ פֿאַרוואָלקענטער, אַ כמורנער, און אַזוי זיינען אויך געווען די פּנימער פֿון דזשעראַלדן און פֿון סימורן. דער דאָקטאָר, נאָך וועלכן זיי האָבן גלייך געשיקט, האָט באַטראַכט דעם אַלטן נחומען און איז אויך געזעסן אַן אָנגעכמורעטער און אַ שוויגנדיקער. נאָר נחום אַליין האָט גערעדט און גערעדט אַ סך. און פֿון די אויגן און פֿון די באַקן האָט געשלאָגן מיט היץ.

דזשעראַלד האָט געקוקט אויף דעם דאָקטאָר מיט זיינע גרויע אויגן און דער דאָקטאָר האָט פאַרשטאַנען און איז אַרויסגעגאַנגען אין צווייטן צי־מער אָנו דזשעראַלד נאָך אים.

— זיין האַרץ... זיין האַרץ... — האָט דער דאָקטאָר אָנגעוויזן אויף דער ברוסט — זייער ניט גוט... זייער ניט גוט.

דזשעראַלד האָט געקוקט אויף אים און האָט פאַרשטאַנען. געוואָלט עפּעס פרעגן און עפּעס זאָגן און ניט געוואוסט וואָס צו פרעגן און וואָס צו זאָגן.

דער דאָקטאָר איז אַוועקגעגאַנגען און האָט צוגעזאָגט צו קומען אינ־דערפרי. דערווייל... די נורס וועט שוין וויסן וואָס צו טאָן.

די נאַכט איז געקומען אַ שווערע און טונקעלע. און פאַרטאָג, ווען די בלויע טריבקייט האָט געקוקט אין די פענצטער, האָט נחום אויפגעמאַכט די אויגען. ווי אין אַ חלום דערזען לעבן זיך אַ פרוי אין ווייסן. געוואָלט איר עפּעס זאָגן און ניט געקאָנט. די נורס האָט געקוקט אין זיינע אויגן, וועלכ־דיק לייענען זיין געדאַנק, זיין באַגער... און געזען, ווי עס לעשט זיך אויס דער לעצטער פונק און ווי ער הויכט אויס זיין לעצטן אָטעם. איז זי גע־שטאַנען אַ ווייל אַ פאַרטראַכטע. דערנאָך געלאָזט זיך אויף די שפּיץ פינ־גער איבער די צימערן און אָנגעקלאַפּט אין שלאָפצימער:

— מיסטער סטילמאַן... מיסטער סטילמאַן . . .

דזשעראַלד האָט זיך אויפגעכאַפּט. געקוקט אַ ווייל אַ דערשראָקענער און מיטאַמאָל אויפגעשפּרונגען און האָט אויפגעוועקט נאָראַ׳ן. אין די שלאָפּרעק, ציטערדיקע און בלייכע זיינען זיי אַריין אין צימער און געבליבן שטיין באַם בעט. דזשעראַלד האָט זיך אָנגעבויגן איבערן פאָטער, אָנגע־נומען זיין האַנט, און, דערפילנדיק, אַז זי איז קאַלט און שווער, האָט ער זי גלייך אַרויסגעלאָזט און איז געבליבן שטיין מיט אַ פאַרגליווערטן בליק. נאָרא האָט פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט און איז אַרויס. זי איז אַריין צו זיך אין שלאָפצימער און אַ וואָרף געטאָן זיך אויף דעם בעט. שרויפטער און אַ פּאַרוויינטער. געשטאַנען באַם בעט און געקוקט אויף אים

דזשעראַלד האָט אָפּגערופן סימורן. ער איז געקומען צעלויפן אַ צע־שרויפטער און אַ פּאַרוויינטער. געשטאַנען באַם בעט און געקוקט אויף דעם פאָטער מיט פאַרטרערטע אויגן.

אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי נאָך דער לויה איז דזשעראַלד אַריינ־געגאַנגען אין צימער, וואו עס זענען געבליבן ליגן דעם פאָטערס זאַכן. ער איז געבליבן שטיין באַם טיש, אויף וועלכן עס איז געלעגן נחומס אַלטער גאָלדענער זייגער מיט דער שווערער גאָלדענער קייט. ער האָט גענומען דעם זייגער אין די הענט און האָט געעפנט דאָס דעקל. גרויע אינגלישע אויגן האָבן אַ קוק געטאָן אויף אים. זיינע—יאשעס אויגן. ער האָט גע־

קוקט אויף דער מיניאַטור בילד און געזוכט עפּעס ענליכעס צווישן זיך און דעם יונגן אינגל און אַ רחמנות געפיל צום פאָטער האָט אַ קלעם געטאָן אין האַרצן. שטייענדיק אַזוי מיטן אָפענעם זייגער אין דער האַנט, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגל, וואָס האָט געהאַנגען קעגנאיבער.. דערזען זיך אַ פרעמדן, אַן אַנדערן. בלויע זעקלעך ליגן אונטער די גרויע אויגן; צוויי טיפע ווינקלען אויף אַ הויכן שטערן זאָגן אָן, אַז די יאָרן רויבן אַוועק פון אים די שוואַרצע, ביי די שלייפן געזילבערטע האָר. ער איז פעטער געוואָרן. און פון ביידע זייטן מויל האָבן זיך צוויי טיפע קאַרבן אַוועקגעלייגט. דאָס האָבן זיינע אַכט און פערציק יאָר אויסגעפורעמט פון אים אַן אַנדערן מענטשן. ער איז שוין, הייסט עס, מער ניט יונג. און קיין קינדער זענען ניטאָ. ניט געוואָלט האָבן און... פאַרפאַלן.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ווייכן שטול באַם טיש. געקוקט דורכן פענצטער אויף די ווייטע הימלקראַצערס, וואָס זענען געקראָכן איינער אויף דעם צווייטן. דערמאָנט זיך אָן דערפל סטילינעץ. אַ טראַכט געטאָן, אַז דער וועג פון סטילינעץ ביז די הימל־קראַצערס איז געווען אַ לאַנגער און אַ פלאַכער. ער האָט קיינמאָל ניט געפילט די פרייד פון לעבן. און וואָלט ער זיך דען פאַרטראַכט אַמאָל וועגן זיין לעבן דאָ, ווען ניט דעם פאָטערס טויט. ניט איינמאָל זעט ער ווי נאָרא קוקט אויף אים אָן ענטוישטע. ער ווייסט זי איז אפשר גערעכט, ווען זי זאָגט, אַז זיין גאַנץ לעבן איז דורכגעדרונגען מיט אַ מין קאַלטער רואיקייט, וואָס האָט פאַרלאָשן די פונקען פון יוגנט. יאָ, די ליבע, דאָס לעבן זייערס איז איצט ניט מער ווי אַ פּרעסיפיטאָט. אַ לעבן, וועמעס סינאָנים איז אָנשטענדיקייט.

דזשעראַלד האָט אַ פיר געטאָן מיט דער דלאָניע איבערן פּנים און האָט אַ זיפץ געטאָן. אויפגעהויבן זיך און געעפנט דעם פאָטערס טשעמאָדאַן, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל. עס האָט אַ שלאָג געטאָן אויף אים דער ריח פון טאַבאַק און נאַפטאַלין. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ בינטל בריוו. געפּרוּווט לייענען איניקע פון זיי און איז מיד געוואָרן. עטלעכע בריוו פון אים אַליין צום פאָטער, אַ פּאָר בריוו פון דער מוטער. פאַרגעלטע בריוו, וואָס האָבן דערציילט פון קלייניקייטן, וואָס האָבן מיט פראַזאַאישער טריבקייט דערמאָנט אָן עפּעס פאַרגעסענעם, אָן עפּעס צעשוואומענעם. צו וואָס האָט ער די אַלע יאָרן געהאַלטן די בריוו? און צו וואָס אָט די זאַפאַנקעס און די ציגאַרשפּיצלעך, און די זילבערנע טאַבאַק־פּושקע? און צו וואָס אָט דאָס ביכעלע, אַ נאָטיץ ביכעלע מיט רויטע און בלויע ווירעס? אויפן טאָוול פאַרצייכנט מיט אָפּגעליאַקירטע טינט: יאשא געבוירן... דער דאַטום מיט העברעאישע בוכשטאַבן. די איבעריקע בלעטלעך זענען פאַרשריבן מיט אַדרעסן און חשבונות.

דזשעראלד האָט אָװעקגעלעגט דאָס ביכעלע און אױפגעהױבן זיך. די אױגן זײַנע, האָט ער דערפילט, זענען געװען װאַרעם פון טרערן . . .

װען ער האָט דערנאָך געטראָפן סימורן אין אָפיס, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אָלרײַט, סימור... אױב דו װילסט נאָך פאַנאַנדערטײלן די ביזנעס, קאָנסטו קריגן דײַן חלק... האַלב אױף האַלב... ס׳איז דײַנס, װי מײַנס...

אמניבוס וויטא

די נאַכט איז אַ וואָלקנדיקע. אַ שמאָלער וועג ציט זיך צווישן הויכע בערג, זיגזאַגנוויז, אַרויף. אויף דעם וועג — דער אָמניבאס "וויטא", ברומענדיק, ווי אַן אָפגעריסענער מאָנסטער. אין אָמניבוס — פיר פּאַסאַזשירן. דוכט זיך זיי דרימלען, דוכט זיך זיי זעען גאָרניט און הערן גאָרניט — פאַרזונקענע וועלטן.

זזזשששמממ . . .עס ברומט דער מאָטאָר, ער זינגט אויף הויך מעטאַלענע טענער, און אָקטאַווע נאָך אָקטאַווע נידערט דאָס געזאַנג אַראָפּ, אַראָפּ . . . ווי פון הויכן שפּיץ־באַרג אין טיפע טאָלן. ווי פון הויכער זינגנדיקער פרייד אין טיפן טרויער אַראָפּ. עס זינגט און זינקט אין די הערצער פון די פּאַסאַזשירן דאָס געזאַנג פון פליענדיקן מאָנסטער ,און אין די מורחות פליען אַרום ליליפּוטלאַך־געדאַנקען און שפּינען, און וועבן נעבלדיקע בילדער.

זזזשששמממ .. . ביי שולמאַנען אין האַרצן זינגט אויך. עס וויברירט, דוכט זיך, יעדער אַטאָם אין אים. ער זיצט מיט פאַרמאַכטע אויגן און ווייסט, אַ סע טראָגט אים. ער פילט, ווי אונטער אים רייסן גומענע רעדער שטרעקן פון אַספאַלט. זזזזמממ . . . סע זינגט . . .

לעבן אים ליגט זיין לעדערנער פאָרטפעל, אַ פרעזענט פון דער ווייב, — און אין דעם פאָרטפעל אַ מאַנוסקריפּט, אַ בראָשורע, אַ פּאָר בריוו און אַ ביכעלע מיט אַדרעסן. ביי טאָג, ווען די זון האָט געשיינט, און ווען דער באָס האָט זיך געטראָגען, ווי אַ פליענדיקער ראַקעט אויף דעם גלייכן ווי אַ ווירע וועג, האָט ער געפּרואווט נאָכאַמאָל דורכלייענען דאָס לעצטע קאַפּיטל פון זיין ערשט פאַרענדיקטע עסיי, דער בלויער הימל און די גרינע פעלדער האָבן אָבער ניט געלאָזט. אויף דער נשמה איז געווען אַזוי גוט. ער האָט געטראַכט, אַז ס'איז גוט אַרויסצופאָרן אַמאָל אָט־אַזוי . . . בלייבן אַליין מיט זיך, מיט די געדאַנקען, ווערן אַן איינזאַמער צווישן פרעמדע מענטשן, פרעמדע פעלדער און וועלדער: דעמאָלט דערפילט מען די אייגענע זעלבסטוויכטיקייט, און די וועלט אַרום ווערט, פלוצים, ווי אויפסניי אַנטפּלעקט; די וועלט ווערט ליב.

אינדערפרי, ווען ער איז אַרויסגעפאָרן, האָט ער אַלץ געפּרואווט טאָן מיטן "רעכטן פוס": אַרויסקריכנדיק פון בעט, אַרויסגייענדיק פון הויז, אַריינגייענדיק אין באָס, — אַלץ מיטן רעכטן פוס.

די נאַכט איצט איז פול מיט סודות. דער באָס יאָגט אַרויף אַלץ העכער אַן העכער אין די בערג. דער פאָרטפעל לעבן אים וואַרעמט. אין אים ליגט די גרעסטע, די וויכטיקסטע אַרבעט זיינע. די אַרבעט וועט אים דערהייבן, אַרויספירן פון די רייען און אַרויסשטעלן אויבנאָן. דער רעדאַקטאָר פון דעם וויכטיקסטן זשורנאַל האָט אים דערמוטיקט: קומט קיין ניו יאָרק, רייסט זיך אַרויס פון דער אַפּאַטישער פּראָווינץ. דאָ ביי אונדז איז לעבן, אַקטיוויטעט, אָנרעגונג . . .

די ווערטער האָבן געגלעט דאָס האַרץ, און ס׳ווייב, הערנדיק דעם בריוו, האָט געקוקט אויף אים מיט מילדע אויגן און פּלוצים גענומען זיך פאַרריכטן זיין שניפּס און מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן: פאָר . . . שוין צייט, שוין צייט. איך האָב פינף און דרייסיק דאָלער אָפּגעשפּאָרט, וועסטו דיר קויפן אַן אַנצוג. מ׳קאָן ניט פאָרן אָט־אַזוי, אָפּגעריסן . . .

ער האָט זי קיינמאָל ניט געקושט די ווייב, און אפילו קיינמאָל ני געגלעט. עס איז געווען גענוג, ווען ער פלעגט לייענען פאַר איר זיינע עסייען. אָפּט, שפּעט ביינאַכט ,פעלגט זי אויפשטיין און מאַכן פאַר אים אַ גלעזל שטאַרקע טיי און צוטראָגן עס צום טיש. און די אַרבעט פלעגט מיטאַמאָל ווערן וויכטיקער דער שטול באַקוועמער, דאָס צימער וואַרעמער, זי נאָענטער. די וועלט איז אָבער געווען וויט, ווייט . . . איצט גייט ער באַרג אַרויף צו דער וועלט.

ס׳איז ניטאָ, דאכט זיך, קיין סוף צום געשלענגלטן וועג. דער באָס שטרענגט זיך אָן, קריכנדיק אַרויף און זשומעט און קרעכצט.

אויף דעם לעצטן זיץ פון באָס האָט זיך האַלב צעלייגט דער נעגער סעמי. יעדעס מאָל, ווען דער באָס טוט זיך אַ טרייסל, זעט ער ווי שולמאַנס קאָפּ טוט זיך אַ הויב אויף, ווי אַן איבערגעקערטע שיסל; און יעדעס מאָל ווילט זיך אים אַ כראַקע, און אַ שפּיי טאָן אין דעם גראָבן פעטן קאָפּ. און אַ שפּיי טאָן אַזוי, מיט אַזאַ קראַפט,אַז דער קאָפּ זאָל זיך ווי אַ באַלאָן אויפגעריסן ווערן... עס עקלט אים צו קוקן אויף דעם גרויסן קאַיילעכדיקן קאָפּ, אויף די גרויסע אויערן און אויף דעם פעטן האלדז. עס עקלט אים. ער האָט זיי פיינט די ווייסע אָנגעפּרעסענע, זאַטע און רייכע חזרים.

ער פאַרמאַכט יעדעס מאָל די אויגן און פּרואווט דרימלען. ער איז שוין צוויי נעכט ניט געשלאָפן. די אויגן שמאַרצן פון מידקייט און פון טרערן. יע, ער האָט געוויינט. ער האָט געוויינט ווען ער האָט פאַרלאָזט זיין מאַמעס הילצערנע הייזקע און ער האָט געוויינט דאָ אין באָס, וואָס פירט אים אַוועק אין אַ פרעמדער וועלט.

די מאַמע איז איצט מסתמא, אַהיים געקומען אַ מידע נאָך אַ טאָג וואַשן, שקראָבן און רוימען ביי די ווייסע. זי וואַרט שוין ניט מער אויף אים, אויף סעמין. דער פוץ־שטול אין באַרבער־שאַפּ שטייט ליידיק. און

אפשר האָט שוין דער באַרבער אַריינגענומען אַן אַנדערן נעגער אויף זיין פּלאַץ? אויף דעם פּוץ־שטול האָט נאָך דער פּאָטער געפּוצט די שיך ביי די ווייסע. און ווען דער פּאָטער איז געשטאָרבן האָט ער, סעמי, פאַרנומען זיין פּלאַץ. ער געדיינקט: די ערשטע טעג האָט ער זיך געפילט אין באַרבער־שאָפּ, ווי אין אַ תפיסה. ער האָט געהאַלטן אין איין קערן דעם דיל, און איין ווישן די שפּיגלען, און כאָטש ער האָט אין דעם ערשטן טאָג נאָר צוויי פּאָר שיך אָפּגעפּוצט איז ער דאָך אַהיימגעקומען אַ מידער א צעבראָכענער.

ער ווייסט, ער וועט ניט טרעפן, — טוט סעמי אַ שפּיי צווישן די ציין. דער שפּיי פאַלט אויף דעם ווענטל פון זיץ, כמעט ביי שולמאַנס קאָפּ, און דאָס באַפּרידיקט סעמין. ער שמייכלט סאַרדאָניש. ער שמייכלט אָפט אַזוי, ווען ער קוקט אויף די ווייסע.

ער קוקט אין פענצטער און דערמאָנט זיך אין שפּיגל. פאַר אים גייט ווידער פאַרביי דאָס בילד, וואָס האָט אים געבראַכט צו דעם אומגליק. זיי־נע שאַרפע נעגל גראָבן זיך ווידער איין אין דער דאַלאָניע: צויגן... ראצן...

ס'איז געווען אַזאַ שיינער טאָג נעכטן. ער איז געקומען אין באַרבער שאָפּ פרי, אָפּגעוואַשן דעם דיל, אויסגעווישט די שפּיגלען; און ווען עס איז שוין ניט געווען וואָס צו טאָן, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אין זיין שטול און געלייענט די ציימונג. ער האָט אָבער ניט געקענט לייענען, ווייל אין שפּיגל קעגן אים האָט ער געקאָנט זען די גאַנצע גאַס. די גאַס דורך די גרויסע פענצטער — אין שפּיגל. יונגע מיידלעך אין באַד־קאָסטיומען זיי־נען דורכגעגאַנגען צום לייק באָדן זיך. און . . . ווי שיין מיידלאך קאָנען זיין! און ווי ליב ער האָט צו קוקן אויף זיי . . . וועד האָט דען געוואוסט, אַז ער קוקט אין שפּיגל און זעט די שלאַנקע מיידלשע פיס, די רויטע שמייכלענ־דיקע ליפּן? קיינער האָט, דאכט זיך ניט געוואוסט און ניט געזען, אַז זיינע ליפּן און אויגן זיינען פול מיט פאַרגאַפטקייט און באַגער. און ער האָט ניט געמיינט צו שמייכלען און צו ווינקען צו קיינעם. אפשר האָט ער טאַקע יאָ אַ שמייכל און אַ וואונק געטאָן . . . ער האָט עס אָבער אַליין ניט באַמערקט. עס האָט זיך מסתמא, אַרויסגעריסן פון זיינע ליפּן און פון זיינען אויגן ווי עס רייסט זיך אַרויס אַ זיפץ פון ברוסט. און זי, די מיידל, האָט מסתמא, דורכן פענצטער דערזעהן אים אין שפּיגל, דערזען זיין שמייכל און זיין וואונק און עס האָט זי באַליידיקט. פאַרוואָס־ פאַרוואָס? צו וואָס האָט זי באַ־דאַרפט מיטברענגען מיט זיך דעם געזונטן יונג, און פאַרוואָס האָט ער זיך גלייך געכאַפּט שלאָגן און גערופן אים „דורטי, לאוזי ניגער"?

סעמי האָט זיך צום הונדערטסטן מאָל געפרעגט די פראַגן און אויך איצט האָט זיך אים געוואָלט אַ זעץ טאָן אין פענצטער, צעשמעטערן עס ווי ער האָט צעשמעטערט דעם גרויסן, טייערן שפּיגל, וואַרפנדיק אַ פלאַש אין דעם ווייסן טייוול. דזשיזוס, וואָס פאַר אַ ראַיאָט ס'איז דעמאָלט געוואָרן אינדרויסן ביים באַרבער שאָפּ! וויפל מענטשן עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן

און געשלאָגן אים, ווי אין אַ נעפּל געדענקט ער די געשרייען... די אויס־געקרומטע מיילער, די בלוטיקע אויגן, הענט, פיס . . .

ווי אַזוי ער האָט זיך אַרויסגעריסן געדענקט ער ניט. ער געדענקט אָבער, ווי ער איז געלאָפן, צוהאַלטענדיק די נאָז מיטן פאַרבלוטיקטן טיכל; ער געדענקט, ווי ער איז געלעגן אין אַ קעלער הינטער אַ באַרג קוילן און האָט געוויינט. און ביינאַכט האָט ער זיך אַרויסגעגאַנוועט און איז אַהיים געקומען צו זיין מאַמע . . . זי האָט אַ טרויעריקע, אַ דערשלאָגענע געקוקט אויף זיינע צעריסענע קליידער, אויף דער צעקלאַפּטער נאָז אויף דעם גע־שוואָלענעם אויג. געלאָפן דערנאָך צו די שכנים באָרגן געלט אויף אַ בילעט, אַוועקצושיקן אים פון דער שטאָט. זיין פּוץ־שטול האָט ער געמוזט איי־בערלאָזן . . . און מעגי . . . זי וועט אפשר וויינען. זי איז דאָך נאָך אַזאַ יונגע, מעגי . . .

שולמאַנס קאָפּ האָט זיך אַ הויב געטאָן איבער דעם ווענטל, האָט סע־מי ווידער אַ שאָס געטאָן מיט שפּייעכץ: רעטס ! . . ביטשעס ! . . .

— האַ ? . . . — אַ אַלטע פרוי האָט מעלאַנכאָליש אויסגעדרייט דעם קאָפּ: וואָס זאָגט ער דאָרט דער נעגער? שוין דאָס צווייטע מאָל ווי זי הערט אים דאָרט הינטן שעלטן. אפשר איז ער שיכור דער נעגער? און אפשר גאָר משוגע?

זי האָט זיך אויפגעהויבן, אַ קוק געטאָן אויף אים אַ באַאומרואיקטע און איבערגעזעצט זיך מיט אַ פּאָר ערטער ווייטער. זי האָט געהאַט צוויי ליי־דיקע ערטער פאַר זיך, האָט זי באַשלאָסן אָנידערצולעגן זיך. ווי שפּעט סאיז האָט זי ניט געוואוסט. ס'איז שוין אָבער פינצטער. דורך דעם פענצטער זעט מען גאָרניט, און ווען ס'איז געוועזן ליכטיק, האָט זי אויך ווייניק אַרויס־געקוקט. ס'האָט איר געשווינדלט אין די אויגן פון דעם קוקן. איז זי געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן און געטראַכט. און וועגן וואָס האָט זי געקאָנט טראַכטן, אויב ניט וועגן דעם, וואָס ליגט איר די גאַנצע צייט אויפן מוח? זי האָט אַ טאָפּ געטאָן איר קאָרסעלעט. יעדע מינוט ציט זיך די האַנט אַ טאָפּ צו טאָן. זי האָט אין אים פאַרנייט די טויזנט דאָלער, וואָס זי האָט געקראָגן פון דער פאַרזיכערונגס קאָמפּאַניע נאָכן מאַנס טויט. זי האָט גוט איינגענייט דאָס געלט, ווייל טאָמער פאַרלירט זי עס, איז אויס . . . דער זון וואָרט אויף דעם געלט מיט אומגעדולד. אין קאָפּ האַלטן זיך אין פּלאָנטערן זיינע ווערטער: מאַמע, די סטאָר איז אַ גאָלד־גרוב . . . איך דאַרף נאָר האָבן טויזנט דאָלער איינצוצאָלן . . . וועסט קאָנען זיין ביי מיר . . . איך און מערי וועלן חתונה האָבן, וועסטו האָבן אַ היים . . . די סטאָר איז אַ גאָלד גרוב . . . דער נעגער מיטן צוקלאַפּטן אויג קוקט אַזוי מאָדנע . . . האָט ער באַמערקט, ווי זי טאַפּט זיך ביים קאָרסעלעט?

אַך, . . . דאָס גליק וואָס ס'וועט אים, נעבאַך, טרעפן, דעם זון, פון דעם טאַטנס אומגליק . . .

דאָרט, אויף דעם פעדערשטן פלאַץ זיצט אַ ייד, האַלט זי אין איין קוקן אויף אים. אַזאַ ענלעכקייט צו איר מאַן... אַזאַ ענלעכקייט . . .

אָט האָט ער זיך אויפגעהויבן. מיד געוואָרן צו זיצן. שטייט ער אָנגעשפאַרט אָן ווענטל פון שטול און . . . זי וואָלט געשוואוירן, אַז ער דאַוונט.

דער ייד וואָס האָט אויסגעקוקט ווי איר אייב, איז פשוט מיד געוואָרן זיצן. ער איז אין אַלגעמיין ניט געוואוינט געווען צו זיצן. בייטאָג איז געווען אַ פאַרגעניגן צו פאָרן. ער האָט זיך פאַרגעסן אַביסל. איצט אָבער קריכט די בייזקייט ווידער אין האַרצן. וואוהין שלעפט ער זיך, צו אַלדע שוואַרצע יאָר, אויף דער עלטער? וואוהין?... ער פאָרט... אַז פאָרן אַזוי זאָלן זיינע שונאים. ער פאָרט ניט, ער אַנטלויפט פון די אייגענע צרות פון די אייגענע קינדער, פון דער אייגענער ווייב. ער אַנטלויפט אין אַ פרעמדער שטאָט אַריין צו ווערן אַ שמש אין אַ שול. ווי לאַנג מוז ער נאָך הערן, אַז די קינדער האָדעווען אים, אַז פון זייער פראַצע לעבט ער?

אָט זיצט ער דאָ אין צרות אַ מידער, אַ צובראָכענער און פילט, ווי ווי דאָס האַרץ פלאַצט אין אים. ס'וואָלט גוט געווען צו ליגן איצט אין בעט און אויסרוען די ביינער... אַזוי פיל יאָרן געוואַלגערט זיך דאָ אַן עלנדער, געשפאָרט אַ סענט צו אַ סענט, געוואַרט, געהאָפט: אויף דער עלטער וועט ער האָבן נחת. ער דערמאָנט זיך, ווען אָסקאַר איז נאָך אַלט געווען זיבן יאָר, און מילדרעד זעקס, און פעני פינף — זיי האָבן דאָך אים אַזוי ליב געהאָט. ער געדענקט, ווען ער פלעגט אַהיימקומען פון די דערפער, פלעגן זיי אים אַנטקעגן לויפן, אָנהענגען זיך אויף זיין האַלדז, קריכן אין די קעשענעס, צופן ביי דער באָרד און פאָרן אויף אים רייטנדיק. ס'ווייב רחל פלעגט אים אַנטקעגן קומען מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל, די הענט אין טייג, אַ פאַרפלאַמטע פון פייער אין אויוון. אַריינברענגען דערנאָך אַ הייסן פידפאַלאַק מיט געגזענעם שמאַלץ און אַ הערינג, איינגעווייקט אין עסיק און אַרומגעלייגט מיט צעשניטענער ציבעלע... ער געדענקט... אוי, די יאָרן... זיי האָבן אַוועקגערויבט די פרייד... זיי זיינען געקומען צו אים קיין אַמעריקע גרויסע, און געקוקט האָבן זיי אויף אים ווי פרעמדע. פרעמדע אויגן, פרעמדע רייד, — אַלץ איז פרעמד. אפילו רחל, די ווייב, זי קוקט אויף אים אויך מיט פרעמדע בליקן... זי האָט זיך אָפגעשוירן די האָר און האָט אָנגעהויבן פאַרבן די באַקן מיט אַ שמירעכטס. ניט איינמאָל איז אים אַ חרפה און אַ בושה צו קוקן, ווי זי זיצט אין איר קורצן קליידל און די ליטקעס זען זיך ביי איר אַרויס ווי, להבדיל, ביי.. עט! מילא... ער איז שוין צוגעוואוינט צו זען, ווי די טעכטער זיינע צופן זיך די ברעמען און גאָלן די האָר אונטער די אָרעמס, און טראָגן

קליידער אַזעלכע אויסגעלאָסענע, אַז ער שעמט זיך צו קוקן אויף זיי. און דער זון? עפּעס גאָר ניט קיין יידישע צורה האָט ער באַקומען; נאָר עפּעס אַ ווילדער לאַפּצאַן, אַ בויאַן — געקויפט זיך אַ פּאָר גראָבע לעדערנע הענטשקעס, בוכטשעט מיט זיי יעדן איינעם, וואָס ער דערטאַפּט.

עס האָט זיך זיי פאַרגלוסט נעכטן ביינאַכט פּונקט פאַר זיין אַוועקפאָרן אַ פּאַדי צו מאַכן. אין הויז איז געווען אַן איבערקערעניש. מ'האָט געמאַכט פינצטער, מ'האָט אָנגעדרייט די ראַדיאָ און ס'איז אַוועק אַ פּאַ־פּאַ־דראַ־פּאַ! ער האָט באַדאַרפט זיצן אונטן אויף די טרעפּ און וואַרטן ביז די „פּאַדי" וועט זיך ענדיקן. ס'איז געווען קיל. כמאַרעס האָבן זיך געצויגן איבער דער לבנה.. די שטאָט האָט געבורטשעט פונווייטנס, ווי עס בורטשעט אין די געדערים. ס'איז שוין געווען שפּעט און די חברה האָט נאָך אַלץ געליאַרעמט. אין האַרצן האָט געברענט. אי?! האָט ער שוין גאָר קיין דעה ניט? אי? טאַקע אויס?

דער כעס האָט מיט הייסע צוואַנגען גענומען שלעפּן אים אַרויפצולויפן אין שטוב אַריין, אָנכאַפּן זיי ביי די העלדזער, ביי די האָר און אַרויסשליידערן זיי אייביקוויז אויף דער גאַס. האָט ער עס טאַקע געטאָן. האָט ער עס טאַקע געטאָן? ער געדענקט נאָר געשרייען: „אידיאָט!" „גזלן!" „קרייזי"! ער געדענקט אַז דערנאָך, שפּעטער שוין ווען רחל האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט, האָט זי זיך אָפּגערוקט פון אים, זי זאָל זיך, חלילה ניט אָנרירן אָן דעם אידיאָט, אָן דעם משוגענעם . . .

דער באַס טראָגט... וואָס.. ווען... וואוהין? אָכ־כאָ־כאָ..

אָכ־כאָ־כאָ־כאָ ! . . צי האָט זיך אים אויסגעוויזן, צו האָט טאַקע דער מאַן הינטער אים, דער מאַן אין דער קעפּקע, מיט די גרויסע זון־גלעזער און מיט דער פּיפּקע אין מויל, צי האָט ער אים נאָכגעקרימט? . . . מאַכט חוזק פון אים, פון אַ יידן . . .

דער מאַן מיט דער פּיפּקע אין מויל האָט טאַקע געלאַכט, אָבער שטיל, אין זיך. ער האָט אין אַלגעמיין, ליב געהאַט צו לאַכן און חוזק צו מאַכן פון אַלץ און פון אַלעמען. דעם נאָמען ציניקער, מיט וועלכן באַקאַנטע האָבן אים געקרויגט, האָט ער געהאַלטן פאַר אַ גרויסן קאָמפּלימענט. אַ ציניקער, פלעגט ער זאָגן, איז דער דאָזיקער, וואָס זעט דאָס לעבן ווי דורך אַ מיקראָסקאָפּ: קיין באַהעלטענישן קיין איינרעדענישן. קיין סענטימענטן, קיין אָפּנאַרעריי. וועגן זיך האָט ער פיינט געהאַט צו רעדן. וואָס איז דער אונטערשייד, פלעגט ער זאָגן. אַ מענטש איז נאָך אַלעמען אַ רעלאַטיווער באַגריף. פאַר איינעם בין איך אַ חכם פאַר דעם צווייטן אַן אידיאָט.

דער מאַן מיט דער פּיפּקע אין מויל האָט געטראַכט: אָט־דער באַס „וויטאַ" — ווי ער רייסט זיך אַלץ אַרויף, אַרויף... אַמאָל גלייך, אַמאָל זיגזאַגנוויז, אַמאָל דורך פּרעכטיקע לאַנדשאַפטן, אַמאָל דורך פאַררוכערטע,

אַרעמע שטעטעלאַך. ״אַמניבוס וויטאַ״ — דאָס לעבן אין מיניאַטור. צוועלף פּאַסאַזשירן זענען אין אים געפּאַרן און אַט זיינען פינף געבליבן. אַט האָט דער ייד נעבאַך אַ זיפץ געטאָן. וואָס מאַטערט זיין אויסגעמוטשעט האַרץ? ווער ווייסט? אפשר וואָלט זיך זיין גאַנצע טראַגעדיע אַריינגעפּאַסט אין אַ לאַך פון אַ בייגל? וואָס זיפצט ער, דער אַרעמער נאַר? אַט זיצט ער און שאָקלט זיך און דרימלט און פאַרגעסט, אַז זיין שיקזאַל, און מיינער, און יענערס פרוי, און דעם נעגערס איז אַפּהענגיק אַן אַ קלייניקייט, אַן אַ גע־דאַנקעלע, אַן אַ פונקעלע, וואָס קאָן פּלוצים צעבלאָזן ווערן אין אַ פייער, אין אַ שטורם אין דעם האַרץ פון אַט דעם פרעמדן געזונטן שאָפער, וואָס טרייבט דעם באַס. אַט, ער פירט איצט משוגע בייז דעם אַמניבוס ביים סאַמע אָפּ־גרונט, ביים סאַמע זוים פון באַרג. גררר. . .אַט . . . דער באַס האָט, דאכט זיך אַ קריץ געטאָן מיט די ציין פון דעם שאַרפן דריי מיטן רודער. וואָס איז? וואָס פאַר אַ שלעכטע געדאַנקעלאַך טרייבן דעם שאָפערס הענט צו באַ־וועגן דעם רודער מיט אַזאַ בייזקייט און אומפאַרזיכטיקייט?

העי! העי! ער איז דאַך דאַכט זיך, טאַקע משוגע געוואָרן! כאַ! אפּ! אַכ־כאַ־כאַ . . . צום טייוול!

דער שאָפער האָט געקוקט פאָראויס אין דער פינצטערניש מיט אָנ־געשפּיזטע אויגן. און יעדער געדאַנק זיינער — אַ שפּיז. ווי גוט עס וואָלט געווען צו זען זיי פאַרבלוטיקטע די שפּיזן. אַ גאַנצן טאָג געטריבן, גע־פרוואוט קאָנטראָלירן דעם כעס מיטן רודער. דאָס בלוט זידט אָבער ווידער, ווי אין אַ פאַרקלאַפּטן קעסל. דער שוויגערס בריוו — הייסע קוילן אונטערן האַרץ: . . . ״און די בלויע צייכנס אויף דעם לייב פון מיין טאָכטער זאָגן עדות אַז דו ביזט געווען אַ באָם, אַן אויסוואורף און וועסט בלייבן אַ באָם, אַ סאַנאַוואַביטש״ . . . ער האָט דעם בריוו, פאַרשטייט זיך, צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך. ער וועט איר ניט ענטפערן און ער וועט זיך ניט פאַרענט־פערן. אמת, ער האָט אין אַ מינוט פון אויפרעגונג אָנגעכאַפּט זי, די ווייב, ביי די הענט און מיט אַזאַ קראַפט געטרייסלט זי, אַז אין אים אַליין, האָט זיך אים אויסגעוויזן, טרייסלט זיך דאָס בלוט אין קאָפּ, ווי צושמאָלצענער בליי . . .

אירע אויגן זיינען שטענדיק אַזעלכע אומשולדיקע, בלויע... און דער שמייכל אַזאַ ריינער, נאַאיווער... און דאַך — וויפיל ליגן די אויגן און דער שמייכל זאָגן. שוין עטלעכע מאָל, אהיים קומענדיק אַ מידער, אַן אויס־ערינס אַזעלכע ווי דו? ווי גוט עס פילט זיך דער דיכטער, ווען ער ווייסט, געמאַטערטער, האָט ער זי ניט געטראָפן אין הויז, און יעדעס מאָל גיט זי אַן אַזעלכע תירוצים, אַז כאַטש פּלאַץ. זי איז געווען אין די מאוויס, זאָגט זי; זי איז געווען אין די דעפּאַרטמענט סטאָרס איינקויפן קלייניקייטן. און יע־

דעס מאָל ווייזט זי אים אַ נייע קלײניקייט, אַ נייע צאַצקע: היינט אַ בראַס־לעט, און מאָרגן אויריינגלאַך. און ווי אים דאַכט זיך, זיינען דאָס גוטע, קאָסט־באַרע זאַכן. ווער גיט עס איר? און פאַרוואָס? פאַרוואָס טרעפט ער זי יעדעס מאָל אין נייע פּאַדזשאַמעס? און די פּאַדזשאַמעס ווייזן דאָס גאַנצע לייב אירס, טאָקן אויס יעדן גליד אירן... און פאַרוואָס טרעפט עס, אַז ווען דער טעלעפאָן קלינגט און ער ענטפערט, ווערט מען פון יענער זייט פאַרשטומט? העלל!

איצט איז זי ביי דער מאַמען. אומיסטן, מסתמא, געזוכט אַ קריג, זי זאָל קאָנען אוועק אין שטעטל וואו איר אַמאָליקער געליבטער וואוינט. די מאַמע אירע איז ביז האַלבע נאַכט פאַרנומען אין סאַלון קען זי זיצן דאָרט מיט איר געליבטן אין אירע פּאַדזשאַמעס און פלירטעווען . . . בלויז פליר־טעווען, אָדער ? . . .

ער האָט מיט אַמאָל אַ דריי געטאָן דאָס רעדל און דער באַס איז שיר אַרויף אַן אַנטקעגן אַנקומענדיקער מאַשין. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער רודער האָט אַ קרעכץ געטאָן, מיט אַזאַ קראַפּט האָט ער אים אַ דריי געטאָן. מיט צענויפגעפרעסטע ליפּן און מיט אַנגעשפּיזטע אויגן האָט ער געטריבן פאָרויס, און די אויגן פון באַס זיינען ניט געווען שטאַרק גענוג דורכצושניידן די פינצטערניש פון דער נאַכט. טיף, טיף אין דער ווייטקייט און דאָך אין אַזאַ נאָענטער נאָענטקייט האָט געשוועבט דאָס ווען פון אַ פרוי, אַ פרוי מיט בלאָנדע, קוטשעראווע, צעפּאַטלטע האָר, מיט בלויע אויגן, מיט ווייס אַנטבלויזטע אַקסלען און רונדע היפטן; און אַרום דער פרוי פון אַלע זייטן הענט . . . גראָבע, שטאַרקע, קנעטן איר רונדן בוזים, גלעטן אי־רע נאַקעטע קני . . .

שטאַרקער דריקט דער פוס דעם גאַז פּעדאַל פון באַס . . . שנעלער רייסן זיך די רעדער פון אַספאַלט . . . פון טיפן באַס צו הויכן פאַלצעטאָ פאַרגייט זיך דער מאָטאָר אין ווילד־יאָגנדיקן געזאַנג. . . .

צוויי רויטע לעמפּעלאַך פאָראויס וואָרנען: געפאַר! געפאַר!! דער פוס דריקט אָבער שטאַרקער, שטאַרקער אין עקסטאַז פון שנאה. די שפּי־זיקע געדאַנקען זיינען שוין בלוטיק־רויט געוואָרן. די איינגעקלאַמערטע הענט דרייען אין ווילדן אימפּעט דעם רודער, ווי ער וואָלט געוועזן דער גאַנצער ערד־קוגל . . .

ז זזזזששששממממ . . טררררראַך!

— גאָט!

— דזשיזוס!

— מאַמע!

— צום טייוול!!

צו שפּעט. דער צעשמעטערטער "אָמניבוס וויטאַ" ליגט אין פלאַ־מען. און אין די פלאַמען זידט און פלאַקערט דער געלער געלעכטער פון ציניקער, פון דעם מאַן אין דער קעפּקע, מיט דער פּיפּקע אין מויל . . .

אילוזיע

די נאַכט האָט געברייט מיט הייסן אָטעם. עס האָט זיך געוואָלט אַוועק פון דער טומלענדיקער, בראַזגענדיקער גאַס, האָב איך באַשלאָסן אַרויפצו־גיין צום דיכטער באַרג. איך פלעג אָפט אַרויפקומען צו אים און שמועסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. זיין טיר איז שטענדיק געווען אָפן. ווער ס'האָט געוואָלט האָט געקענט קומען. אַ ניט פאַרהייראַטער, האָט ער גע־קוקט אויף דעם לעבן, ווי אויף אַ צוגרייטונג צו עפּעס העכערס ,וואָס דאַרף ערשט קומען... נאָכן לעבן — — —

. . . און די דאָזיקע נאַכט ווייזט אויס, האָט אים אַוועקגעטראָגן צו דעם העכערן צו וועלכן ער איז שטענדיק גרייט געווען.

צוקומענדיק צו דער טיר פון זיין צימער, האָב איך שטיל אָנגע־קלאַפּט: צוגעהערט זיך. ער האָט ניט געענטפערט. האָב איך געעפנט די טיר און אַריינגעקוקט. אין דער האַלב־טונקלקייט האָב איך אים דערזען ביים טיש. אָבער מאָדנע שטיל איז געווען אַרום. און די פּאָזע זיינע אין שטול האָט מיך פאַרוואונדערט מיט איר אומנאַטירלעכקייט. איך בין צוגעגאַנגען נעענטער און געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער. באַרג איז געווען טויט. אויפן דיל איז געלעגן זיין פען און אויפן טיש אַ פּאָר בויגנס באַשריבענע פּאַפּיר. ביי דער זייט פון טיש — אַ דין פּעקל בריוו, אַרומגעבונדן מיט אַ בלויען שנירל. איך האָב דערקאַנט די בלויע קאָנווערטן — די בריוו פון דער ניוניא פון וועלכער ער האָט אָפט גערעדט מיט באַגייסטערונג, כאָטש ער האָט זי קיינמאָל ניט געזען; גערעדט ווי פון אַ ווייטער אינספּיראַציע פאַר אַ נייער שאַפונג. ניוניא... ער האָט מיך פאַראינטערעסירט מיט איר געשטאַלט. איך זאָג "פאַראינטערעסירט". איך מוז אָבער מודה זיין, אַז עפּעס אַ טיף געפיל צו איר האָט געוועלטיקט אין מיר און גערופן צו איר, צו דער ווייטער, אומבאַקאַנטער ניוניא .און איך האָב זיך ניט איינמאָל צוגעזאָגט, אַז אַמאָל... ווער ווייסט ווען אַמאָל וועל איך פאָרן צו איר. איך ווייס ניט, צו וואָס איך וועל פאָרן צו איר, אָבער איך האָב געוואוסט, אַז ס'וועט מיך ציען, ווי עס ציט צו דעם פלאַם אַ פליגעלע.

אין יענעם אָוונט האָב איך צוגענומען די בריוו פון טיש, אַריינגע־לייגט זיי צו זיך אין בוזים־קעשענע און אַרויסגעגאַנגען אָנזאָגן דער וועלט, אַז ס'איז געשטאָרבן אַ דיכטער — דער דיכטער באַרג.

די בריוו:

חשובער קאָלעגע באַרג:

אומבאַקאַנטערהייט שרייב איך צו אייך. כאָטש׳עס זאָגט זיך אַזוי — אומבאַקאַנטערהייט . . . איך קאָן אייך זייער גוט פון אייערע ווערק, וואָס האָבן מיטאַמאָל אויפגעשטורמט אונדזער איינגעדרימלטן געמיט. דעם בריוו שרייב איך אייך אויף דעם אַדרעס פון אייער פאַרלעגער ווייל איך ווייס ניט קיין אַנדערן אַדרעס.

מיין נאָמען איז אייך אפשר באַקאַנט. איך האָף, אַז יאָ. נאָך אַלעמען, האָב איך צוגעטראָגן עפּעס צו דער ייִדישער ליטעראַטור וואָס אויב עס איז ניט די אמתע, דיסטילירטע קונסט, איז עס אפשר צעמענט פאַר די קונסט־ציגל, און אויב ניט צעמענט, איז וואַסער פאַר דעם צעמענט. איך ווייס — מ׳לייענט מיך דאָ און דאָרט און מ׳נעמט אויף מיין וואָרט, ווי אַ טייל פון דעם ממשותדיקן (שיער ניט געזאָגט "אייביקן") בייטראַג צו דעם האָב און גוטס פון אונדזער קולטור. און איך גלייב, און איך האָב שטענדיק געגלויבט, אַז חוץ די מעכטיקע פּראָזשעקטאָרן, וואָס באַלייכטן אַ ברייטע פּעריפעריע, האָט דאָס קליינע בלייכע ליכטל, וואָס באַלייכט אַ ווינקל ערגעץ אין אַ שטוב, אויך דעם גרויסן פאַרדינסט, ווייל עס דינט דעם זעלבן ציל: צערייסן די פינצטערניש און באַלויכטן מיט חלום, מיט פאַנטאַזיע און אַמאָל מיט גלויבן די נשמה זאָל זיין אפילו בלויז איין נשמה, פון אַ בענקענדן מענטשן. ס׳איז נישט קיין אַפּאָלאָגיע, חשובער קאָלעגע. ס׳איז גלאָט אַזוי אַ געדאַנק, וואָס קומט אָפּט צוגאַסט, ווען איך טו אַ טראַכט וועגן מיינע שאַפונגען.

ס׳איז טונקל איצט ביי מיר אין צימער. עס פאַלט שוין צו דער אָוונט. דורכן פענצטער קען איך זען, ווי עס גליטשן זיך קינדער אויף שלי־טעלעך באַרג אַראָפּ. דער הימל איז פּורפּור־בלוי, און איך קאָן, דוכט זיך, פילן דעם דרויסנדיקן פראָסט אויף מיינע פינגער. כאָטש אין מיין האַרץ איז וואַרעם. מיין טאָכטער ניוניא שפּילט אויף דער פּיאַנאָ און איר דין געשטאַלט איז ווי די סטעארין ליכט לעבן איר — ווייס און דין, מיט אַ בלויען ציטערדיקן פלאַם. די מעלאָדיע, וואָס זי שפּילט, דאַכט זיך מיר איז דאָס געזאַנג פון איר מוטער, פון יענער וייטער וועלט וואוהין מיר זיינען נאָך ניט דערגאַנגען.

און וואָס דאַרפט איר עס וויסן און צו וואָס שרייב איך עס?... צוליב וואָס האָט שאַפען געשריבן זיינע וואונדערבאַרע מעלאָדיעס? און צו וואָס שפּילט ניוניא אָט די מעלאָדיעס? מוזן מיר טאַקע טאָן אַלעס מיט שכל, דעם ראַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקן, וואָס האַלט אונדז איינגעפּאַסט אין ראַמען, אַמאָל גאָלדענע, אָבער מערסטנס שטאָלענע? אַך, עס ווילט זיך אַ זיפץ טאָן — עס איז מסתמא, די שטימונג ארום, צו דער פּורפּור־בלויער הימל איבערדרויסן, וואָס הערשט איבערן געמיט... און אפשר איז דאָס די קליינשטעטל־

דיקייט וואָס זיפּצט אַרויס.

איך וועל פאַרענדיקן, חשובער קאָלעגע, און וועל אייך ענדלעך זאָגן צוליב וואָס איך האָב געשריבן. עס ווילט זיך מיר לייענען אייער ערשטן בוך און איך קאָן אים אין ערגעץ ניט קריגן. שיקט מיר צו אַ קאָפּיע, אויב מעגלעך. איך וועל אייך זייער דאַנקבאַר זיין.

מיט גרויס אייער:

ש. לאמעד

מיין ליבער ש. לאַמעד:

אַודאי איז מיר אייער נאָמען באַקאַנט און אייניקע פון אייערע לידער זיינען מיר זייער געפעלן. און אפילו אייערע שטימונגען זיינען מיר אויך באַקאַנט. איך שטעל זיך פאָר, אַז אין אייער קליין שטעטל, אין די "אָרעמס פון דער מוטער נאַטור", קאָן מען זיך ניט העלפן אַמאָל אַ פּיעשטשע צו טאָן, און לאָזן שווימען אַ זיפץ, און לאָזן אַפּט פאַלן אַ טרער. איך וועל מו־דה זיין: עס גלוסט זיך מיר אויך אַמאָל אַריינגראָבן דאָס פּנים אין אַ וואַ־רעמען שויס און אין צאַרטע אײדעלע הענט. נו, זיינען מיר אָבער גרויס־שטאָטישע פּאַרטייעטע און פאַרשמייעטע, מיט הערצער ווי מאָטאָרן, און מיט ביינער, ווי פון שטאָל; און דער קאָפּ איז ווי ביי אַ הימלקראַצער — דער הונדערט און צוענטער שטאָק, און די געדאַנקען פליען אַראָפּ און אַרויף אויף טויזנטער עלעווייטערס... פון דעם העכסטן שטאָק אין קעלער, און פון דעם קעלער צום העכסטען שטאָק. ווי קאָן איך דאָ קוקן אויף דעם בלוי־פּורפּורנעם הימל? און ווען האָב איך נאָך געזען אַ ווייס־סטעארין ליכט, וואָס טריפט מיט ווייסע טרערן ביי דער פּיאַנאָ? אָט אַזוי זיינען מיר דאָ. צו אפשר מאַכן מיר נאָר דעם אָנשטעל אז מיר זיינען אַזוי.

דעם אמת זאָגנדיק, ליבער קאָלעגע לאַמעד, האָב איך, לייענענדיק אייער בריוו געזען מיין ענטפער צו אייך: עטלעכע שיין צוגעקליבענע שור־רות, אַ דאַנק, און אַ צוזאָג, אַביסל דערמוטיקונג, אַ גרוס און — גענוג. ווארן, צו וואָס אַריינלאָזן זיך אין שטימונגען, און צו וואָס אַנטשולדיקן זיך פאַר דעם זיפץ? און צו וואָס, אין אַלגעמיין, די בלויע פּאָעטישקייט, וואָס זינגט מיט שאָפּענס מעלאָדיע און שוועבט מיט ווייסע פליגל פון דער צאַרטער טאָכטער? אַזוי האָב איך געטראַכט. ס׳איז אָבער פאַראַן אין אונדזער האַרץ, אָדער אפשר גאָר אין קאָפּ אַזאַ באַהאַלטענער, סענסיטיווער אינסטרו־מענט, וואָס צעקלינגט זיך ווי אַן אַלאַרם־גלאָק, ווען אָט די שטימונג ווי אייערע, ציט אויס ציטערדיק די האַנט. און, ניט ווילנדיק, און אפשר ווילנ־דיק, צעזינגט זיך און עס צעזיפּצט זיך עמיצער אין דיר; און די ציגיינער־טע, די פאַרשייטע מליצה, קריכט אַריין מיט ביידע הענט אין קאָפּ אַריין, צעשויבערט די האָר און בעט זיך: לאַשטשע מיך. — נו, ווי איר זעט; דאָס וואָרט איז ווי אַ הונט אויפן יאַגד, ווי אַ ווייס אַראַביש פערד אין מדבר, ווי אַ שווערד אין די הענט, אַ בלוטדורשטיקער גזלן — עס רייסט זיך, עס

ווײל ניט וויסן פון קײן צוים, עס שלעפּט און יאָגט — און דערפאַר צאָל איך אײך אָפּ מיט דעם זעלביקן, מיט אַ בריוו, וואָס וועט אײך אפשר אַ שלעפּ טאָן צו נײַע שטימונגען, און די שטימונגען צום טיש, צו פּאַפּיר, צו דער פּעדער . . .

גריסט אײער טאַטער, איך קען זי ניט. איך האָב זי קײנמאָל ניט געזען, אָבער בײַנאַכט איז זי צו מיר געקומען אין חלום. זי איז געזעסן בײַ דער פּיאַנאָ, דער קאָפּ אירער אויף די קלאַווישן, די הענט צושפּרייט, און פון די אויגן האָבן גערונען טרערן. אַ חלום... — ווי מאָדנע דאָס לעבן איז. איך קען זי ניט, כ'האָב זי קײנמאָל ניט געזען און דאָך איז זי געקומען צו מיר אין חלום.

מיט גרוס

א. בארג.

פּ. ס. איך שיק אײך מײַן בוך. און... שרײַבט מיר, צי אײער טאָכטער לײענט יידיש

חשובער קאָלעגע א. בארג :

איך וועל אײך איבגיכן שרײַבן וועגן דעם אײַנדרוק וואָס אײער בוך האָט געמאַכט אויף מיר. דערווײַלע אַ פּאָר ווערטער צו לאָזן אײך וויסן, אַז איך האָב דעם בוך דערהאַלטן. ניוניא לײענט עס אויך, און איך זע, ווי אין אירע אויגן צינדן זיך אָן אייערע געדאַנקען, ווי פלעמעלעך... און אײערע ווערטער בליִען אויף אירע באַקן, ווי צאַרטע שמעקנדיקע רויזן... און אי־רע הענט און אירע פינגער שפּילן אויף אומזיכטבאַרע קלאַווישן די טע־נער פון אײערע שטימונגען... ווי אַזוי? פאַרוואָס? זי וועט אײך שרײַבן באַזונדער, — ווײַל איך ניט פאַרלויפן איר דעם וועג מיט דער באַגײַסטע־רונג, וואָס טראָגט זי, ווי אויף אַ מאַגישן טעפּיך. איך וועל פאַרענדיקן מיט אַ האַרציקן דאַנק צו אײך פאַר דעם פאַרגעניגן.

מיט פרײַנדשאַפט אײער

ש. לאַמעד

זײער געערטער דיכטער א. בארג :

עס ווילט זיך מיר שרײַבן אײך אַ סך... אָבער עס האַלט מיך עפּעס אָפּ אַ מורא, די קינדערשע מורא אין מיר, כאָטש איך האַלט שוין הײַנט בײַם סוף פון מײַן צוואַנציקסטן יאָר. ווי איר זעט, ניט נאָר לײען איך, נאָר איך שרײַב אויך יידיש. איך האָב שוין אפילו אָנגעשריבן אַ צאָל לידער און האָף, אַז איר וועט זײ אַמאָל לײענען. איצט, אַז איר וועט מיר ענט־פערן, וועל איך אײך ווידער שרײַבן, וועט איר אפשר ווידער ענטפערן, וועל איך שוין האָבן צוויי בריוו... וועל איך זײ אַרומבינדן מיט אַ בלוי

שנירל און... ווארטן אויף אַ דריטן. איך ווייס איך רייד איצט ווי אַ קינד, ס'איז אָבער אמתער אַזוי. איך האָב געלייענט אייער בוך, האָט זיך מיר געגלוסט צו וויינען. ניט ווייל עס איז פאַראַן עפּעס טראַגישעס אין דער נאָוועלע. ניין, פאַרקערט. די מענטשן זיינען דאָך אַזוי געזונט, סיי פיזיש, סיי גייסטיק... און דאָס אַרומיקע, די נאַטור, די געשפּרעכן, די עמאָציעס און טאַטן גיסן זיך צוזאַמען אין אַזאַ שיינער סימפאָניע פון לעבן, אַז... דאָס לעבן ווערט ווי אַ טרוים — מיין טרוים. דער דורכשניטלעכער לייענער וועט זיכער זען אין לעאָנען, אין דעם העלד פון דער נאָוועלע — אייך. איך ווייס שוין אָבער אַז צום דיכטער קומען געשטאַלטן ווי גייסטער און בעטן זיך: — באַשאַף מיך... לאָז מיך לעבן ריידן, ליבן... — איך ווייס דאָס, און דאָך בין איך זיכער אַז לעאָן איז איר, איר אַליין. און איך וועל זיך גלייך מודה זיין: ס'איז מיר געווען אַזוי גוט מיט אים, מיט לעאָנען... און איך בין באַגאַנגען אַ פאַרברעכן: איך האָב זיין באַגלייטערין — די יונגע שיינע, קלוגע און דרייסטע גילדאַ פאַרטריבן.. איך האָב זי אינגאַנצן פאַרטושירט אין מיין מח — איך האָב פאַרנומען איר פּלאַץ און בין געווען מיט לעאָנען — מיט לייב און גייסט.

די נאַכט אויפן הויכן באַרג איז געווען מיין שענסטע איבערלעבונג. אונטען האָט גערוישט דעם ים... די כוואַליעס האָבן געשלאָגן אָן די סקאַלעס... און אַ רויט פייערל האָט ווי אַ רויט האַרץ געצאַפּלט זיך אונטן אויף דעם זאַמד.. געצאַפּלט זיך און ניט געוואָלט אויסגעלאָשן ווערן. אַ לייכט ווינטל האָט געגלעט... און דאָס פייערל האָט אים נאָכגעשיקט פונקן ווי הייסע קושן... און אויבן, אין דעם טונקעלן הימל, הויך, הויך אין דער בלויקייט האָבן שטערן געשמייכלט. און לעאָן און איך — אַליין אויף דעם הויכן באַרג, שטאַרקע, שטאָלצע, נאַקעטע זייִנען מיר געשטאַנען אַרומגענומען, צוגעדריקט איינער צום צווייטן און געפילט, ווי עס פליסט אַ וואַרעמקייט פון קערפּער צו קערפּער און דאָס ווינטל בעט זיך: קומט, קומט... איך וועל אייך אַ טראָג טאָן פון באַרג אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ... אויף מיינע פליגל צו דער ווייסער שוים פון ים — אַך... איר וועט זאָגן איך בין סענטימענטאַל, אָבער איז דען ניט סענטימענטאַליטעט דער פּעריסיפּאַט, וואָס קומט פון געפיל און פאַנטאַזיע? און... דאַרפן מיר זיך שעמען מיט דעם? ס'איז אילוזיע און ס'איזווירקלעכקייט. סאיז הימל און ערד... — איך אינדערמיט... אין דער טונקעלער נאַכט אין וועלכער עס פלאַקערט אַ פייערל — מיין האַרץ.

איך בין אפשר צו סענסיטיוו און די מיסטעריע פון שיינקייט און גייסט איז אָפט אין מיין דמיון — די מיסטעריע פון לעבן און טויט... און פאַרקערט.

איך וועל פאַרענדיקן. פון היינט אָן וועט די צייט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טשערעפּאַכע. זי וועט קריכן ביי מיין טיר . . . ניוניא.

איך ליד און פון דעם
ביבליאָטעק

מיין ליבע ניוניא:

אָדער... זאָל איך איך אפשר רופן "גילדא"? ניין, ניט "גילדא" און ניט "איך". ס'איז "ניוניא" און ס'איז "דו" — ווייל ווען מענטשן דערפילן זיך גייסטיק אַזוי נאָענט אײנער צו צווייטן, איז דאָס 'אירצן' זיך אַ פּאַר־שוועכונג כמעט. ניו־ניא... עס זינגט ווי אַ בלויע לבנה־שיין. אַז דו ביזט דין און שלאַנק ווי אַ ווייס סטעאַרין ליכט, דאָס ווייס איך שוין; און איך ווייס שוין אויך, אַז דיין האַרץ איז ווי אַ פּייערל אין דער נאַכט ביים ברעג פון ים; און דיין וואָרט אַ לאַשטשענדיק ווינטל... זיינען אַלע מיינע לייד־ענערינס אַזעלכע ווי דו? ווי גוט עס פילט זיך דער דיכטער, ווען ער ווייסט, אַז ער איז באַהעפט מיט דער נשמה פון דעם לייענער! דער גליקלעכער דיבוק: אַט האָסטו זיך אָוועקגעשטעלט לעבן מיר אויפן שפּיץ פון באַרג און ביזט געווען גרייט אַ פלי צוטאָן מיט מיר... בין איך היינט געפלויגן אויף די וועדטער דיינע. ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס איך פלי: אָפּט, ווי אויף קאַסקאַדן פון פייערווערק, אָפּט אויף די הילכיקע אַפּלאַדיסמענטן דונערס ,און אָפּט אויף מיין אייגענער פאַנטאַזיע . . . — אָבער אַזוי פליען, ווי איך בין היינט געפלויגן, האָב איך מיין גאַנץ לעבן געטרוימט צו פליען. דו האָסט געשריבן מיט מורא און אַזוי שרייב איך איצט — מיט מורא, כאָטש . . .

פאַרוואָס מורא? מיר זיינען דאָך מענטשן. גאָט מיינער — מענטשן! מענטשן, וואָס טראָגן מיט זיך אַזאַ וואונדערבאַר געטלעך געשאַנק — דעם געדאַנק, דעם גייסט און דאָס וואָרט, וואָס פאַראייניקט אונדז מיט איין גע־פיל, אַ געפיל, וואָס איז דאָס שענסטע אין מענטשן... — און דאָך האָב איך מורא, פונקט ווי דו האָסט מורא.

דו ביזט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, זאָגסטו. האָסט פאַרטושירט גיל־דאן און האָסט פאַרנומען איר פּלאַץ. איך וועל אויך באַגיין אַ פאַרברעכן: איך וועל פאַרטושירן זיך אַליין און וועל פאַרנעמען לעאָנס פּלאַץ... און דער געטראַנק פון דיינע ווערטער וועט זיין פאַר מיר ווי שוים פון זיסן וויין. דעם וויין מיט דעם רויט־פייערדיקן בליאסק וועל איך ניט טרינקען... טאָר איך ניט טרינקען. טאָר איך טאָקע ניט? ..

אָבער שוים — דורך דיינע בריוו — דורך דער אילוזיע וואָס ווערט און איז רעאַליטיוו רעאַל, וועל איך (זאָל דאָס מיר פאַרגעבן ווערן) טרינקען.

א. באַרג.

פ. ס. דיין פאָטער — מיין קאָלעגע וועט אפשר לייענען דעם בריוו — איז גוט. אויב ער וועט אים ניט לייענען — איז עס אפשר בעסער.

מיין ליבער דיכטער א. באַרג:

איך האָב ניט מורא מער. אייער בריוו האָט אַ ווייע געטאָן אויף מיר מיט באַהאַלטענער אָנרעגונג. אַ נעפל מיט אַלע רעגנבויגן קאָלירן ציט זיך איצט

פאַר מיינע אויגן און פאַרשטעלט די וועלט. איך פיל אַ מין בלינדקייט, וואָס איז גוט און אנגענעם. איך האָב אָבער ניט מורא מער. איך ווייס: דער באַרג וואָלט ניט געווען קיין באַרג, ווען ניט דער אָפּגרונט. און דער אָפּגרונט, וואָלט ניט געווען קיין אָפּגרונט, ווען ניט דער באַרג... איך ווייס איצט, אַז ערגעץ איז פאַראַנען איינער, וואָס וואָלט געוואָלט אַ טרונק טאָן פון מיין האַרץ ווי פון אַ בעכער דעם ברענענדיקן וויין, און ער האָט מורא... שכור צו ווערן. און ווען איך טראַכט פון דעם בעכער, דערמאָן איך זיך אָן מיינע קינדער יאָרן, אָן מיין זיידן, ווי ער פלעגט מאַכן קידוש, ווי ער פלעגט האַלטן דעם זילבערנעם בעכער וויין אין זיינע ציטערדיקע הענט און די רויטע ריטשקעלעך האָבן זיך, ווי בלוט געצויגן אַראָפּ אויף דער דלאָניע. איך טראַכט איצט, אַז... איך וואָלט געוואָלט, אַז מיין האַרץ זאָל זיין דער בעכער אין אייערע הענט, און דער בעכער, אַנשטאָט וויין, זאָל זיין אָנגעפילט מיט מיין בלוט ביזן ראַנד... און רויטע ריטשקעלעך זאָלן רינען אויף אייערע הענט. אַך... וואָס פאַר אַ געדאַנקען און בילדער עס קומען צו מיר. ס'איז אפשר דערפאַר, ווייל איך פיל, אַז מיין האַרץ איז איבערגעפילט מיט בלוט־וויין און איך וויל, אַז איר זאָלט קידוש — — —

מיר דאַכט, אַז איך טאָר ניט שרייבן אַז איך מוז ווערן די וועכטערין פון מיין וואָרט.

נעכטן האָט מיר מיינער אַ פריינט געבראַכט אַ הונט. ער האָט גלייך גענומען לאַשטשן זיך צו מיר. האָב איך געטראַכט וועגן דעם. געוואָלט וויסן צי טוט עס דער הונט באַוואוסטזיניק, צי איז דאָס אַ נאַטירלעכער, אינסטינקטיווער אימפּולס צו לאַשטשען זיך צו מענטשן. צי אפשר איז דאָס גאָר אַ געפיל פון מורא פאַר דעם העכערן, פאַר דעם גייסטיקן, אָט אַזוי ווי חניפה ביי מענטשן. איך האָב געטראַכט, אַז אפשר וועט איר נאָך מיין ערשטן בריוו טראַכטן וועגן מיר, ווי איך האָב געטראַכט וועגן הונט. און איצט, שרייבנדיק דעם צווייטן בריוו — וואונדערט זיך ניט וואָס איך קום אַזוי נאָענט צו איך מיט מיין האַרץ און מיט מיינע ווערטער. טאַקע דערפאַר ווייל איך ווייס ווי העכער איר שטייט איבער מיר, טאַקע דערפאַר ווייס איך אַז איר וועט פאַרשטיין מיין יונגפרויעשן, צאַרטן און בלויען פלאַם. טאַקע דערפאַר האָב איך געוואָגט צו זען זיך אַלס העלדין, זאָל זיין כאָטש אין אייער נאָוועלע.

מיר דאַכט, אז ווען איך בין איצט ווי מיין הונט, וואָלט מיר געווען בעסער. איך וואָלט אפשר דערשמעקט וואָס 'איז פאַר מיר גוט און וואָס שלעכט, וואָס אויפריכטיק, און וואָס פאַלש. איך פאַרענדיק שוין. און מיר דאַכט זיך איך קאָן זען ווי איר קוקט אינדערוויטנס און איר פרעגט זיך: וואָס וויל זי די לייענערין מיינע פון מיר? — נו — טאָר איך דען ניט זיין,

דאָס בוך איז פון דער
איקוף ביבליאָטעק

וואָס איך בין? אוןריידן ווי איך פיל? טאָר איך טאַקע ניט? — — — —
אייערע (אַ־יאָ? ווי גילדא אין דער באָוועלע)

ניוניא.

איך שיק אייך מיינע לידער. זייט ניט צו שטרענג. און... מיין פּאַטער לייענט ניט מיינע בריוו. צו וואָס?

מיין ליבער דיכטער א. באַרג:
אונדזער בריוונטרעגער איז אַ שלעכטער מענטש. איך וואַרט אויף אים יעדן טאָג אינדערפרי און בייטאָג, און ווען איך דערזע אים, הויבן אָן ציטערן מיין האַרץ און מיינע הענט. ער קוקט אָבער ניט אפילו אין מיין זייט. איך גיי יעדן טאָג אַרויס מיט לעאָנען אויף דער סקאַלע. ס׳איז אָבער טריב אַרום, און די כוואַליעס אונטן ברומען אַזוי בייז, און די שוים אויף זיי, ווייזט זיך מיר, איז ווייסע בריוו. שטרעק איך מיינע הענט צו זיי — פאַרשווינדן זיי.
מיין הונט ליגט איצט ביי מיינע פיס. איך וואָלט אַזוי געוואָלט וויסן וועגן וואָס ער טראַכט. איך בין אַזוי צוגעבונדן איצט צו אים. מיר דאַכט, ער פאַרשטייט מיך ווען איך רייד צו אים. זיינע אויגן זיינען גרויס — גלאַנצן ווי בורשטין. איך האָב היינט געשפּילט פאַר אים סיבעליוסעס אַ סאַגאַ. האָט ער געציטערט. מיר זיינען אַזעלכע גוטע פריינט און איך ווייס ניט וואָס עס פאַראייניקט אונדז. אפשר דערפאַר, ווייל עס איז אַ שטומע פריינדשאַפט, ווייל עס שטערן ניט קיין ווערטער, ווייל עס פעלט דער ציל, דאָס מענטשלעכע און איבערמענטשלעכע, ווייל עס בעמט אונדז אַרום נאָר דאָס אומפאַרשטענדלעכע, דאָס אוראַלטע, דאָס אינסטינקטיווע געפיל פון צוויי באַשעפענישן, וואָס ווילן געלאַשטשעט ווערן.

ניוניאַ.

ליבער קאָלעגע ש. לאַמעד:
איך בין אייך שולדיק אַן ענטפער אויף אייער לעצטן בריוו. עפּעס שרייבט ניט לעצטנס. אָבער אַ פּאָר שורות דאָ און דאָרט רייס איך פאָרט אַרויס פון זיך. עס איז שוין צייט געווען צו ענטפערן אייך און אויך ניוניאַן אויף אירע לידער. (ניוניאַ, אין פּאָעזיע, ווי אין מוזיק, זיינען פאַראַן אַזעלכע אומזיכטבאַרע שטאַפּלען, וואָס פירן צו די געהיימנניספולע לאַברינטן פון דער נשמה, אין דער אומענדלעכקייט פון פרייד און אין דער טיפעניש פון צער. איך בין דיר נאָכגעגאַנגען, ווי אַ ווייסן ליכ־טיקן שאָטן, טרעפּ אַרויף און טרעפּ אַראָפּ... אין לאַבירינט...)
שרייבט אַמאָל אַ בריוול, ליבער לאַמעד.

מיט פריינטשאַפט, אייער

א. באַרג.

זייער געערטער דיכטער א .בארג:

ס׳איז שוין פיר וואָכן פון זינט מיר האָבן דערהאַלטן אייער קורצן, אָבער... שטימונגספולן בריוו. יעדנפאַלס, איך האָב געפילט, ווי עס ווייעט פון די שורות מיט טריבקייט, אַזאַ טריבקייט, וואָס קומט ווי פון וואָלקנס אין אַ האַרבסט טאָג. עס האָט זיך מיר גלייך געוואָלט שרייבן אייך און אויב מעגלעך פאַרטרייבן די מרה שחורה, האָב איך אָבער אַ טראַכט געטאָן, אַז אַט די שטימונגען זיינען אפשר די מעכטיקע פייגל, וואָס טראָגן אייך צו די ווייטע הויכקייטן און ... אויך איצט טאָר איך ניט אפשר שרייבן צו אייך. דאָך ... איך האָב צום הונדערטסטן מאָל איבערגעלייענט אייערע בריוו צו מיר און יעדע שורה האָט מיר געזאָגט: מעגסט. און אַזוי בין איך געהאַנגען צווישן הימל און ערד אויף פאַרצווייפלטע צוויפלונגען ווי אויף דינע זיי־דענע האָר און אַזוי הענג איך אויך איצט. עפּעס אַ האַנט ווייס איך, קאָן מיך ווי אַ ליאַלקע אַרויפשלעפּן און אַנידערשטעלן אויף אַ פעסטן באָדן (אויף דעם הויכן באַרג אפשר) און די זעלבע האַנט קאָן אויך פאַנאַנדערלאָזן די פינגער און לאָזן מיך פליען אין דער טיפעניש פון כאַאָס. און איך האָב מורא פאַר כאַאָס. אָה, איך האָב מורא... איך רייד דאָ אָפּט מיט מיינע באַ־קאַנטע וועגן אייך, אָבער ליידער קאָן איך דאָ קיינער ניט,אַפילו אייער נאָמען ניט געהערט. נו, זיינען דאָך פאַראַן נאָך אַ סך גרויסע דיכטער און פילאָזאָפן אין אַלע לענדער און אין אַלע צייטן, וואָס זיינען ווי פייער־דיקע מעטעאָרן און פלאַנעטן צווישן מיליאַנען שטערן און קיינער האָט זיי נאָך ניט אַנטדעקט אַפילו דורך די שטאַרקסטע טעלעסקאָפּן. אָך, איך וואָלט געוואָלט האָבן אַ טעלעסקאָפּ אַזאַ, דורך וועלכן איך זאָל קאָנען אַ קוק טאָן אויף אייך. מיין פאָטער, פונקט ווי איך קאָן אייך זייער גוט, אָבער נאָר אייער גייסט אין דער פריזמע פון אייער קונסט. אָבער פון וואָס פאַר אַ געשטאַלט שטראָמט אייער געדאַנק און גייסט? זענט איר הויך? זענט איר טונקל? זיינען אייערע אויגן בלוי? זיינען אייערע ליפּן דין? אַנטשול־דיקט מיינע פראַגן, ס׳איז — איך וואָלט געוואָלט עס זאָל געשען אַזאַ נס מיינע געדאַנקען זאָלן קומען אַזוי קלאָר און נאָענט צו אייך, ווי זיי קומען צו מיר פון מיר. איך וויל איר זאָלט ויסן.. וויסן.. ווען איר שוין טאָקע מער ניט שרייבן צו מיר?

ניוניא.

מיין ליבע ניוניא.

ביי אונדז ציוויליזירטע מענטשן איז דאָס האַרץ געוואָרן דער סימ־באָל פון דעם עמאָציאָנעלן, פון דעם נשמהדיקן. דער קאָפּ אָבער, דער מח אין וועלכן עס האָבן זיך געמאַכט נעסטן געדאַנקען — פויגלען, וואָס טראָגן אין דער וועלט אַריין דאָס גייסטיקע, — דער מח איז קיין סימבאָל ניט גע־וואָרן. ווייזט אויס, אַז דאָס האַרץ איז דאָס חשובסטע און דאָס בעסטע אין מענטשן... וואָלט גוט געווען, ווען אַן אָדלער וואָלט עס אַרויסגעריסן פון

מיין ברוסט און, אַ טריפנדיקס מיט בלוט געטראָגן עס צו דיר אַ מתנה. אָבער פאַרוואָס האָב איך זיך פלוצים דערמאָנט אָן האַרץ? ס'איז, גלויב איך, גאָר ניט מיין טבע. ס'וועט אפשר זיין אַ ליגן, ווען איך וועל זאָגן, אַז דאָס האַרץ איז דאָס טייערסטע אין מיין וועזן. ניין, ניט מיין האַרץ איז דער סימבאָל אין מיר,, מיין מח און די געדאַנקען — פייגל פליען העכער פון מיינע עמאָציעס. זיי זיינען שטאַרקער און מעכטיקער. דערפאַר ווילט זיך מיר, אַז זיי זאָלן מיט זייערע שאַרפע בעגל אַרויסרייסן פון מיין האַרץ דאָס שטורמדיקע, פולסירנדיקע, דאָס קלעמענדיקע און צעפייניקטע און אַוועקטראָגן צו דיר, מיין אומבאַקאַנטער און נאָענטער פריינט. ס'איז אָבער פאַראַדאָקסאַל: — ווען זיי רייסן עס פון מיר, קעמף איך און לאָז ניט. ווייזט אויס, אַז איך בין אַ פייגלינג. און אפשר איז דאָס דער חלום. די אילוזיע, וואָס זאָגט: "מ'דאַרף ניט, איך בין מעכטיקער און שטאַרקער, ווי די רעאַליטעט. און אויב ניט מעכטיקער, קאָן איך דיר דאָך געבן דאָס זעלביקע. אַ סימן האָסטו — איך הערש איבער דיר. איך טרייב דיין פולס, איך שטורם דיינע געפילן, איך דערהויב דיך און איך אינספּירירט דיך, און מאַך דיך בענקן און ציטערן פון פרייד... ס'איז דאָסזעלבע, אָן דער נאָענטקייט פון פלייש און בלוט".

ניוניאַ... ניוניאַ... דו וואָלסט געוואָלט דיינע ווערטער זאָלן קומען נאָקעטע צו מיר, איך זאָל זיי פאַרשטיין. זיי זיינען געקומען און איך פאַרשטיי. און איך — איך וואָלט געקאָנט אַזוי לייכט אַרויסשיקן זיי צו דיר, אויסגעשטעלטע ווי סאָלדאַטן. דרייסטע וואָלטן זיי אַריינגעמאַרשירט אין דיין האַרץ מיט בלאַנקע שאַרפע שווערדן. ווייס איך אָבער, אַז איך וועל עס ניט טאָן. ווייל, ווי איך האָב שוין געזאָגט: ס'איז איצט קלאָר פאַר מיר, — צייט מיינט גאָרניט, — אַבסאָלוט גאָרניט. אָט — איך האָב דיך ניט געזען, ניט באַרירט, ניט געפילט די וואַרעמקייט פון דיין בלוט, ניט איינגעאָטעמט דעם ריח פון דיין לייב, ניט באַלויכטן געוואָרן פון דיינע אויגן און ניט געהערט די מעלאָדיעס דיינע אויסגיסן זיך פון אונטער דיינע פינגער, — און דאָך ביזטו אַזוי רעאַל, אַזוי נאָענט... ווייזט אויס, אַז פּלאַטאָ איז געווען גערעכט. און ס'ווייזט אויס, אַז דער חלום, די אילוזיע איז שטאַרקער פון דערווירקלעכקייט; זי שאַפט אָפּ אַלע גרענעצן. נו, זאָל איך צעררייסן איצט דעם אויסגעוועבטן חלום? זאָל איך אַ זאָג טאָן צו דיר און צו זיך אַליין: קוק! קוק! עס רייט אַ סקעלעט אויף אַ שוואַרצן פערד צום ברעג פון באַרג... איין שפּאַן, — און ס'וועט ניט זיין מער באַרג. ס'וועט ניט זיין מער דער כישוף־רינג. צי זאָל איך ווייטער לאָזן דעם אומבאַגרייפלעכן, מיסטעריעזן און וואונדערבאַרן כח טראָגן אונדז אין גייסט־באַהעפטונג? ווי לאַנג? ווי לאַנג? האָב איך שוין טאָקע אין דער אילוזיע פאַרלאָרן דעם חוש פון גרויזאַמער לעבנס־דערפאַרונג און... ציניזם? צי איז די רגע פון געגוס מעכטיקער פון באַוואוסטזיניקן אַנאַליז? יאָ.אין דער רגע, ווייזט

אויס, ליגט אפט די אייביקייט. און זאל זיין די אייביקייט בלויז אין דער רגע, וויל איך די רגע. איך האב דיך ליב ניוניא, מיין ניוניא. איך וועל דיך נעמען אין מיין מח־נעסט און איך וועל דיך לאשטשען. און דו וועסט ווערן די פרוי אין מיין נייער שאפונג. און אונדזערע בריוו... שיק זיי מיר צוריק אויב דו ווילסט, די בריוו, וואס כ׳האב געשריבן צו דיר און צו דיין פאטער. איך וועל זיי פארפלעכטן מיט מיינע און וועל ציען פון זייערע שורות פעדים פאר א נייעם חלום — א חלום אויף וויסן פאפיר. איך ווייס, ס׳איז אפשר גרויזאם צו פאדערן עס פון דיר. איך זאג דיר אבער צו: דו וועסט זיי צוריקקריגן מיט דער צייט . . .

א. בארג.

ליבער א. בארג:

איך שיק אייך די בריוו צו מיר און צו מיין פאטער, ווי איר פארלאנגט. ס׳איז מיר אבער שווער דורכצודרינגען דעם נעפל פון דער מיסטעריע, הינטער וועלכער עס שוועבן אייערע מאדנע שטימונגען און געדאנקען. עס שרעקט מיך עפעס און איך ווייס ניט וואס. איך ווייס שוין ניט איצט וואס עס איז חלום און וואס עס איז װאר. שיקט מיר כאטש א פונק... בלויז א פונק . . .

ניוניא.

ליבער דיכטער א. בארג:

זעקס וואכן האב איך זיך געהאלטן אין מיינע הענט, ווי מ׳האלט א דינע וואזע. מיין הונט קוקט אויף מיר מיט טרויעריקע אויגן. ער לעקט מיינע הענט און קוקט פארוואנדערט אויף מיינע טרערן. אך, ווי איך בין אים מקנא! זיינע האר זיינען ווי זייד און זיין קערפער, ווייזט זיך מיר, ווערט צעגאנגען אונטער מיינע גלעטנדיקע פינגער. איך ווארט, און ווארט, און ווארט . . .

ניוניא.

ליבער דיכטער א. בארג:

דער חלום איז פארוואנדעלט געווארן אין א וואמפיר און ער זויגט מיין בלוט. שוין צוועלף וואכן. מיין פאטער קוקט אויף מיר מיט רחמנות און איך קאן עס ניט פארליידן. איך דארף ניט קיין רחמנות און קיין מיטלייד. איך פרעג זיך איצט אפט: אייגנטלעך, וואס איז געשען? און איך ענטפער זיך אליין: גארניט, בלויז אחלום... איז איבער א חלום, א חלום, וואס איז געווען אזוי זיס, צאנקט מען? ענטפער איך ווידער: א חלום איז פונקט אזוי טיף אומפארשטענדלעך ווי דאס לעבן. דער חלום, די אילוזיע איז אויסגעוועבט פון די זעלבע פעדים ווי דאס לעבן און איז פארבונדן א סך טיפער, טיפער איז די נשמה. און דערפאר ווייס איך ניט ווי אזוי צו פארנאנדערבינדן אים. אך, פארוואס לאזט איר ניט אייערע ווערטער ארויסמארשירן מיט זייערע בלאנקע, שארפע שווערדן . . . ניוניא

חשובער דיכטער א. באַרג:

צוואַנציק וואָכן שוין. איך וועל אייך ניט שרייבן מער . . .

ניוניאַ

אַט דאָס האָב איך איבערגעלייענט אין דעם בינטל בריוו פון בארגן צו ניוניאַן און פון ניוניאַן צו בארגן. מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער נאָך באַרגס טויט, אין אַן אָוונט, וואָס האָט געפלאַטערט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, מיט בלויע וואַלקן, האָב איך באַטראַכט די ערד אין אַ ווייטן שטעטל. די גערעך האָבן געשמעקט מיט אַקאַציע און די לבנה און איך האָבן איינגעאָטעמט די זיסע ריחות. מ׳האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטיבעלע. אַט דאָ וואוינט די ניוניאַ. אַט אַזוי האָב איך זיך טאַקע פאַרגעשטעלט איר שטיבעלע. אַ גאַניק, אַ פּאַליסאַדניק מיט אַ פאַרקנדל. אַפענצטער איז אָפן, און דאָס ווינטל שפּילט זיך מיט אַ ווייסן פאַרהענגל און שטילע טענער פון דער פּיאַנאָ טראָגן זיך געהיימניספול, אָנגעזאַפּט מיט טרויער.

און ווען איך האָב אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָב איך זי דערזען, ווי איך האָב זי אין מײַנע חלומות און אין אירע בריוו געזען. איך בין געשטאַנען אַ שווייגנדיקער און געקוקט אויף איר. האָט זי ווייזט אויס, דערפילט מײַנע בליקן און האָט אַ ציטער געטאָן. זי האָט אויפגעהערט שפּילן. אויפגעהויבן זיך, געקוקט אויף מיר פאַרוואונדערט אַ שווייגנדיקע.

—אַנטשולדיקט, — האָב איך געזאָגט. — איך האָב ניט געוואָלט איבעררײַסן אײַער שפּילן, באַרג . . .

— באַרג?... דער דיכטער באַרג? — איז זי בלייך געוואָרן און אין אירע אויגן האָט אַ ציטער געטאָן אַ פלאַם, ווי דער פלאַם פון ליכט. אירע ווייסע דינע הענט האָבן זיך אויסגעצויגן צו מיר. (זי האָט געמיינט ניוניאַ, אַז דאָס בין איך דער דיכטער באַרג).

—דער דיכטער באַרג האָט מיר אַ סך דערציילט וועגן אייך, — האָב איך פאַרענדיקט.

דער פלאַם אין אירע אויגן איז געוואָרן טונקעלער: — אה... וואו איז ער? — האָב איך קוים דערהערט אירע ווערטער. כ׳האָב ניט געענטפערט. איך בין געשטאַנען אַ ווײַלע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט ציטערדיקע הענט געגומען זוכן אין מײַן בוזים־קעשענע.

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם שטול. אויף די ליפּן אַ שמייכל...

— אַ בריוו . . .?

כ׳האָב איר דערלאַנגט דעם אויסשניט פון אַ צייטונג, וואו מיט גרויסע ווערטער אין שוואַרצן קעסטל איז געשטאַנען: ״דער דיכטער באַרג איז געשטאָרבן. אין עלטער פון זעכציק יאָר איז . . .״

די הענט אירע זײַנען מאַכטלאָז אַראָפּגעפאַלן אויף אירע קני און אי־

רע גרויסע אויגן, פֿאַרוואונדערטע, ניט־גלויבנדיקע, פֿאַרלאָפֿענע מיט טרערן, האָבן געקוקט אויף מיר, ווי זוכנדיק אָן ענטפֿער אויף אַן אומנאַטיר־לעכער, אומבאַגרייפֿלעכער געשעעניש.

— זעכציק יאָר . . . זעכציק יאָר . . .

אין אירע אויגן האָבן געצומען אויפֿלויכטן פֿונקען פֿון פֿאַרשטענדעניש און רחמנות און אירע ציטערדיקע פֿינגער האָבן זיך געצויגן צו אירע ליפּן אויף וועלכע אַ פֿאַרקרימטער און געהיימניספֿולער שמייכל האָט זיך גע־בראָכן אין געוויין.

מיסטער לעהן

דורך די גרויסע, הויכע, קרישטאַל־געשליפענע פענצטער האָט אַריינגעקוקט דער גרויער פאַרטאָג. דאָ און דאָרטן זיינען נאָך געלעגן שאָטנס; געלעגן רואיקע, וואַרעמע, ביי שיינע פאַרטיערן; געלעגן רואיק, ווייל קיינער איז דאָ ניט אַרומגעגאַנגען, חוץ, אפשר, דער דינסט לינאַ, וועלכע האָט אַרומגעשוועבט אויף די שפּיץ פינגער, ווי אַ ווייסער שאָטן.

זי האָט באַדאַרפט אַלעס צוגרייטן. מיסטער לעהן האָט ליב געהאַט, אַז אַלעס זאָל זיין צוגעגרייט אויף דעם טיש, ווען ער שטייט אויף. פון דעם פּערקאָלאַטאָר האָט זיך שוין געטראָגן דער זידנדיקער פּול־פּול און דער גערוך פון קאַווע. און אָרעדנזש־סאַק, און קיכלעך, און שווייצאַרישער קעז, איקרא מיט מאַסלינעס, און אַ פּאָר לויזע אייער, און פּוטער, און אַ ווייסע צענויפגעלייגטע סאַלפעטקע, און אַ צייטונג —אַלעס איז געשטאַנען, וואַרטנדיק אויף מיסטער לעהן׳ען.

דער זייגער האָט מעלאָדיש אויסגעקלונגען אַכט. לינא האָט געהערט ווי מיסטער לעהן וואַשט זיך אין באַד־צימער. ווען זי פלעגט הערן ווי ער וואַשט זיך, פלעגט ער איר דערמאָנען דאָס פּירקען פון דעם ״קאַשטאַן״ באַ איר טאַטן אויפן פאַרם. ״קאַשטאַן״ פלעגט אויך אַזוי פּירקען,, ווען ער האָט געטרונקען. אפשר פּירקעט ער אויך איצט.

עס האָט גענומען לאַנג, ביז מיסטער לעהן איז אַריינגעקומען, גייענדיק גיך, ווי וועלנדיק דערטראָגן וואָס. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, געפילט זיך גוט — אויסגערוט, אויסגעשלאָפן. די פּאַרע פון ראַדיאַטאָר האָט ווי צוגעשפּילט צו זיין גוטן געמיט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף לינאַ׳ן, אויף אירע גלאַט־פאַרקעמטע שווארצע האָר, אויף אירע ווייסע פינגער, מיט רויט־פּאָלירטע שפּיציקע נעגל. אָט אַזעלכע הענט זעט ער אַרום זיך אַ גאַנצן טאָג: דאָ אינדערהיים, און אין באַרבער־שאָפּ און באַ עוועלין, וואָס אַרבעט אין אָפיס און אין רעסטאָראַן באַ די ווייטערקעס — אומעטום, ציען זיי זיך צו באַדינען אים, אַזעלכע ווייסע, דעליקאַטע, געטאָקטע הענט... און יעדער מאָל, ווען ער טוט אַ קוק אויף זיי, גלוסט זיך אים צו דערפילן זייער גלאַטע וואַרעמקייט, זייער צויבערהאַפטן גלעט. אויך איצט, זופּנדיק די קאַווע, האָט ער געקוקט אויף לינאַ׳ס הענט און פון די הענט האָט ער איבערגעפירט זיין בליק אויף אירע אָרעמס, און פון די אָרעמס אויף איר ביוסט

— און ער האָט זי פאַרגליכן אין געדאַנק מיט זיין ווייב . . .

זי, די ווייב זיינע, ליגט דאָרט אין בעט אַ פוילע, אַ ווייסע ווי טייג, און אויף איר רויטן קאָפּ ליגן אירע אַנגעקרייזלטע האָר, ווי רעדעלעך; און דער קאָרק אירער איז מיט הויקערלעך, אָנגעפילט מיט פעטס — אָט, ווי די אָפּגעפליקטע פעטע גענדז, וואָס ער זעט אַמאָל אין די פענצטער פון בוטשער שאָפּס. גלוסט זיך אים טאַקע יעדן אינדערפרי, קוקן אויף לינאַ׳ס נאַקעטע אָרעמס. עס גלוסט זיך אים אָפט, אָט אַזוי אויפעפענען ברייט דאָס מויל און אַריינכאַפּן איר זיידן ווארעם לייב און איינבייסן זיך מיט פאַרגעביגן, אָט אַזוי, ווי ער בייסט זיך איין אין דעם וויכן, וואַרעמען בולקעלע מיט פוטער.

ער האָט געגעסן און געקוקט אויף איר, און געזופּט די קאַווע און געטריבן פון זיך די רייצנדיקע, תאווה׳דיקע געדאַנקען. צו וואָס? צו וואָס צערייצן זיך אינדערפרי?

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז היינט דאַרף ער דעם ״קאָטער״ בערמאַנען, מאַכן אַ שווארץ יאָר פאַר די איבערגעפּירטע גלאָזוס. ער האָט אָפּגעגעסן און איז אַרויסגעגאַנגען פון הויז. דער פרימאָרגען איז געווען אַ פרישער. דאָס הויז שטייט כמעט באַם ברעג פון ים. ס׳איז גוט. דער אויטאָמאָביל אין גאַראַדזש שטייט אַ בלויער, אַ ריינער, אַ בלישטשענדיקער — און וואַרט; ווי אַ געהאָרכזאַמע דרעסירטע חיה. פאָרט ער איבער די גאַסן; בלייבט געהאָרכזאַם שטיין, וואו מען בעדאַרף; ברומט און קוקט מיט גלעזערנע אויגן.

די פעקטאָרי שטייט אין סאמע צענטער פון ביזנעס געגנט. די געביידע — אַן אַלטע שוין, אַ פאַררויכערטע און אַ פאַרשווארצטע. אַרום איר שטייען אָבער הויכע גיגאַנטן־הימלקראצערס און דער טומל אַרום איז גרויס. עס ברומט און עס גרילצט, און עס שרייט מיט טויזנטער קולות, שרייט מיט מעטאַלענעם געשריי און סאָפּעט שווער מיט פאַרע: פוף... פוף!... פוף!... פוף!

נאָכדעם ווי מיסטער לעהן האָט אַריינגעפירט דעם מאַשין אין גאַראַדזש, וואָס איז געווען ניט ווייט פון דער פעקטאָרי, האָט ער זיך געלאָזט גיין מיט שנעלע טריט צו דער געביידע. ער האָט געוואוסט, אַז דער נעגער, וואָס איז געשטאַנען באַ דעם עלעווייטאָר, האָט געשמייכלט צו אים, ער האָט אָבער ניט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַ קוק צו טאָן. עס ווייזט זיך אים שטענדיק אויס, אַז דעם נעגערס ווייסע ציין וועלן אַמאָל ווי באַ אַ הונט פלוצים אַ שטשירע טאָן, אַ קנאַק טאָן און וועלן זיך איינבייסן אין זיין אויער אָדער אין דער נאָז. ער ענטפערט אים קיינמאָל ניט אויף דעם ״גוט־מאָרגן״. ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל פרובירט אַ בורטשע טאָן עפּעס אַ וואָרט וואָס זאָל זיין ענלעך צו ״האַלאָ״ צו ״גוט מאָרגן״, — ער טוט עס אָבער מער ניט. דער נעגער זאָגט עס אים טאָג איין, טאָג אויס, ער בליש־

טשעט מיט די ציין, אַט... ווי די מעשענע טיר... נו, וואָלט ער דען געזאָגט האַלאָ צו דער טיר? ס'איז שוין געוואָרן אַ געוואוינהייט אַזאַ באַ אים: זען אַלעס — און ניט זען; הערן אַלעס — און ניט הערן; טראַכטן זיך זיינע אייגענע געדאַנקען — און דאָס אַרומיקע זאָל טאָן זיינס: שמייכלען, עפענען טירן פון דעם עלעוויטאָר, זאָגן "גוט מאָרגן" — געהאָרכזאַם, געטריי, פּינקטלעך, ווי די מאַשין וואָס שטייט אין גאַראַדזש.

פיר מיידלעך זיצן אין אָפיס און אַרבעטן. ער קומט אַריין שווייגנדיק — שווייגן זיי אויך. נאָר עוועלין שמייכלט צו אים: "גוט מאָרגן"... אירע ליפּן זיינען אָנגערויט, דאָס פּנים — אַ בלאַס, די אויגן מיט לאַנגע וויעס, און אונטער די אויגן שוואַרצע פּאַסן, שלאָפט וויניק, מסתמא. טראָגט אַ ווייסע בלוזע פון וועלכער עס זעען זיך אירע דאַרע, שפּיציקע אַקסלען און קליינע, גאָר קליינע בריסטלעך. יעדן פרימאָרגן טרעפט ער זי אַזוי באַם טאַיפּראַיטאָר, גלייך ווי זי איז גאָר קיינמאָל ניט אַוועקגעגאַנגען. זי טראָגט אים אונטער אַ בינטל טשעקס, אָנגעקומענע און אַזעלכע, וואָס ער דאַרף אונטערשרייבן. רוקט ער אַרויף אַביסל דעם מאַנדזשעט, באַטראַכט יעדן טשעק באַזונדער, אויפמערקזאַם און שרייבט אונטער זיין נאָמען לאַנגזאַם, קייטלענדיק יעדן אות אין צווייטן מיט רודע קאַליגראַפישע ליניעס.

אין דעם טאָג אויך אַזוי. עוועלין שטייט לעבן זיין שרייב־טיש, קוקט ערגעץ און כאַפּט בגנבה אַ גענעץ, אָנשטרענגענדיק זיך צו גענעצן מיט אַ פאַרמאַכטן מויל. האָט ער עס באַמערקט. באַמערקט אַפילו די טרערן אין די אויגן — פון אָנשטרענגונג. ער האָט געוואוסט, אַז די מוטער אירע איז קראַנק אַ שווינדזיכטיקע. געוואוסט, אַז זי ליגט שוין דריי חדשים אין בעט און אַז זיי לעבן אויף דעם געהאַלט וואָס עוועלין מאַכט באַ אים. יעדן אינ־דערפרי, לעצטנס, זעט ער זי גענעצן, ווייסט ער שוין, אַז זי איז אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט באַ דער מוטערס בעט. יעדנפאַלס אַזוי זאָגט זי—טראַכט ער. און מעגלעך, אַז די גאַנצע מעשה מיט דער מוטער איז גאָר אַ בלאָף. אַט האָט זי ווידער אַ גענעץ געטאָן. עס דענערווירט אים, ניט אַזוי איר גענעצן, ווי די געדאַנקען וואָס נעמען קריכן אין קאָפּ אַריין. אַט האָט זי אים צוגע־טראָגן אַ בינטל בריוו און טשעקס. זי האָט זיי געהאַלטן אין אירע הענט, גע־גלעט, געפּרעסט... ווער ווייסט, אפשר האָט זי מיט זיך מיטגעבראַכט אויף אירע הענט די... ווי רופט מען זיי... מיקראָבן פון איר מוטער? ווער ווייסט, מ'קאָן דען זיין זיכער?

ער האָט אַרויסגענומען אַ סיגאַר פון קעסטל און געוואָלט פאַררויכערן. געהאַלטן דעם סיגאַר אין דער האַנט, געדרייט אים הין און הער... אַ קוק געטאָן פון אונטער די אָנגעכמורעטע ברעמען אויף עוועלינען און פּלוצים אַוועקגעלייגט דעם סיגאַר אין אַ זייט. אויפגעהויבן זיך און געלאָזט זיך גיין אַ בייזער וואַשן די הענט. געטראַכט: די בעסטע זאַך וואָלט געווען אַוועק־
גענומען [illegible] . . .

ער האָט זיך געלאָזט גיין צום צווייטן שטאָק פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן דאָס קלאַפּן און דאָס זשומען פון די מאַשינען. געקוקט אַראָפּ, גע־וואוסט, אַז ווען ער וועט אַרויפקומען, וועלן אַלע מיטאַמאָל אַ ציטער טאָן, ווי פון אַן עלעקטרישן שאָק... און צענדליקער הענט וועלן פּלוצים אַ פלי טאָן און קיינער וועט אַפילו ניט אויפהייבן דעם קאָפּ אַ קוק צו טאָן אויף אים.

דער קאַטער בערמאַן איז אַנטקעגען געקומען, האָט ער זיך אַוועקגע־דרייט פון אים. אַ טראַכט געטאָן, אַז ער דאַרף אים איצט איגנאָרירן דעם בערמאַנען. זאָל ער וויסן, בערמאַן, אַז ער, מיסטער לעהן, איז ברוגז, נייך, טאַקע בייז. ווייל אַ מאַן, וואָס מאַכט אַ לעבן דאָ באַ אים פאַר די לעצטע צוועלף יאָר, אַזאַ מאַן דאַרף שוין וויסן, אַז מ׳דאַרף זיין פּאַרזיכטיק, אַז אַזעלכעס . . . .

דער קאַטער איז אים נאָכגעגאַנגען, האָט ער גענומען גיין שנעלער. בערמאַן איז געבליבן שטיין אויף אַ ווײַלע מיט אַן ענטוישטן, צעווויי־טיקטן פּנים און ווידער אַ לאָז געטאָן זיך נאָך אים. האָט לעהן גענומען גיין נאָך שנעלער, און געטראַכט, אַז איצט וואָלט ער פּלוצים באַדאַרפט בלייבן שטיין. ווייל, אייגנטלעך, ווייל ער דאַרף אים זאָגן וואָס פאַר אַ פּאַרטאַטש־נע דזשאָב ער האָט געמאַכט. ער וויל דאָך און ער וועט עס אים זאָגן אַזוי, אַז ס׳זאָל אים ווערן פינצטער אין די אויגן... בערמאַן האָט טאַקע באַדאַרפט נאָכלויפן, — איצט אָבער דאַרף מען בלייבן שטיין .האָט ער זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט און פונקט אין דער רגע, ווען בערמאַן איז ווידער אָנגעלאָפן. פון דעם אומדערוואַרטעטן מאַנעוור האָט זיך בערמאַן אָנגעשלאָגן אָן אים און דאָס האָט לעהנ׳ען נאָך מער צעבייזערט.

— וואָס לויפט איר יענעם אויפן קאָפּ, צו אַלדע שוואַרצע יאָר! — האָט ער זיך צעשריגן.

— ענטשולדיקט... — האָט זיך בערמאַן כמעט איינגעהויקערט אונ־טער לעהנ׳ס בליקן. — איך האָב אייך . . .

— איך האָב אייך... איך האָב אייך... האָט לעהן גענומען איבערקרי־מען, — וואָס האָט איר מיר?! איר האָט מיר אַ תל געמאַכט פון אַ גאַנצן לאָט סחורה, אָט וואָס איר האָט מיר! איר זענט אַ קאַליקע, אָט וואָס איר זענט!

בערמאַן האָט מיט אַמאָל אויסגעגלייכט די איינגעהויקערטע פּלייצע און זיינע בלייכע ליפּן האָבן אַ ציטער געטאָן:

— מיסטער לעהן... איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין נישט קיין קאַלי־קע. עס טרעפט זיך אַמאָל... מ׳מאַכט אַ טעות . . .

— יאָ, יאָ... אַ קאַליקע זענט איר! — האָט זיך לעהן צעשריגן. עס האָט זיך אים געוואָלט, אַז אַלע זאָלן הערן, ווי ער שרייט אויף דעם קאַטער. — יאָ, יאָ... אַ קאַליקע! איר דאַרפט אינזינען האָבן פון וועמען און פון וואָס איר מאַכט אַ לעבן!...

— אָ, מאַכט מיך ניט גליקלעך! — האָט זיך שוין בערמאַן אָנגעצונדן!

— אָלרייט! אָלרייט! ניט מאַכן אייך גליקלעך — איז אויס! גייט אייך צו אַלדע... יאָר! אויס! אויס! פו!

— אָלרייט, איז אויס... — האָט בערמאַן שוין שטילער געענטפערט און די ליפּן זיינע האָבן נאָך מער גענומען ציטערן.

לעהן האָט גענומען לויפן די טרעפּ אַראָפּ, אַריין אין אָפיס און פון דעם אָפיס אין זיין פּריוואַטן צימער. אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר, אַ זעץ געטאָן מיטן פוס דעם שטול און אַ נידערגעזעצט זיך סאַפּנדיק שווער.

נאַ! איצט האָט ער אים געזאָגט ער זאָל גיין און ער וויל ניט אַז ער, בערמאַן זאָל גיין... ווייל... ווייל ער ווייסט שוין גוט זיין דזשאָב... ער ווייסט שוין גוט דער... בערמאַן... נאַ!... באַדאַרפט זיך אַביסל קאָנטראָלירן, טאַקע אָנשרייען, אָבער ניט אָנרופן אים קאַליקע... איצט, טאָמער גייט ער אַוועק, וועט ער אים נאָך דאַרפן צוריק רופן. אַ שיין פּנים וועט עס האָבן... פו!

אָפּגעאָטעמט, געכאַפּט אַ בליק אויף דער וואַקסענער קינסטלעריש־מאָדעלירטער האַנט, וואָס איז געלעגן אויף דער ביוראָ, האָט ער זיך דער־מאָנט אין לינאַ'ן און גענומען גלעטן די האַנט: לינקאַ... לינקאַ . . .

עוועלין האָט ווידער אַריינגעבראַכט אַ פּאַק בריוו און אָרדערס, האָט זיך די שטימונג באַ אים געביטן אַ ביסל צום גוטן, אָבער גלייך דערמאָנט זיך אָן בערמאַנען: אַך... פו.. פו.. פּאַסקודניאַק . . .

אויפגעהויבן זיך, געגאַנגען איבערן צימער הין און צוריק, ווידער אַנידערגעזעצט זיך, אַרויפגעלעגט די הענט אויפן בויך, אויסגעשטרעקט די פיס און פאַררויכערט דעם סיגאַר.

— גאָד־דעם־איט! פּאַסקודניאַקעס . . .

דער אָנבייס אין רעסטאָראַן איז געווען אַ געשמאַקער, אָבער די שטימונג זויער — בערמאַן איז טאַקע אַוועק.

ער איז צוריקגעקומען אין אָפיס מיט דעם באַשלוס ניט צו נעמען זיך צום האַרצן... נאָך גענוג קאַטער'ס פאַראַנען, דאַנקען גאָט, נאָך גענוג...

אַנידערגעזעצט זיך אויפן שטול און צעשפּילעט די הויזן. יעדעס מאָל נאָכן עסן דאַרף ער פאַנאַנדערשפּילן דעם גאַרטל. ניט ווייל ער האָט זיך אַזוי שטאַרק אָנגעגעסן, נאָר ווייל ער קאָן ניט ליידן קיין שום דרוק אויף זיין לייב.

דער דאָקטאָר האָט אים אפילו געוואָרנט, ער זאָל זיך היטן ניט ווערן צו פעט. ער דאַרף מאַכן איבונגען. און ער ווייסט עס אַליין אויך. יעדעס מאָל, ווען ער נעמט אַ באָד, בלייבט ער שטיין קעגן גרויסן שפּיגל און קוקט אויף זיין נאַקעטן בויך, ווי ער שטעקט אַרויס אַזאַ קיילעכדיקער, ווי אַ באַלון. נו, האָט ער פּרובירט אַ שטיק צייט צו מאַכן איבונגען, האָבן אים אָבער דערנאָך ווי געטאָן די קרייזשעס, און די פיס, און די הענט און

אפילו דער בויך. ער איז ניט געוואוינט צו בויגן זיך, אָנשטרענגען זיך; עסט ער אַביסעלע וויניקער — דאָס אַלץ.

לעהן איז שוין כמעט אַנדרימלט געוואָרן. יעדן טאָג, ווען ער קומט צוריק פון רעסטאָראַן כאַפּט ער אַ דרימל. און עוועלין וויסט שוין, אַז מ'טאָר אים ניט שטערן. איצט אָבער האָט ער געהערט, ווי עס קלינגט דער טעלעפאָן און עוועלין ענטפערט שטיל, קוים וואָס מ'הערט זי. דער טעלע־פאָן קלינגט עפּעס היינט מער ווי אימער. פונקט היינט, ווען עס איז אים אַזוי פּאַסקודנע אויפן האַרצן און ס'האָט זיך אים געוואָלט אָפּרוען די נערוון. ער וועט שוין היינט ניט דרימלען. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. שוין באַלד דריי. דערזען פּלוצים דעם פאַרמאַן בא דער טיר.

אפשר— וועט איר, מיסטער לעהן, אַרויפקומען... מ'דאַרף שניידן די לעדער, וועל איך שניידן... איך וויל אָבער, אַז איר זאָלט אויך זיין דערביי...

— יאָ, יאָ... שור וועל איך זיין דערביי. — האָט לעהן גענומען פאַר־שפּילן די הויזן. נאָכגעגאַנגען דעם פאַרמאַן אַן אַנגעשטרענגטער און אַ צעקנייטשטער.

ווען ער איז געשטאַנען באַם טיש און געקוקט ווי דער פאַרמאַן שניידט די לעדער, האָט זיך אים פּלוצים פאַרגלוסט אַ כאַפּ צו טאָן די מאַשינקע און אַליין נעמען שניידן, און זאָלן זיי זען, די פּאַרטאַטשעס, אַז לערנען דאַרף מען זיך נאָך בא אים. ער האָט זיך אָבער באַרעכנט — ניין, עס האָט גענוג יאָרן גענומען ביז ער האָט זיך דערהויבן איבער זיי, זיי זאָלן דאַרפן אַרויפקוקן צו אים, זיי זאָלן אים דערזען אַן אַנדערן, אַ וויכטיקערן; אַז ער וועט אַראָפּוואַרפן דעם ראָק און וועט נעמען שניידן, וועלן זיי נאָך ווי־דער אַמאָל דערזען אין אים דעם אַמאָליקן שוסטער לעוווען. ניין, ער וועט בעסער בלויז צוקוקן ווי דער פאַרמאַן שניידט. איז ער געשטאַנען אַזוי אַ לאַנגווייליקער און אומגעדולדיקער, קוקנדיק ווי דער פאַרמאַן מעסט אַזוי פּאַוואָלינקע און קוקט זיך איין אַזוי פּאַרזיכטיק און קיצלט די לעדער מיטן קרייט אַזוי לאַנגזאַם, לאַנגזאַם. און פון דעם שטיין און איינקוקן זיך האָבן אים באַשלאָגן אַנגסטן... אוף!... ער האָט קוים געאָטעמט.

— גוט... גוט!.. אַזוי וועט זיין גוט.. — האָט ער אַזאָג געטאָן שנעל און געלאָזט זיך לויפן מיט די טרעפּ אַראָפּ צוריק אין אָפּיס ער האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט אין שטול און געפּילט, אַז ער דרימלט איין.

אויפגעוועקט האָט אים דאָס פּייפל פון דער פעקטאָרי — אַ הייזעריק פּייפל. אין מויל איז געווען טרוקן און דאָס גאַנצע לייב איז געווען שווער און קלעפּיק. ער האָט אַרויסגענומען אַ סיגאַר און האָט פאַררויכערט. אַריינגעגאַנגען אין אָפּיס. די מיידלעך אין אָפּיס האָבן זיך שוין געגרייט אַהיים צו גיין. נאָר עוועלין איז נאָך געזעסן אויף איר פּלאַץ. זי גייט שטענ־דיק אַוועק די לעצטע. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר איינגעפאַלענער ברוסט און אַ טראַכט געטאָן, אַז זי נעמט אים ניט... עפּעס האָט ער גאָר

קיין חשק ניט צו איר... ווער ווייסט, אפשר טראָגט זי אויך מיט זיך איר מו־טערס קרענק.

אַלע זיינען שוין אַהיים געגאַנגען. נאָר דער פּאָרמאַן איז נאָך גע־שטאַנען און געוואַרט אויף אים. און ער האָט געוואוסט צוליב וואָס דער פּאָרמאַן וואַרט. ער וויל, דער באָס זאָל אים זאָגן, אַז ער, דער פּאָרמאַן זאָל אָפּרופן בערמאַנען. פילט ער ,ווי דאָס לייב ווערט אים נאָך שווערער און ער אי זבייז אויף דעם פּאָרמאַן... פאַרוואָס פרעגט ער אַליין ניט, צו אַלדע רו־חות! פאַרוואָס וואַרט ער?!

דער פּאָרמאַן פרעגט ענדלעך:

— נו, און מיט בערמאַנען וואָס וואָס וועט זיין, מיסטער לעהן?

איז לעהן געוואָרן נאָך מער אויפגערעגט און האָט גענומען שרייען:

— נו, רופט אים! רופט אים! איר קאָנט זיך דאָך ניט באַגיין אָן אים, צו אַלדע שוואַרצע יאָר! רופט אים! אוף!... אוף! . . .

צום גאַראַדזש איז ער געגאַנגען צופוס. דער גאַראַדזשמאַן האָט אַרויסגעפירט צו אים דעם מאַשין. דער פאַרנאַכט איז געווען אַ קילער און קלאָרער. די מאַשין, האָט זיך אויסגעוויזן, שווימט מיט אין שטראָם פון שווייגנדיקע מאַשינען... דער וועג געפלאַסטערט ווי אַ טעפּיך — פאַר אים. די עלעקטרישע לאָמפּן די גרויסאַרטיקע וויטרינעס — פאַר אים; דער פּאָליסמאַן — פאַר אים; דאָס לעבן איז פאַר אים — פאַר אים . . .

ער האָט געמוזט בלייבן שטיין. אַ גרויסער עולם האָט בלאָקירט דעם וועג פּונקט באַם אַריינגאַנג צום סאָבוויי. אַן עולם און פּאָליסלייט. אַ געשלעג, אָדער אַ רעדנער — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ניין — אַגעשלעג, און ער קאָן זיי זעען — איינער אַ צעבלוטיקטער, אַ קליינינקער, אַ דאַרער; דער צווייטער מיט אַ צעכראַסטעט העמד און מיט א ברייטן געזונטן קאַרק.

וואָס איז געשען? פאַרוואָס דער געשלעג? — עס אינטערעסירט אים צו וויסן, פרעגט ער. זאָגט מען אים: — איבער אַ ניקל. דער קליינינקער דאַרטן האָט באַם סאָבוויי אַראָפּגעלאָזט אַ ניקל, און דער גרויסער, דער "בול" האָט עס אויפגעהויבן און זאָגט, אַז עס איז זיינס; און באַ דעם דאַ־רינקען איז דאָס געווען דער לעצטער ניקל. האָט ער איצט ניט מיט וואָס צו פאָרן אַהיים. ער דאַרף פאָרן זייער ווייט, זאָגט ער און קיין אַנדערן ניקל האָט ער ניט — נו . . .

לעהן האָט געדרייט הין און צוריק מיטן קאָפּ: איבער אַ ניקל, האַ? ווילדע מענטשן ווילדע־ נאַ! — און ער האָט אַרויסגענומען אַ ניקל — נאַ־ט, גיט אים דאָרט אַ ניקל און זאָלן זיי זיך אויפהערן צו שלאָגן. "איטס־עי־שיים" . . .

ער איז געפאָרן ווייטער א פילאָזאָפירנדיקער; אַט־אַ־די קליינינקייטן אין לעבן זיינען דאָך אַזוי ווייט פון אים, דאַנקען גאָט. ביי זיי איז דאָס

געניגען צו זיצן באַ אַזאַ טיש.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין הויז, איז שוין דע ר טיש געווען ג׳רייט. אַלץ האָט געבלישטשעט מיט ווייסקייט, מיט זילבער און מיט גלאָז. אַ פּאַר־

מיסעס לעהן איז פאַרפּוצט. אָה, יאַ... נאָך דעם עסן גייט זי היינט צו אַ ״ברידזש פּאַרדי״. זאָל זי גיין. פרויען דאַרפן אויך האָבן זייער ״פאַן״.

לעהן האָט געגעסן מיט אַפּעטיט .דערציילט וועגן דעם געשלעג אי־בער אַ ביקל און געקוקט אויף לינאַ׳ן. זי איז אַזוי שיין און געשמאַק.. בלוט און מילך... ער האָט אויסגעטרונקען אַ פּאַר גלעזער סאָדע־וואַסער, אָפּגעגרעפּצט, פאַנאַנדערגעשפּילעט דעם גאַרטל. צעעפנט דעם קאָלנער און אויסגעשטרעקט זיך אויפן שטול.

מיסעס לעהן האָט זיך געאיילט. זי האָט שוין אַזוי פאַרשפּעטיקט. גוד־ביי... גוד־ביי,,, אָ, יע... אַ לעטער איז היינט אָנגעקומען פון עמיצן פון יור־ראָפּ אָט איז ער — האָט זי צוגעטראָגן צו אים אַ בריוו. — גוד ביי . . .

ער האָט געעפנט דעם בריוו, גענומען לייענען: ״טייערער אייזיק.. (אייזיק.. פכע.. שוין אַזוי פיל יאָרן ניט געהערט: אייזיק...) איך, דיין פעטער חיים... געראַטעוועט זיך פון גהינום... מומע בריינע. טויט, קינדער אַלע טויט... קינדער... אַלע טויט.. די נאַציס..״ — ער איז געלאָפן איבער שורות, איבער ווערטער, ווי איינלנדיק זיך איבערצוקומען די שווערע אַרבעט. — .. דו.. דער איינציקער.. וואָס. . . קאָנסט אונדז העלפן, נאַקעט און באָר־וועס... הונגעריקע... הילף . . . ״

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט מיטן בריוו און איז געבליבן זיצן ווי אַ צעפּייניקטער. ער האָט אַפילו ניט געקאָנט און ניט געוואוסט פון וואָס צו טראַכטן. אין געדאַנק האָט אָבער געקרעכצט אין אים: אָט... ״אַ נייע צרה״ אַ נייע אַרבעט... ווי אַזוי... וואָס, ווען, ווער.. נו, און ווייטער?

ער איז געזעסן אָן געדאַנק און אָן געפיל און לאַנגזאַם איינגעדרימלט.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך מיט אַ האַרץ קלאַפּעניש. אַזוי כאַפּט ער זיך אויף אָפט, נאָך דעם ווי ער עסט צופיל. אפשר איז עס דער ״בלאַד־פּרע־שור״... אַ דאָקטאָר האָט עס אים אַמאָל געזאָגט. אין צימער איז געווען טונקל. לינאַ איז געזעסן באַם טיש מיט אַ בוך און האָט געלייענט. האָט ער זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן און אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. נאָך ניט שפּעט. אָבער... דאָך שפּעט גענוג צו לייגן זיך שלאָפן.

— לינאַ... — האָט ער אַ זאָג געטאָן ווייך. — מאַכט דאָס בעט, פּליז...

לינאַ איז אַריינגעגאַנגען אין שלאָפצימער מאַכן דאָס בעט. דאָס פאַרטוכל האָט זי שוין אַראָפּגענומען. פון איר דין סיצן־קליידל האָבן זיך געזען אירע שלאַנקע פיס און רונדע קלובעס. און יעדעס מאָל ווען זי האָט זיך איינגעבויגן, האָט לעהן געקאָנט זען איר ענטבלויזטן אקסל. ער האָט דערפילט ווי עס ציטערט אין אים יעדער אבר. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער אַראָפּגענומען דעם קאָלנער און צעשפּילעט דאָס העמד און, שטייענדיק

אַזוי באַם בעט האָט ער פּלוצים אויסגעצויגן זיין הייסע נאַקעטע האַנט און אַ גלעט געטאָן לינאַס אָרעם. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים אַביסל שטרענג
— יעס ? . . .

האָט דאָס האַרץ באַ אים אָנגעהויבן צו קלאַפּן ווי מיט האַמערס. אָבער אירע אויגן האָבן אַזוי געשיינט און איר אָרעם איז געווען אַזוי ווייך און וואַרעם, האָט ער אים אַ כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט און צוגעצויגען צו זיך.

—העי, מיסטער... מיסטער...

מיטן גאַנצן כח האָט זי אים אַ שטויס געטאָן פון זיך און ער האָט ווי דורך אַ נעפּל געזען ווי זי לויפט אין קיך אַריין, און געהערט ווי זי האָט פאַרמאַכט די טיר מיט אַ טראַסק. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט און אין די שלייפן האָט געקלאַפּט און דאָס גאַנצע לייב האָט געברענט; און אַ משא, אַ שווערע משא, האָט זיך אים אויסגעוויזן דריקט אויף אים. די אויגן האָבן געשמאַרצט און דאָס גאַנצע צימער איז געווען אָנגעפּילט ווי מיט שוואַרצן פייער, מיט שפּריצנדיקע פונקען. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בעט, אַנידערגעלייגט זיך, געלעגן אַ ווײַלע ווי אַ צוגעדריקטער און ס'איז אים גע־וואָרן אומעטיק, ביז ווייטיק, ביז חלושות

— אך אך... האָט ער געזיפצט. — אַ שלעכטע וועלט.. אַ פאַסקודנע וועלט.. שלעכטע מענטשן, פאַסקודנע מענטשן... פע!.. אוף. פו! אוף.

„פאַטום נאַסטרום״

די זון האָט גענידערט צו די בלויע בערג. די כוואַליעס, ווי לאַנגע ציטערנדיקע שורות, האָבן זיך געצויגן צו דער וואַרעמקייט פון זאַמד. די שטילקייט אַרום און אַרום האָט אַנגעוויִעט בין־השמשותדיקע שטימונגען, און אויף דער „פּאַטאַ נאַסטרום״, וואָס האָט גערוט אויף דער ים אויבערפ׳לאַך, ווי אַ גיגאַנטישער שוואַרצער פיש, האָבן הונדערטער אויגן געוואָרפן זייערע בליקן ווי בריקן — געגאַרטע בריקן צום געגאַרטן ברעג.

דער נאָענטער ברעג איז אָבער געלעגן אַן אומבאַוועגלעכער, אַ פרעמדער אַ שוויגנדיקער, און אין דער ווייטקייט, אין דער בלויקייט פון די בערג, זיינען ווייסע פלאַכע שטיבלעך געשטאַנען ווי מצבות, און עס האָט געטראָגן פון זיי מיט אייביקייט, מיט שטילן טרויער און מיט סוד.

די כוואַליעס האָבן שטיל געשלאָגן אָן די זייטן פון דער שיף און ביים סאַמע שפּיץ, וואו עס זיינען געלעגן די שווערע קייטן פון דעם אַנקער, האָט געפּליסטערט אַ געשפּרעך. שלום און שרה זיינען דאָרט געזעסן, די הייסע פינגער זייערע פאַרפלאָכטן אין אַ בונד. ביידע שלאַנקע און ביידע טונקעלע. פון זון, פון ווינט און פון יסורים. פאַרצערטע אין רויטע פלאַמען פון ליבע און אין בלויע פלאַמען פון בענקעניש — בענקעניש נאָך אַ היים.

אַלע האָבן שוין געוואוסט, אַז גלייך נאָך דעם מאָלצייט, ווען עס דערנענטערט זיך דער אָוונט, גייען זיי צום סאַמע נאָז פון שיף און זיצן דאָרט, און קוקן אויף די שטערן, און רעדן, און טרוימען. שוין פינף וואָכן אַזוי. און ווען דער רומענישער מאַטראָס שטעפאַנעסקאָ פלעגט אַמאָל אין אָוונט דורכגיין און ניט טרעפן זיי אויף דעם געוויינלעכן פּלאַץ, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן, אַרומקוקן זיך און זוכן זיי: וואו זיינען זיי אַהינגעקומען די צוויי יידישע קינדער, וואָס האָבן צווישן הימל און וואַסער, אויף דער גרויער אַלטער „פּאַטום נאַסטרום״ אויפגעוועקט אין אים אַ חלום פון אַמאָל, פון זיין אייגענער שטורמדיקער יוגנט? . . .

זיי זיינען געווען ניט די איינציקע יונגע טרוימער וואָס האָבן פאַרוואַנדלט די שיף אין אַ פליענדיקן טעפּיך, וואָס האָט זיך געטראָגן צו אַן אויסגעטרוימטער ליכטיקער צוקונפט. צווישן די פינף הונדערט פאַרבונדענע אין איין גרויסער משפחה, זיינען געווען נאָך אַנדערע יונגע און עקזאַלטירטע טרוימער, שלום און שרה האָבן זיך אָבער אויסגעטיילט מיט עפּעס אַ באַזונדערן אויסזען און אינהאַלט, וואָס האָט ווי אַן אַלטער ניגון געטראָגן מיט זיך די שטימונגען און עפּעס אַ טראַגיזם פון פאַרגאַנגענע דורות.

די כוואַליעס האָבן שטיל געגלעט די זייטן פון שיף און ווערטער, ווערטער ווי נאַכטיגאַלן פון ווייטע, היימישע, פאַרנאַכטיקע סעדער, האָבן געטרעלט מיט בענקשאַפט און מיט האָפענונג.

— האָפענונג... — האָט שלום געזאָגט. — בלויז האָפענונג איז אין דעם מאָמענט דער כוח, וואָס פאַרבינדט מיט לעבן.

— אַזאַ שוואַכע האָפענונג... אַזאַ שוואַכע... — האָט שרה געענט־פערט. — איך פיל, גלייך ווי אַ דינער פאָדעם וואָלט געהאַלטן די שיף צו־געבונדן צום ברעג. כ'האָב קיינמאָל ניט געטרוימט צו זיין דאָ... קיינמאָל ניט... און דאָך האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געגאַרט אַזוי ווי איצט אָני־דערצוליייגן זיך אויף דעם זאַמד פון אַט אָט־אָ דעם ברעג און צעוויינען זיך, און זאָגן: נו, דאַנקען גאָט — מיר זיינען אין דעם היים . . .

— זאָרג ניט. מיר וועלן נאָך באַטרעטן דעם ברעג, און מיר וועלן נאָך שפּאַנען מיט די נאַקעטע פיס אין דעם ווארעמען זאַמד, און דו וועסט זיך נאָך וואונדערן וואָס דו האָסט קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ וואונדערבאַרער באָדן צוגעגרייט פאַר אונדז.

— אָך, שלום... דו ביסט אַזאַ אָפּטימיסט און . . . ס'איז מיר אַזוי גוט מיט דיר.. אַזוי גוט . . .

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט געקוקט אויף דעם האָריזאָנט, וואו אַ שיפל מיט אַ טונקעלן זעגל האָט זיך ווי אַ פאַרוואונדעטער פויגל געהוי־דעט אויף בלויע כוואַליעס. שלום האָט געגלעט אירע האָר און געקוקט צום ברעג, וואו ווייט, ווייט האָט זיך געצויגן אַ זיגזאַגישע סטעזשקע, געצויגן זיך ווי אַ דינער רויך פון אַ ליולקע איז פאַרפאַלן געוואָרן אין הימל. זיי האָבן געשוויגן. פון וואָס רעדן? וויפל מאָל האָבן זיי שוין אַזוי פאַנאַנדערגעוויקלט זייערע דורכגעגאַנגענע יאָרן און האָבן ווי פון אַ פאַר־מעט געלייענט, געלייענט אונטער דער שיין פון דער לבנה, אונטער דער שיין פון שטערן און אונטער דער שיין פון אַ קליין עלעקטריש לעמפל. אַזוי פיל מאָל. דאָס שווייגן זייערס איז אָבער אויך געווען אַ וואַנדער איבער דורכגעלעבטע און דורכגעטרוימטע טעג און נעכט. האָבן זיי געשוויגן אַ ווײַלע און ניט געקאָנט איינהאַלטן דאָס וואָרט, וואָס האָט זיך געגאָסן ווי וויין פון איבערגעקערטע קרוגן.

— טו אַ קוק, ווי בלוי עס ווערן די בערג... און ווי דער רויטער פייער פון דער זון צעגיסט זיך איבער דעם הימל... — האָט זי געזאָגט.

— אין מיין שטעטל פלעג איך אויך אַמאָל זען אַ פּראַכטפולן זון־אונ־טערגאַנג, — עס האָט אָבער געפעלט דער שפּיגל — דער ים, — האָט שלום געענטפערט ווי אונטער אַ סורדינע. — איך פלעג ליגן אָפּט מיט מיינע חברים ביים סאַמע ברעג פון וואַלד, און איך פלעג פילן דעם גערוך פון מאַליִנעס — און פון היינטערן וואַלד פלעגט אויך אויפגיין אַ פייער פון דער פאַרגיי־ענדיקער זון; און מיר פלעגן קאַכן מאַמעליגע און זינגען לידער, אָבער

אין דער קוויקעניש מיט דער זיסקייט פון אָונט, פלעגט איבער אונדז יידי־שע בחורימלעך הענגען ווי אַ שוואַרצער גייסט עפּעס אַ מורא פאַר מענטשן, פאַר שקאָצים, פאַר גויים, וואָס האָבן שוין אפילו אין אונדזער יונגער דער־פאַרונג פאַרקנופּט אַזויפיל פיינלעכע קנופּן — אָך... ס'איז אָבער געווען גוט, גוט, גוט — — —

—און ביי אונדז אין שטעטל פלעגט אין אַזאַ אָונט ווערן שטויביק, פון די קי, וואָס פלעגן זיך אומקערן פון פעלד און פון די גויאישע פורן.

וואָס פלעגן איילן אין דאָרף אַריין, אָבער אין דעם שטויב, איבער די דעכער, ערגעץ אין אַ וויטן פרעמדן לאַנד — טאַקע דאָרט הינטער דער שטאָט ביי די גויים — פלעגט אונטערגיין די זון. איך פלעג זיצן אויף דעם גאַניק... מיין טאַטע פלעגט אויסשפּאַנען די פערד; אויפן וואָגן פלעגן ליגן זעק מיט גערשטן און מיט האָבער... און ס'האָט געשמעקט מיט מיאַט־קע און מיט פערדישן אַפּפאַל — כ'זאָג, ס'האָט געשמעקט... איצט דאַכט זיך מיר, אַז ס'האָט געשמעקט. אָבער ביסט גערעכט, ווען דערמאָנסט אָן דעם שוואַרצן וואָלקן, אָן דעם שוואַרצן גייסט, אָן דער מורא... דער מאַמען פלעגט אויסגיין דאָס האַרץ, ביז זי האָט דערזען דעם טאַטן צוריק פון דאָרף; און אַז ער פלעגט אַריינקומען, האָבן זיינע אויגן געלויכטן מיט פרייד — אָבער אויפן פּנים, ביים מויל און אין דער באָרד אַפילו, איז געלעגן אַזוי פיל יסורים — ווי שווער און מיט וויפל שרעק דאָס ברויט איז אָנגעקו־מען . . .

זיי האָבן פּלוצים דערזען, ווי אַ שאָטן פאַלט פון הינטער זייערע פּליי־צעס, האָבן זיי זיך אומגעקוקט. דער מאַטראָס שטעפּאַנעסקאַ איז געשטאַנען הינטער זיי מיט זיין ליולקע אין מויל און מיט אַ שמייכל אין די אויגן:

— בונא סאַרא, דאַמנולע — האָט ער זיך צוגעבויגן צו זיי.

— בונא סאַרא — האָבן זיי ביידע געענטפערט.

—טשי פאַטשע, דאָמנאָטאַ? — האָט ער געפרעגט.

— בונע מולצימעסק — האָט שלום געענטפערט און אַ פרעג געטאָן צי ווייסט ער ניט וואָס עס הערט זיך. ער דאַרף דאָך וויסן — צי וועט מען זיי אַריינלאָזן אין לאַנד, צי ניט — — —

שטעפּאַנעסקאַ האָט מיט מיטלייד אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַ שפּיי־געטאָן אין ים אַריין און געזאָגט, אַז מ'ווייסט נאָך ניט. אָבער... אויב זיי וועט אויסקומען צוריק צו פאָרן, זאָלן זיי ניט זאָרגן, עס וועט זיך געפינען פּלאַץ פאַר זיי אין רומעניע... און וויפל דאַרף אַ מאַן פּלאַץ לעבן אַזאַ שיי־נער דאָמינישאַראַ? ווען ער האָט אָבער דערזען אין שרהס בליק דעם איינדרוק פון זיינע ווערטער, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אַזיפץ גע־טאָן, ווידער אַ שפּיי געטאָן אין ים און מיט אַ שולדיקן שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— בונא . . . סאַרא . . .

ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען האָט שרה אַ זיפץ געטאָן:

— אַך, וואָס פאַר אַן אָנגעלייגטע געסט מיר זיינען דאָרט ביי אים אין זיין לאַנד אין זיין רומעניע . . .

— און ניט נאָר אין רומעניע... — האָט שלום אין דעם זעלבן טאָן געזאָגט. — און דאָס איז אונדזער אומגליק. מיר זיינען געסט. אומעטום זיינען מיר געסט און געסט עסן זיך צו, אפילו די בעסטע און שענסטע געסט . . .

— אַך, וואו נעמט מען די קראַפט, — האָט שלום פאַרקוועטשט מיט די פויסטן — וואו נעמט מען די מאַכט אָוועקצושטעלן אַן אולטימאַטום דער וועלט: אָדער יושר, אָדער אונטערגאַנג. עס דאַרף ניט און עס טאָר ניט עקזיסטירן אַ מענטשהייט, וואָס קוילעט און צעשניידט די העלדזער און די בייכער איינערביים צווייטן... — וואָס פאַר אַ שרעקלעך בילד דאָס איז, ווען דו טראַכטסט זיך אַריין אין דעם — הייגט, וואָס פאַר אַ שווידערלעכער גרויל דאָס איז, ווען דו זעסט עס מיט די אייגענע אויגן און פילסט עס מיט דיין גאַנצן לייב און לעבן —

— רעד ניט... רעד ניט... איך בעט דיך... — האָט זי באַהאַלטן איר פּנים אויף זיין ברוסט.

די זון האָט געענדערט אין דער בלויקייט ווי אַ ברענענדיקער באַלון און די כוואַליעס האָבן געטראָגן אויף זיך אַ רויטן פלאַמיקן פאַס, ווי אַ פייערדיקן קאַם אויפן רוקן פון אַ מיטאָלאָגישן דראַקאָן. די שטילקייט אויף דער דער שיף האָט זיך געהוידעט אומגעשטערט.

שרה האָט געלאָזט אירע בליקן וואַנדערן איבער דעם צער. וואו עס זיינען אין בילדערישע גרופּעס געשטאַנען און געלעגן מענטשן — יידן — מענער, פרויען און קינדער, יעדער איינער מיט זיין אומזעבאַרן הויקער פון יסורים, יעדער איינער מיט אַ בליק, וואָס האָט גערעדט מיט צער.

— אַך, ער גייט שוין ווידער... — האָט שרה אַ זאָג געטאָן.

— ווער? שטעפּאַנעסקאָ?

— ניין, אָסיפּ.

— אַה, אָסיפּ... — האָט שלום אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַ קוק צו טאָן.

אָסיפּ איז געגאַנגען גלייך צו זיי, אָבער מיטאַמאָל איז ער געבליבן שטיין, גלייך ווי דערזעענדיק עפּעס דאָרט ווייט, ווייט אין דער רויטקייט פון דער פאַרגייענדיקער זון. דאָס הויכע, דאַרע געשטאַלט זיינס, מיט דער שוואַרצער טשופּרינע צעפּאַטלטע האָר און די פּאָזע זיינע ביי דעם פּאַרענטש פון שיף, מיט דער ליולקע אין מויל, האָט זיך געבעטן געמאָלן צו ווערן. און ניט איין מאָל האָט אָסיפּס געשטאַלט פאַרכאַפּט שלומס אויג און פאַנטאַזיע און ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי ער מאָלט אים אָט אַזוי ווי ער איז, דעם מיסטעריעזן, אומפאַרשטענדלעכן יידישן וואַנדערער, וואָס איז אַזוי צוציענדיק און וואָס וואַרפט אין דער זעלבער צייט עפּעס אַ מורא און שרעק מיט זיינע ווערטער און האַנדלונגען. איבערהויפּט האָט שרה לעצטנס

געשראָקן זיך פאַר אים. זי האָט אַליין ניט געוואוסט פאַר וואָס, אָבער יע־דעס מאָל, וואָס ער האָט געקוקט אויף איר און גערעדט צו איר, האָט זי גע־פילט אַ מאָדנעם ציטער.

זי האָט אים באַגעגנט אין בוקאַרעשט, אין דער שטאָט, וואו טויזנטער אידישע פליטים האָבן געמאַכט זייער היים און געוואַרט אויף עפּעס אָן אויסלייזונג.

אין זיין עלנטקייט, אַ דורכגעברענטער נאָך פון קינדוויז אָן אין לע־בנס קאַמף אויף די אַלטע בוקאַרעשטער גאַסן "קאַליא וואַקאַרעשטי" און "קאַליא דודעשטי", איז ער געוואָרן אַ שאַרפער ווי אַ שווערד. און ווען שרה האָט אים צום ערשטן מאָל געזען, האָט זי געמיינט, אַז ער איז אַ רומענער.

ער איז געשטאַנען באַ דער טיר פון דער שיף־אַגענציע און גערוי־כערט זיין ליולקע. אויך ער, ווי די איבעריקע, האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער האָפנונג פון ווייטן גליק, וואוהין די שיף, די "פּאַטום נאָסטרום" האָט באַדאַרפט פירן.

אויך ער, דערזעענדיק שרהן, האָט ברייט צעעפנט די אויגן און, גע־קוקט אויף איר, ווי אויף אַן אַטפלעקונג. שפּעטער, ווען זי איז אַרויסגעקו־מען פון קאַנטאָר, איז ער איר נאָכגעגאַנגען און צוקומענדיק נאָענט צו איר, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— אַנטשולדיקט... עס וואָלט זיך מיר געוואָלט באַקענען זיך מיט אייך. איך גלויב אַז מיר זיינען ביידע אויף דעם זעלבן וועג. צו דעם זעלבן ציל מעגן מיר גיין צוזאמען — — —

— אויב איר ווילט. — האָט זי געענטפערט, דערפרייט פון זיין יידיש ריידן.

האָט ער זי אָנגענומען אונטערן אָרעם און האָט געזאָגט: — זאָל אייך ניט באַליידיקן מיין דרייסטקייט און אָפענער צוגאַנגאַנג. איך וויל זיין ווי איך בין און וואָס איך בין, און איך האַס צערעמאָניעס.

— נו, גוט, זייט ווי איר זענט און וואָס איר זענט, — האָט זי אַ שמייכל געטאָן.

— עס איז שווער צו טרעפן מענטשן, וואָס לאָזן זיך גלייך באַהערשט ווערן פון ספּאָנטאַנע עמאָציעס, געדאַנקען און טאַטן. מייסטנס מעסט מען יעדן שריט און טראָט, יעדן געדאַנק און וואָרט. און צוליב וואָס? צוליב וואָס, פרעג איך אייך? מ׳פאַרלירט דאָך אָפט אַזוי פיל פון דעם... אָט איר... ווען איר זאָגט מיר אָפּ צו גיין מיט אייך, וואָלט איך דאָך פאַרלוירן אייך און ווער ווייסט, אפשר אויף אייביק.

— יא. — האָט זי געזאָגט שוין ערנסטער. — אָבער דענקט איר ניט, אַז איר פאַרלויפט שוין מיט אייער געדאַנק און פאַנטאַזיע אַביסל צו ווייט?...

— ס׳איז ניט צו ווייט, ווען מיין געדאַנק איז שוין דאָרט, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן און זי האָט דערזען זיינע ווייסע ציין. — אַט האַלט איך אייער אָרעם, אַזאַ גוטן, וואַרעמען אָרעם, און גיי מיט אייך אין איין שפאַן. איז דאָס ניט וואונדערבאַר? איז דאָס ניט שיקזאַל?

— איר זענט אַן ענטוזיאַסט און, ווי ס׳ווייזט אויס, אַ טרוימער.

— ניין, איך בין ניט אַן ענטוזיאַסט, — האָט ער געענטפערט. — פאַרקערט, איך בין אַ סקעפּטיקער און אַ פעסעמיסט און דאָס איינציקע אין וואָס איך גלייב איז נשמה, מוזיק און שיינקייט .

— פאַוואָס זשע זענט איר אַ פעסעמיסט? איך גלייב אַז אייער גלויבן אין נשמה און שיינקייט איז גאַנץ גענוג . . .

—אַבסאָלוט גענוג! — האָט ער פעסט און מיט עפּעס אַ ציטער אין דער שטימע געזאָגט. — מיין פעסעמיזם קומט אָבער טאַקע פון אָט־אָ דעם גלויבן. איך גלייב, אַז ס׳איז גענוג די נשמה און דער גלויבן אין נשמה. די נשמה איז אָבער... ווי זאָל איך עס זאָגן... נו, די נשמה, לאָמיר זאָגן, איז ווי אַ וואונדערבאַרע לופטשיף, וואָס פליט, פליט, פליט אין די וואָלקנס — אונטער דער זון, און אונטער די שטערן, און אונטער דער לבנה, און איך און איר און די וואונדערבאַרע מוזיק אין אונדז זיינען אין דער שיף. אָבער די נשמה קאָן ניט פליען אייביק אָן אָפּשטעל, די לופט־שיף מוז געפינען פאַר זיך ערגעץ אַ פּלאַץ צו לאַנדען, צו רוען, אָנצונעמען זיך מיט ווייטערדיקער ענערגיע, מיט אינספּיראַציע, מיט טרייב־קראַפט — איז אָבער ניטאָ וואו צו לאַנדן — ניטאָ. בלויז שפּיציקע בערג און סקאַלעס אונטן — און טייכן בלוט, און שאַרפע ציין, און מערדערישע הענט — און אַלעס איז פאַרוויקלט אין רויך און אין פלאַם, אין פלאַם און אין האַס — אַ פייער! אַ פייער!

— גלויבן איז גוט, ווען עס גייט צוזאַמען מיט האָפענונג, — האָט זי געענטפערט אויף זיינע ווערטער.

— איז נאָך פאַראַן ערגעץ אַ האָפענונג? — האָט ער געפרעגט.

— די "פאַטום נאַסטרום" — איז אונזער האָפנונג איצט.

— די "פאַטום נאַסטרום"... האָט ער קרום אַ שמייכל געטאָן. — ווער ווייסט . . .

— מיר האָפן. — האָט זי שטיל געזאָגט.

— יאָ... מיר האָפן . . .

זיי זיינען געגאַנגען אַ ווײַלע שווייגנדיק פאַרטיפט אין די אָנגעלאָפענע געדאַנקען, געדאַנקען וואָס האָבן דערמאָנט און געפייניקט, געשפּרונגען און געשראָקן מיט ענטוישונגען ווי שוואַרצע שאָטנס.

— איר זענט אַליין? — האָט ער פּלוצים אַ פרעג געטאָן.

— ניין... איך בין מיט מיין פריינט, מיט מיין חתן.

—אה . . .

— ער איז אַ מאָלער.

— און איך בין אַ קלעזמער.— האָט ער געזאָגט.
— איר, איר זענט אַ מוזיקאַנט? — האָט זי זיך דערפריייט.
— מיין טאַטע איז געווען אַ קלעזמער.
— וואו שפּילט איר?
— אין רעסטאָראַנען — וואו עס טרעפט זיך.
—איך וואָלט געוואָלט הערן איך שפּילן.
— איר וועט נאָך הערן.
ווען זיי זיינען צוגעקומען צום טראַמוואַי זיינען זיי געבליבן שטיין.
—דאָ דאַרפן מיר זיך צעשיידן. — האָט זי געזאָגט.
— אויב מיר דאַרפן — דאַרפן מיר. כאָטש עס גלוסט זיך ניט.
— מיר וועלן זיך נאָך זען. — האָט זי אַ שמייכל געטאָן.
— מיר מוזן זיך זען... דאַמניטשאַרא...?
— שרה.
— גוט, שרה. מיין נאָמען איז אָסיפּ. מיין מאַמע פלעגט מיך רופן יאָ־סעלע.
— גוט, יאָסעלע... לאָ רעווידערי . . .
ער האָט אַ קוק געטאָן אין אירע אויגן מיט אַ מעלאַנכאָלישן בליק, אַנגענומען איר האַנט און אַ קוש געטאָן אירע פינגער.
— לאָ רעווידערי — דודויא. — האָט ער זי אַרומגענומען מיט די בליקן און געלאָזט אירע פינגער אַרויסגליטשן זיך פון זיין האַנט.
אין יענעם טאָג איז שלום געווען טרויעריק. שרהס ווערטער וועגן דעם פידלשפילער אָסיפּ האָבן געוואָרפן אויף זיין האַרץ, ווי אויף אַ פּאַ־ליטרע שוואַרצע און בלויע פאַרבן. ער האָט אים געזען דעם יידישן צי־גיינער, ווי ער שטייט אַ שלאַנקער מיטן פידל אין האַנט, ווי ער לייגט דעם פידל ביי שרהס פיס און קושט אירע לאַנגע פינגער.
און ווען ער האָט אים דערנאָך מיט וואָכן שפּעטער צום ערשטן מאָל דערזען אויף דעם דעק פון שיף, האָט ער אים גלייך דערקאַנט. שרה האָט שוין ניט באַדאַרפט אָנווייזן אויף אים און זאָגן: זעסט, אָט איז ער.
ער איז געשטאַנען מיטן פוטלאַר אין האַנט און געקוקט אויף שרהן ווי אַ פאַרצויבערטער. און שלום האָט געזען ווי זיינע פינגער טראָגן מיט אַ גראַציעזן זשעסט אַ לופט־קוש צו שרהן. איבער די קעפּ פון מענער, פרוי־ען און קינדער האָט זיך געטראָגן זיין קוש. און ווען שרה האָט אַראָפּגע־לאָזט אירע אויגן, האָט זיך שלומען אויסגעוויזן, אַז זי קוקט אויף דעם קוש, וואָס איז געפאַלן ביי אירע פיס ווי אַ פאַרליבט האַרץ.
עס זיינען געגאַנגען טעג און נעכט.
די שיף ביי די ברעגן פון קאָנסטאַנצא האָט זיך ניט גערירט, ווי אַ צוגעשמידטער גיגאַנטישער שוואַרצער פיש, איז זי געלעגן און קוים, קוים געוויגט זיך אויף די כוואַליעס. די טעג זיינען געווען זונקע און שטילע און

די נעכט קילע און שוואַרצע.

אין די געדערים פון דער שיף און אויף דעם דעק האָבן זיך געוועבט און געמישט טרויער און האָפענונג, טרערן און גלויבן, אַפּאַטיע און אומגעדולד. די מאַלצייטן ביי די ניט־געדעקטע טישן האָבן דערמאָנט אָן דער אָרעמקייט פון אייגן שטעטל און אָן עלטערן, שוועסטער און ברידער. די געשפּרעכן האָבן זיך געצויגן ווי טרויעריקע פּראָצעסיעס; פאַמיליעס און איינזאַמע נשמות — אַלע אין קלעם פון הונגער, פאַרצווייפלונג, האָפנונג און כאַאָטישן פאַטאַליזם.

אין די אָוונטן האָבן זיך די דרייסטערע פון דער יוגנט געלאַזט איבער דעם בריקל פון שיף צום שטיינערנעם פּאָרט און געגאַנגען איבער די ברוקירטע גאַסן און געסלעך צו צוויי און צו דריי; אָפּגעשטעלט זיך ביי די קראָמען, געקוקט אויף די מאָהאָמעדאַנישע מינאַרעטן, געזעסן ביי די שטיינערנע ברעגן און צוגעהערט זיך צום זיפץ און קרעכץ פון די כוואַליעס; פון ווייטנס האָט געוואונקען דער לייכט־טורעם און ערגעץ פון אַ טעראַסע ביים ים האָט זיך געטראָגן מוזיק.

שרה, שלום און אָסיפּ זיינען געגאַנגען צוזאַמען. צוזאַמען געשלונגען די מעכטיקע ווייטקייט, רעפלעקטירט און געטיילט זיך מיט די געדאַנקען, וואָס האָבן ווי מעוועס געפלאַטערט אויף אומרואיקע כוואַליעס. עס איז געוואָרן שווערער פאַר שלומען און שרהן אָפּצוטיילן זיך און בלייבן אַליין, אָסיפּס אָנוועזנהייט איז אָבער געווען אנגענעם. ער האָט שיין געזונגען. געזונגען אידישע פאָלקסלידער און רוסישע ראָמאַנסן און רומענישע דאָינאַס און שרה פלעגט קוקן אויף אים און וואונדערן זיך, ווי עס בייטן זיך אין אים די שטימונגען. אָט איז ער שטיל ווי די כוואַליעס ביי דער שיף און ער זינגט ווערטינסקיס סענטימענטאַלע ראָמאַנסן, און אַזויפיל צאַרטקייט ליגט אין זיין שטימע, און אַזוי פיל ליבע און טרויער אין זיין בליק; און אָט ווערט ער שטורמדיק און שפּרינגט אויף ווי אַ ווילדער, און זי זעט, ווי זיינע פינגער קריכן קאָנוואולסיוו אין זיינע צעשויבערטע האָר און די באַקן זיינע ווערן נאָך מאָגערער און טונקעלער און די ווערטער שטורעמדיקע, ווי די כוואַליעס ביי די שטיינערנע סקאַלעס. ער רעדט און רעדט... און עס שפּרינגען און עס קריכן וואָרט אויף וואָרט, פראַזע אויף פראַזע — און די וועלט, און די מענטשהייט, די נשמה, די ליבע — אַלץ איז הבלהבלים, אַלץ איז ליגן און זעלבסטהיפּנאָז, כאַאָטישער, אומזיניקער שפּיל פון אַ זינלאָזער אומפאַרשטענדליכער קראַפט... אַ פייער! אַ פייער! — פלעגט ער זיך צעשרייען און מיטאַמאָל אָפּרייסן זיך און אַנטלויפן ערגעץ צו איינזאַמקייט און צו די בערגיקע כוואַליעס.

— ווייסט, מיר דאַכט זיך אָפט, אַז ער איז אַ צעדרייטער, אַ משוגענער עפּעס . . . פלעגט שרה זאָגן צו שלומען.

—אפשר ביסטו גערעכט. — האָט איר שלום געענטפערט וועגנדיק

אירע ווערטער אין געדאַנק. — דעם מענטשנס פּסיכיק איז ווי אַ וואַגשאָל און אָפט איז זייער שווער צו באַלאַנסירן די שאָלן און האַלטן זיי אין גלייכ־געוויכט.

די פּאַטום נאַסטרום" איז שוין געווען אין ים און די פרייד האָט זיך געלייגט ביי די פיס און די האָפענונג האָט זיך געהויבן צו די וואָלקנס. און אַ סזיינבן אַוועק טעג און נעכט און די שיף, ווי געטריבן פון דער האָפענונג איז צוגעקומען נאָענט צום געגאַרטן ברעג. און שיין און גוט האָט אויסגע־זען דער ווייטער ברעג, און די געשפּרעכן האָבן זיך געבונדן און געפלאָכטן, ווי די נערוועזע ציטערדיקע פינגער אויף די הענט. און ספּעקולאַטיוו, און אומזיכער, און אומפאַרשטענדלעך זיינען געוואָרן די שעה׳ן און דערנאָך די טעג, ווען די בריקן צום וואַרעמען זאַמדיקן ברעג זיינען ניט פאַרוואָרפן געוואָרן.

— נו, פאַרוואָס לאָזן זיי אונדז ניט אַריין? נו, פאַרוואָס? — האָט יע־דער איינער געפרעגט, און יעדער איינער האָט געענטפערט זיך אַליין, אַז — אָט דאָס איז לעבן, דאָס איז מלחמה, דאָס איז אומרעכט, דאָס איז שיק־זאַל, דאָס איז דער גלות, וואָס טרייבט פון לאַנד צו לאַנד, פון גיהנום צו גיהנום. אין די אונטן האָבן נאָך די יונגוואַרג, דערוואַרעמטע מיט דעם טרוים און פון דער אַרומיקער עקזאַטישקייט, געזונגען און געטאַנצט די האָרא און דערנאָך, ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן אין קופּקעלעך און גערעדט, גערעדט... כאָטש די מאַטראַסן האָבן געטריבן שלאָפן.

שרה, שלום און אָסיף פלעגן זיצן שפּעט, אָבער אָסיף האָט אַלץ אָפּ־טער אָנגעהויבן אויסמיידן זיי און איין מאָל אין אַ אָוונט, נאָך דעם, ווי ער האָט אָפּגעשפּילט פאַר זיי אויף דער פידל האָט ער זיך אויפגעהויבן און מיט אַמאָל אַ רייס געטאָן די סטרונעס, און דער קלאַנג פון די צעריסענע סטרונעס האָט ווי אַ קרעכץ געטאָן אין שרהס האַרץ.

— איך קאָן מער ניט... איך וועל מער ניט... איך וועל מער ניט שפּילן... איך שווער, איך וועל מער ניט שפּילן, ביז מיין פוס וועט באַטרעטן דעם ברעג, דעם ברעג, וואָס איז מיינער, מיינער — אַ ברעג פאַר מיר, פאַר אַ מענטשן . . .

ער איז אַוועק פון זיי און שרה האָט געקוקט אויף שלומען מיט טרערן אין די אויגן און זיי האָבן ביידע געשוויגן.

אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי געזען, ווי ער זיצט ביים סאַמע ברעג פון פאַרענטש און בלויז אַ ריר, וואָלט ער אַראָפּגעפאַלן אין די טיפע וואַסערן.

— אָסיף... קום אַראָפּ... וואָס איז מיט דיר? — איז שלום צוגעגאַנ־גען צו אים. — דו קאָנסט דאָך נאָך אַרונטערפאַלן!

— טיפער איז ניטאָ וואו צו פאַלן. — האָט ער געענטפערט און ניט אומגעקוקט זיך אַפילו.

און וואָס אַ טאָג האָבן שלום און שרה אַלץ מער און מער געשראָקן

זיך פאַר זיינע שטימונגען און פאַר זיינע בליקן. עפּעס הפקרדיקס און ווילדס איז געווען אין זיינע אויגן, אין זיין פּלוצימדיקן אויסברוך פון געלעכטער, אין דער קאָנוואולסיוויקייט פון זיינע פינגער און אין זיינע אויסגעשרייען: אַ פייער! אַ פייער!

—ער איז משוגע . . . משוגע . . . — איז שלום איין מאָל צוגעקו־מען אַ צעווייטיקטער צו שרהן. — איך האָב מורא פאַר אים.

דער אָוונט האָט געענדערט אין הימלישע פלאַמען.

שרה האָט געקוקט אויף אָסיפן, וואָס האָט זיך דערנענטערט מיט שנעלע, נערוועזע טריט . . .

אויב ער רעדט, לאָז אים רעדן, — האָט שלום געזאָגט. — אַמפּער זיך ניט מיט אים. אין זיין צושטאַנד וועלן קיינע אַרגומענטן ניט העלפן. לאָז ער זיך אויסריידן דאָס גאַנצע האַרץ, וועט אים אפשר גרינגער ווערן.

אָסיפּ איז צוגעקומען:

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע און פּלוצים אַ פרעג געטאָן: — האָט איר שוין געהערט די נייעס?

— וואָס פאַר אַ נייעס? — האָט שלום געפרעגט.

דער קאַפּיטאַן זאָגט, אַז פאַרטאָג פאַרלאָזן מיר דעם ברעג. איך אַליין האָב מיט אים גערעדט.

— און וואָס וועט זיין מיט אונדז? — האָט זיך ביי שרהן אַרויסגע־ריסן.

— לאַ דראַקולאַ! צוריק צום טיטול! אָט וואָס עס וועט זיין מיט אונדז!

— האָבן אָסיפּס ווערטער אַ ברי געטאָן ווי מיט פייער.

— עס קאָן ניט זיין! עס קאָן ניט זיין! — איז שלום אויפגעשפרונגען.

— צוריק פון דאַנען? פון ברעג? פון לעצטן שפּאַן?!

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך אָסיפּ צעלאַכט, און זיין געלעכטער האָט אָפּגעהילכט אין שרהס האַרץ מיט היסטערישן וואַנזין. — כאַ־כאַ..! איר זעט די זון?... האָט ער זיך צוגעבויגן צו זיי, — איר זעט, ווי זי פאַרגייט אין רויטן פלאַם, אין רויטן פייער? איר זעט?! ווען איך בין דער קאַפּיטאַן פון דער שיף, וואָלט איך זי געפירט גלייך אַהינצו... גלייך אין דער זון אַריין... גלייך אין די פלאַמען אַריין... גלייך אין די פייער אַריין . . .

שלום און שרה האָבן געקוקט אויף זיינע אַנגעצונדענע מיט וואַנזין אויגן און זיי האָבן ניט געוואוסט, צי רעדט אין אים דער קלאָרער שכל, צי דער צעפלאַקערטער מוח.

— לאַ רעווידערי, פריינט... — האָט ער מיט זיין כאַראַקטעריסטישן זשעסט אַ צי געטאָן אַ קוש פון זיינע ליפּן. — לאַ רעווידערי... איך וועל אייך נאָך זען. אויף אונדזער ראַנדעוואו... דאָרט... — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף דעם פּורפּור־רויטן ראַנד פון הימל. — דאָרט . . .

אויסגעדרייט זיך און געלאָזט זיך גיין מיט נערוועזע, שנעלע טריט צום אָפענעם טרעפיקן מויל, וואָס האָט געפירט אין די געדערים פון שיף.

— ער איז צערודערט... שרעקליך צערודערט... און ווען דו ביסט ניט מיט מיר, ווייס איך ניט, צי איך וואָלט געפילט בעסער.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צום מיטן דעק, צו די רעדלעך פאַרצווייפל־טאָע וואָגלער און האָבן זיך צוגעהערט צו זייערע רייד און געטיילט מיט זיי די ביטערקייט פון דער לעצטער בשורה אין דער בלויקייט פון בין־השמ־שות.

— קום... ניטאָ מער וואָס צו ריידן... — האָט שלום געצויגן שרהן צו זיך. — וואָס ס'וועט זיין מיט אַלע, וועט זיין אויך מיט אונדז. מ'קאָן ניט שפּאַלטן דעם ים ניט מיט רייד, ניט מיט צער און ניט מיט האַרמאַטן אפילו.

די כוואַליעס האָבן שטיל געקלאַפּט אין די זייטן פון דער שיף. דער אָוונט האָט געענדערט, שפּרייטנדיק דורכזיכטיקע וואָלקן, וואָל אויף וואָל... ביז עס איז געוואָרן טונקל, ביז עס איז געוואָרן נאַכט — שטילע, שוואַרצע, מיט טרויער איינגעהילטע נאַכט.

ווייט ווייט אויף דעם האָריזאָנט, באַם סאַמע ראַנד איז אַ ווײַלע גע־לעגן נאָך אַ רויטער פּייערדיקער פּאַס, ווי אַ שאַרף אָנגעגליט מעסער... און אויך, דער דינער, פייערדיקער פּאַס איז לאַנגזאַם, לאַנגזאַם פאַרשווּנדן געוואָרן אין סאַמע האַרץ פון דער פינצטערניש.

ס'איז שוין געווען שפּעט. די שיף אויפן ים איז געלעגן ווי אַ טונקע־לער מאָנסטערהאַפטער פיש און געקוקט מיט איין אויג — מיט אַ פייערדיקן אויג פון מאַסט. אָבער טיף אין די געדערים האָבן אַלטע קעסלען, ווי אַלטע הערצער געגומען לאַנגזאַם, לאַנגזאַם זידן און קלאַפּן... "פּאַטום נאַסטרום" האָט זיך געגרייט אין וועג אַריין.

די טיפע נאַכט איז געלעגן שטיל... אָבער הונדערטער הערצער האָבן געקלאַפּט אין איר אין אוניסאָן מיט די מאָטאָרן... און די לעצטע, ווי פאַר־שפּעטיקטע האָפנונגען־שאַנס האָבן זיך אָפּגעטיילט און געטראָגן זיך אין דער נאַכט אַריין אויף שווערע זיפצן.

און מיטאַמאָל האָט אַ פאַרטויבנדיקער דונער אין די סאַמע געדערים פון דער שיף צעריסן די פינצטערע נאַכט מיט מוראדיקן קראַך און בערג פון וואַסער און פלאַם האָבן אין טיטאַנישן כאַרכל געגומען קריכן אײנער אויפן צווייטן... און אין די קרעמפן און אין זידעניש האָבן זיך אין פייער און אין רויך, ווי פון געשוואָלענע אויפגעריסענע בייכער, צעטראָגן די קערפּערס פון די וואַנדערער.. פרויען, קינדער, מענער . . .

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם האָט די "פּאַטום נאַסטרום" געזונקען אין ים. און די נאַכט האָט זיך געוויגט אויף די כוואַליעס, גלייך ווי עס איז גאָרניט, גאָר־נישט ניט געשען.

שיקאַגאָ, 1947

דאָס בוך איז פון דער
איקוף ביבליאָטעק
... יאָרק